STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00814

# ALE LIDER UN POEMES

## Mark Schweid

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Irving & Esther Bashevkin*
*in memory of*
*Annie & David Bashevkin and Anna & Harry Green*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# אַלע לידער
# און פּאָעמעס

מאַרק שווייד

# אַלע לידער און פּאָעמעס

פאַרלאַג פּרץ / ניו יאָרק

MARK SCHWEID

# COMPLETE POEMS

COPYRIGHT 1951,
BY MARK SCHWEID

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK
438



אין דעם בוך איז איינגע־זאמלט מיין גאנצער פאעטישער ווערט. איבערלעבונג איז היינט כמעט אן אפגעלעבט ווארט. אבער מיר דוכט זיך, אז דאס טיפסטע וואס א דיכטער קען זאגן צו באשטעטיקן די עכטקייט פון זיין פאעזיע איז, אז ער האט זיינע שטימונגען ווען עס איז אין א דערהויבענעם מאמענט, איבערגעלעבט. דאס איז אמת וועגן ליריק, ווי וועגן עפיק, און עס שליסט נישט אויס די באלאדע. אין 1909 האב איך צום ערשטן מאל געהערט פרץ׳ס טיפע און בלייבנדיקע ווערטער וועגן עטלעכע „לידער אין פראזע״, וואס איך האב אים פארגעלייענט אין דער אומפארגעסלעכער שטוב אויף צעגלאנע איינס. זיינע גליענדיקע רייד האבן זיך פאר־ענדיקט מיט דעם צוזאג: „איר זענט נאך יונג. ווען איר וועט עלטער ווערן, וועט איר האבן אידייען אויך״. מיט א יאר שפעטער האט נאמבערג אפגעדרוקט מיינע ערשטע לידער. משה טייטש פלעגט מיך אויסהערן אין פארנאכטן מיט טיפער פאר־שטענדעניש און ער האט אויך אפגעדרוקט עטלעכע פון מיינע לידער. דאס איז געווען מיין ערשטער לירישער אויפגאנג אין א צייט ווען איך בין געווען פארשלונגען פון דער פוילישער פאעזיע און פון דער זון־אויפגייענדיקער יידישער אטמאספערע ארום פרץ׳ן.

אין 1911 בין איך אוועק קיין ווין. צארטע און קאמפליצירטע אידייען און איבערלעבונגען האבן זיך דארט געשטאלטיקט אין לידער. סוף יאר בין איך אנגעקומען אין אמעריקע, וואו זיי האבן באגעגנט אפענע ארעמס. רייזען האט זיי געדרוקט אין „דאס נייע לאנד״, פינסקי אין זיין „וואכנשריפט״, זאקס און שפעטער ליעסין, אין דער „צוקונפט״. די מאטיוון זיינען געווען: גאט, פרעמדקייט, אפגעריסנקייט פון די ווארצלען, בענקשאפט צום שורש און שטענדיק דער אייביק יוגנטלעכער מאטיוו פון ליבע. ווען די יוגנטלעכע פאסיע איז געווען אויסגעשעפט, האב איך אויפגעהערט שרייבן. די יארן נאך פרץ׳עס טויט האבן זיך

אַנגעהויבן דערוויטערן און אין האָב געוואָרט אויף זיין צוזאָג. צען יאָר שפּעטער, אין 1921, איז דערשינען מיין ערשט בוך, „בורשטינענע שיסלען". דאָרט איז נישט געווען קיין איינציקע שורה פון יענער ערשטער ליריק. דאָס זענען געווען די ערשטע נייע שטימונגען פון דיסטילירטע איבערלעבונגען פון אַ היימישן יונגען ייד אין דער נייער וועלט. איך האָב געזונגען די פּיין פון פאַרלוירנקייט און דאָס שטרעבן זיך צו אַ נייער זון.

וועגן די ווייטערע יאָרן וויל איך דאָ נישט רעדן. איך האָב אויך די לידער אין דעם בוך נישט אויסגעשטעלט כראָנאָלאָגיש, בכדי אויף אַזאַ אופן צו באַווייזן דאָס אויפוואַקסן און אויפשטייגן פון מיינע לידער. נישט פאַר מיר און נישט פאַר דעם לייענער איז דאָס וויכטיק. די לידער זענען אויסגעשטעלט לויט מאָטיוון און שטימונגען, וועלכע לויפן אָפט מאָל צוזאַמען אין אַ צייט־אָפּשניט.

אַ סך לידער אין דעם בוך ווערן דאָ געדרוקט צום ערשטן מאָל. דאָס וואָרט „אַלע" אין טיטל פון בוך באַנוץ איך באַוואוסטזיניק מיט דעם גלויבן, אַז דאָס ליד פאַרקלונגט אויף אַ צייט און אַפילו דער פּאָעט וועט דאַרפן רעדן אין געלייטערטע פּראָזע.

דאָ דריק איך אויס מיין טיפן דאַנק צו דער צאָל פערזענלעכע פריינט, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט דאָס אַרויסגעבן פון דעם בוך. די פינף, וועמען איך בין שולדיק אַ באַזונדערן דאַנק, זענען: הלל ראַגאָף, נחום כאַניו, לואיס סיגאַל, ראובן גוסקין און יעפים ישורין. אַ דאַנק זייערע חשובע נעמען האָט דאָס בוך געקענט געבראַכט ווערן צום לייענער.

פאַר דעם צוזאַמענשטעל בין איך אַליין פאַראַנטוואָרטלעך. אַ קינסטלער שעמט זיך אָפט מיט זיינע פאַרגאַנגענע דערגרייכונגען. דאָס ליכטיקסטע איז פאַר אים אַלע מאָל אין דער אַרבעט פון זיינע שפּעטערע טעג. אין דעם בוך גייט אַריין אַלץ וואָס קען מיר לייכטן אין דער צוקונפט.

**מאַרק שווייד**

דאָס בוך איז פֿאַר
דבורהין מיין ווייב

# אינהאַלט:


| | זייט |
|---|---|
| **ליכט אין אָפּגרונט** | |
| אַקעראייזן | 15 |
| פֿאַרשטויסענער | 15 |
| איין איינציק ליד | 16 |
| צוקונפט | 16 |
| אַ שטיקל ערד | 17 |
| פּיין | 17 |
| ליכט | 18 |
| יענע טעג | 18 |
| פֿאַרנאַכטיק גאָלד | 19 |
| לעבן און ליבשאַפֿט | 19 |
| **ווען עס ווערט ווידער טאָג** | |
| דאָס ייִנגל | 21 |
| די שיף | 22 |
| דער רעגנבויגן | 23 |
| דער וואָגן | 24 |
| דער אָדלער | 25 |
| די נשמה | 26 |
| די שלאַכט | 27 |
| די גלעקער | 28 |
| דער טייך | 29 |
| די טויב | 29 |
| **בורשטינענע שיסלען** | |
| דער בריוו פֿון די זיבן ברידער צו די זיבן ברידער | 31 |
| וועגן וואונדערלעכע פּרימאַרגנס | 32 |
| אַרום ליכט בענטשן | 35 |
| אַ ייִדישער, אַ אידעאַלער | 37 |
| אַ שטיקל ברוינער סאַמעט | 40 |
| דאָס ליד פֿון מיין אומעטיק בלוט | 41 |
| די שול, די שול מיין ליבער | 43 |
| אַ טאָג מיט ים־באַגלייטונג | 47 |
| מיניאַטור אין דער סאַד גאַס | 48 |

| | זייט |
|---|---|
| פּאָר אַ שלש סעודות און פּאָר אַ מלוה מלכה | 49 |
| אַן אָוונט אין שטוב | 51 |
| ממעמקים | 54 |
| מיטן וועג פֿון דורות | 55 |
| לעוויט׳ס טאַבאַק | 56 |
| מר. גמזו׳ס סדר | 57 |
| אַז אַ ייד איז נישט קיין קרוב | 61 |
| זוכנדיק אַ הייליק וואָרט | 64 |
| דריי בורשטינענע שיסלען | 66 |
| וואו איז דאָס לאַנד | 68 |
| וועגן דעם אויסטערלישן קאַרטל | 69 |
| וועגן געבעקס | 76 |
| נפתלי לויפּט | 77 |
| ביי אַ היימישער סעודה | 78 |
| גראַנאַטן און מילגרוימען | 79 |
| רועגדיק | 80 |
| פּאָר אַ זיידנוועבער | 81 |
| יונגע ליבע | 82 |
| ביים קנאה׳דיקן אַנבליק פֿון אַל־טעגלעכע שיינקייטן | 83 |
| דער הימן צו דיין בליק | 84 |
| דער וואַלד באַרג | 85 |
| באַטאַנישער צווייפל | 86 |
| דאָס טרויעריקע ליד פֿון רויטן בוים | 87 |
| וועגן מיטוואָך און שבת | 88 |
| וועגן דעם ריח פֿון קלייען | 89 |
| איבערן כסא הכבוד | 91 |
| **אָרימקייט** | |
| דאָס ריינע וואָרט | 93 |
| דאָס ליד פֿון פּראָסטן אָרימאַן | 94 |
| דער שטילער ים | 95 |
| די ערד איז דיינע | 96 |
| פֿאַרצווייפל נישט | 97 |
| אייביק דער פּאָעט | 98 |
| ליים און שטאָל | 99 |

זייט

דיכטונג אונדזערע פון היינט 100
אַ קוואַל פון ליכט 101
אין טיפן גלויבן 102
פּראָסט יידיש 103
אויפשוואונג 104
אין וועג ביינאַכט 105
איך בין ווי דו 106
דאָס ליד פון פרייד 107
איין קליינע בלום 108
אַ לעבל ברויט 109
דער אַלטער וואַלד 110
ברויט און דאַך 111
לעגיאָנען קומען 112
דער האַרטער מענטש 113
די יונגע טעג 114
איך ברען מיט אייך 115
אַזוי דערגרייכסטו אַלץ 116
דער פּראָסטער מענטש 117
מיין שיינקייט 118
אין ריינע לידער 119
ביים סוף פון וועג 119


## יונגע ליריק

### פרעמדקייט


מודה אַני 121
אַ נעפּל־בילד 122
אין פרעמדן הויז 122
צו דער פרעמדער 123
נאָנט און אייגן 123
באַגער 124
ווייטע פרעמדע 124
פינאַל 125


### פון פריע טעג


צום לעבן 126
אין סטעפּ 127
האַרבסט מאָטיוו 128
פאַרב און קלאַנג 129
די יידישע גאַס 129
שטאָט און פעלד 130
אַ מאַמע 131
בילדער אויף דער וואַנט 132
איכה אַקאָרדן 133



זייט


## קעניג לידער


אין אַ נאַכט פון שרעק 134
צום קריג 135
אין שלאַכט 135


## די פאַרליבטע יאָרן


אַ לבנה־נאַכט 136
דער מילך־וועג 137
דיינע בלאָע אויגן 137
אַ פאַרליבטער 138
ווען דו ביזט אַוועקגעפאָרן 138
מיר לאַכן 139
מיר קינדער 139
אין שויס 140
ווי אַ חלום 140
חכמים 141
ראָזע בריוולעך 142
אין אַ מאַי־נאַכט 142
אויף די פעלזן 143
זאַמדיקער מדבר 143
אַ נעפּלדיקער אָוונט 144
אַליין אין דאָרף 145
דער מלאך צי דער שטן 145
געליבט און פאַרלאָזט 146
אַ ליד פון אַ רויז 146
די בלום 147
איינפאַך, איינפאַך 147
זיבן יאָר 148
דריי כלה־מיידלעך 149
ביים קאָנצערט 149
נאָר דו 150
יענע 150
די שלאַנג 151
אין פרילינג 151
זלאַטע 152
וואו איז זי, די ליבע? 152
דוד המלך׳ס פידל 153
מיט קלאָרע אויגן 153
אַן אַלטער ראָמאַנס 154
די לעצטע ליבע 155
אַ מאַלצייט 161
געבענטשטע שטוב 161
פייערונג 162
דו שלאָפסט 162

זייט

דאָס שטילע לעבן 163
דאָס אמת'ע ליד 163


## גלויבן און צווייפל

צו גאָט דורך פּאָסט 165
משה זכות 166
שרייבנדיק אויף פּייכטע שויבן 168
דאָס קליינע קעסטעלע פון שוואַרצן וואונדער 169
נאַרציסן אין ווינטער 170
דער ליכטיקער טויט 172
אויף דער לייטער 172
טראַדיציע 173
ווען דער שטורעם ברענגט די זון 174
פון הימל הענגענדיק 174
דער זילבערשמיד האָט פּיבער 175
דערפאַרונג 176
די רויטע דאָמינאָ 177
דער אַפּאָסטאָל אין דער נאַכט 178
מיין קליין געצעלט אין גרויסן פרי־לינג 179
פּאַרוואָס עס קומט דער באָבען פרייד 180
אַ שפּאַציר מיטן אָוונט־שטערן 182
די נשמה פון מיין פּנים 183
הימן אין אַקראָסטיך 184
געבעט פאַר דער שיף 185
די גליענדיקע לעמפּלעך האָבן גע־ווייִנט 186
דריי מיידלעך אַרויסגעראַטעוועט 187
לויבליד אין פאַרגלייכונגען 189
דאָס קאַנאַריקל האָט בנאמנות שיין געזונגען 190
אינם רינג 192
אַ קווינטל גאָלד און אַ צענטנער בליי 192
דער ווייסער נעפּל 193
דער שאָטן פונם חלום וועגן מאָרגן 194
אויף הלל גמזו'ס פעלד 196
די יידן און די נאָנעס 197
טריט אין שניי 198
דער ווינט בלאָזט שניי פון בוים 199
אייז און שניי 199
אַ טאָסט 200
ווי שפּעט איז ? 201
מיין פּנים 202
אויף די חורבות 203

זייט

האָפנונג 204
פאַר די דריי פענסטער 205
די גאַסן פון דער היים 206
די אַלט־נייע צייט 207
אַ חבר אַ חסיד'ל פון אַמאָל 208
דאָס גראָז פון יענער שיינקייט 209
נאָך דרייצן יאָר 210
אַ ייד פאַר דער קירך 211


## געזאַנג פון מיין צייט

דריי אין אַ שיפל אויפן ים 213
ניאַגראַ וואַסערפאַל 214
פרייד און שטאָלץ 214
קינדער און די לבנה 215
שווייגן 215
דאָס אייביקע באַגערן 216
פרילינג 216
אויפשטאַנד 217
דער בלינדער בעטלער 217
טראַגעדיע 218
די מילב 218
קינדער מיט פויסטן 219
אַ פראַסטע פאַר 219
אַ גרויסער מענטש איז אַוועק 220
נייע וועלט 220
גלויבן 221
איבערגאַנג 221
שמיד דאָס ליד 222
מיינע טיפן 222
ווינט פון לעצטער רו 223
דער פאַר'משפט'ער לערער 223
אַלטע ליבע 224
גלויבן אין קאַמף 224
קלאָרע וועש 225
רעזאַ כאַן 225
טויטער פויגל 226
ווי דער טייך צום ים 226
די גסיסה פון אַ ריז 227
וואַלד־פאַנטאַזיע 227
מאָרגן קומט דאָס פאָלק 228
די פליכט פון ליכט 228
האַרוואַרד קאַמפּוס 229
דיין וועג איז אויבן 229
ראַפּסאָדיע פון שלום 230
דאָס ערשטע גראָז 230

זייט


לאָז וועלקן דיינע זאָרגן 231
אין דעמבן־שפּאַציר 231
מיין נידעריק הויז 232
די אַלטע ווערבע 232
קיסר און קוילן־גרעבער 233
דאָס פּנים אין שפּיגל 233
דער אַלטער נעץ פון טרויער 233


## שפּעטערע ליריק


צווישן דיכטער 235
אַלץ פאַרגייט 236
ביטערע שטימונג 237
אליהו הנביא 237
דו 238
וואָס קומט מיר אויס 238
דער שיינער ייד אין פּאַרק 239
געבענטשטער רעגן 239


## קדושים


קדושים 241
על משכבי בלילות 242
אין לה מנחם 244
די וואָס געדענקען 245


## אַ ייד אין דייטשלאַנד 1945


אייביקער יאָרצייט 247
אַלעקסאַנדערפּלאַץ אין בערלין 248
נקמה 249
עדות אין נירנבערג 250
שפּאַציר אין ראָטנבורג 251


## אַמעריקע


יידישע פּיאָנערן 253
אייב לינקאָלן און דער יידישער סאָלדאַט 255
ראָטגערס סקווער 1950 258
דער פאָלקס־פאַרטיידיקער 259
זיס לאַנד פון פרייהייט 261
וואַרשע 261
ווין 262


זייט


אינסברוק 262
פּאַריז 263
לאָנדאָן 264
אַטלאַנטיק 264
אַמעריקע 265


## רייזע אין מעקסיקע


סאָקאָלאָ 267
אָרעמע גאַסן 270
בעטלער ביי קירכן 271

שוויד — אינדעקס — 3 —

וואַרטנדיק אויף קוילן 272
דער פּיראַמיד פון דער זון 273
צוואַנציק סענטאַוואָס 274
דער קלויסטער פון דער אינקוויזיציע 275
טאָרעאַדאָר 275


## פּאָעמעס


אַ דערטרונקענער 277
דאָס פּאָלק פון ספר 281
דעם יונגן רבי ישמעאל בן אלישע׳ס וואַנדערונגען אין די הימלען 286
מאָסן קבר 296
דער לעצטער סאָציאַליסט 301
דער ווילנער גאון 306


## באַלאַדעס


דריי יינגלעך אין וואַרשע 309
אויפן טויט פון אַ גאַרדעראָבער 311
זכריה׳ס בלוט 313
אַ חלום 316
די סוכה 319
הערשל 321


## שפּרוכן


צו די דיכטער 325
ניטשע 325
צו אַ טיפן דענקער 325
איינרעדעניש 328
צו אַ האַרטן דיכטער 328

זייט

פרינציפיעלער מענטש 328
דער שטאַמלער 326
שלום עליכם 326
טאַלענט 326
צו איינעם וואָס שרייבט פּאַמעליך 329
זייגערל 329
צו איינעם וואָס פאַרשטייט נישט 327
מינוטן־פליג און היפּאָפּאַט 329

## טונקעלע פּאָנעטן

דער בלינדער מילטאָן 331
אַ קול אין דער נאַכט 332
איז דאָס דער סוף פון וועג 333
דער וועג צוריק 334

זייט

אין אַלטער ליבשאַפט 335
פאַרלוירענע נאַרציסן 336
אין דיינע הענט 337
דו אַליין 338
פאָרלויפער 339
דער פאַלשער טויט 340

## דערהויבענע מענטשן

פּרץ קאָפּ 343
אויף י. י. זינגער׳ס טויט 344
משה לייב האַלפּערן 345
אַלדאָ פּאַנטרעמאָלי 346
אויף שלום עליכמ׳ס טויט 350

# ליכט אין אָפּגרונט

## אַקעראייזן

דאָס אַקעראייזן פֿאַלט מיר שווער,
ווען יאָרן שפּאַנען מיינע הענט;
איך זוך די מי און איך באַגער
דאָס אַקעראייזן. פֿאַלט מיר שווער
דער רוף פֿון בלוט, וואָס איך דערהער
אין מיינע איינזאַמע פֿיר ווענט;
דאָס אַקעראייזן פֿאַלט מיר שווער,
ווען יאָרן שפּאַנען מיינע הענט.

## פֿאַרשטויסענער

פֿאַרשטויסענער, איך בין דיר נאָנט,
כאָטש דו ביזט יעדן פֿרעמד און ווייט;
דיין בראָך האָט קיינער נישט געאָנט,
פֿאַרשטויסענער. איך בין דיר נאָנט;
האָב שטענדיק מער פֿאַר דיר געמאָנט,
ווי ס'האָט באַוויליקט דיר די צייט,
פֿאַרשטויסענער. איך בין דיר נאָנט!
כאָטש דו ביזט יעדן פֿרעמד און ווייט.

## איין איינציק ליד

די פרייד פון בלויז איין איינציק ליד
קען זיך צושפרייטן ווי דער ים ;
און קיינמאָל קיינעם מאַכט נישט מיד
די פרייד. פון בלויז איין איינציק ליד
קען אויפגיין קלאָר דער אונטערשיד :
געזאַנג איז פרייד, פאַרשטומטקייט סם ;
די פרייד פון בלויז איין איינציק ליד
קען זיך צושפרייטן ווי דער ים.

## צוקונפט

איך האָב די צוקונפט נישט געזען,
געוועזן נאָך דאַמאָלס אינגליש בלינד ;
געמיינט, ווען עפּעס איז געשען :
איך האָב די צוקונפט ! נישט געזען,
וואָס דו וואָלסט שפּעטער מיר געווען ;
האָב נישט דערהערט דיין רוף, מיין קינד :
איך האָב די צוקונפט. — נישט געזען !
געוועזן נאָך דאַמאָלס אינגליש בלינד.

## אַ שטיקל ערד

אַ שטיקל ערד באַלעבט מיט גרין,
דערפרייט דאָס פינסטערסטע געמיט;
באַווייזט עס האָט אַ טיפן זין
אַ שטיקל ערד. באַלעבט מיט גרין
איז שטיינערדיקסטע ערד געווין
פאַר מענטשנ׳ס פרייד, ווייל האָפנונג בליט;
אַ שטיקל ערד באַלעבט מיט גרין
דערפרייט דאָס פינסטערסטע געמיט.

## פּיין

דערפאַר ווייל אייביק איז די פּיין
זאָל איך נישט טרינקען רגעס פרייד?
פאַראומערט און דערשלאָגן זיין
דערפאַר? ווייל אייביק איז די פּיין
זאָל מיר זיין פרעמד דער גלי פון וויין,
וואָס קען דערטרינקען אַלע רייד?
דערפאַר ווייל אייביק איז די פּיין
זאָל איך נישט טרינקען? רגעס פרייד!

## ליכט

א רעטעניש פאַרבלייבט דיין ליכט,
וואָס האָט מיך פרי, צו פרי געוועקט;
אַז איצט נאָך איז מיר דיין געזיכט
א רעטעניש. פאַרבלייבט דיין ליכט
נאָך היינט מיט מיר, איז דאָס געדיכט,
ווי אַלטער טרויער אָפּגעדעקט.
א רעטעניש פאַרבלייבט דיין ליכט!
וואָס האָט מיך פרי, צו פרי געוועקט?

## יענע טעג

אויף וועמען ליגט די שאַנד פון יענע טעג,
ווען בלינדע אָנונג איז געוועזן דער טריב,
און ביידע האָבן מיר געזוכט א וועג?
אויף וועמען ליגט די שאַנד? פון יענע טעג
שיינט בלויז אַרוים: מען טאָר נישט און מען מעג;
פאַרוואָס האָט נישט געגליט: איך האָב דיך ליב?
אויף וועמען ליגט די שאַנד פון יענע טעג,
ווען בלינדע אָנונג איז געוועזן דער טריב?

## פֿאַרנאַכטיק גאָלד

פֿאַרנאַכטיק גאָלד וועט באַלד פֿאַרגיין,
ווייל יעדע שיינקייט מוז פֿאַרביי ;
און איך זוך ווידער באַלד אַליין
פֿאַרנאַכטיק גאָלד. וועט נאָר פֿאַרגיין
דאָס בלאַסע ליכט פֿון האַרטן שטיין,
בלייבט זעל פֿאַרשפּאַרט. איך זינג נאָר פֿריי :
פֿאַרנאַכטיק גאָלד וועט באַלד פֿאַרגיין,
ווייל יעדע שיינקייט מוז פֿאַרביי.

## לעבן און ליבשאַפֿט

פֿון ליבשאַפֿט זינג איך לאַנג נישט מער :
דאָס ליד האָט קיינער נישט ערוואַרט ;
ווער ווייסט צי וואַקסט נאָך וואו היינט ווער
פֿון ליבשאַפֿט : זינג איך לאַנג נישט מער
דערפֿון. נאָר אָוונט, ווען איך קלער,
דערזע איך : ס׳לעבן היינט איז האַרט !
פֿון ליבשאַפֿט זינג איך לאַנג נישט מער :
דאָס ליד האָט קיינער נישט ערוואַרט.

# ווען עס ווערט ווידער טאָג

# דאָס ייִנגל

דאָס שטילע בלוט פון אַלטע דורות
האָט ליכטיק אויפגעשטראָמט אין דיר:
דו ביסט אַריין צום טויט אין פּאַלעץ
און הינטער זיך פאַרמאַכט די טיר.

אין דיר האָט ווידער אויפגעלויכטן
דער אַלטער, מלכות׳דיקער איד:
אַזוי ווי שאול, דוד, שלמה,
ביסט דו אַ שווערד, אַ האַרף, אַ ליד.

געשטראַלט פון דיר האָט דיין נשמה,
דיין איידל האַרץ האָט זיך געשטאַלט:
האָסט אין אַ פאַרמעטענער תורה
מלאכים׳לעך אַריינגעמאָלט.

דו ביסט דניאל צווישן לייבן,
דיין רוף האָט אונדזער בלוט דערהערט:
אין וואַלד, ביים ליכט פון טיגערס אויגן,
לייכט אויף דיין האַרץ ווי שאולס שווערד.

# די שיף

די נאַכט ליגט שווער ווי אומגליק אויפן ים
און דריקט איר פינצטערניש אַראָפּ צום גרונט:
די צפון־ליכט פאַרשפּרייטן קאַלטן פלאַם,
דער גאַנצער הימל זעט אויס גרייט צו בונט.

אין בענקעניש נאָך יענעם ווייטן טאָג,
ווייסט קיינער נישט דעם סוד פון שוואַרצער טיף:
אין יאָמערטאָל גייט אויף די גרויסע קלאָג,
מיר זוכן ענגסטליך די פאַרבלייכטע שיף.

נאָר זי וועט זעגלען צו אַן אַנדער לאַנד,
וואָס קיינער חלומ׳ט איצטער נישט דערפון:
עס וועלן וואַרטן טרוימער אויפן ראַנד
און איבער זיי וועט אויפברעכן די זון.

# דער רעגנבויגן

דיין מיניענדיקע גלאָריע ווײַנט,
וואָס אונדזער צייט איז אָנגעקומען:
נישטאָ אַזויפֿיל זון פֿאַראייַנט,
אויך נישט אין קיניגרייך פֿון בלומען.

שטייגסט אויף אין טייך, פֿאַרזינקסט אין וואַלד,
און שפּיגלסט אָפּ די זיבן וועלטן:
ביסט גאָטס באַליידיקטע געשטאַלט,
וואָס מאָנט, דער מענטש זאָל איר פֿאַרגעלטן.

מה נאמר, מה נדבר, גאָט,
מיר פֿינגערן די אַלטע בלעטער:
דעם שונא מאַך צו שאַנד און שפּאָט,
פֿאַרגיב אונדז פֿאַר די פֿרעמדע געטער.

# דער וואָגן

דער שליאַך איז לאַנג, ס׳פּאַרלירן זיך די קאַרבן,
דער פורמאַן טראָגט אַ זיידענע קאַפּאָטע:
די ביימער וויאַנען געל, די זון וויל שטאַרבן,
די רעדער זינקען טיפער אין דער בלאָטע.

דאָס ליכט פון טאָג איז טונקעלער און גרויער,
עס שטשירען אין דער נאַכט דעם טיגערס ציינער:
מען ווייסט נישט ווער עס ליגט איצט אויף דער לויער,
דער פורמאַן פירט באַהאַלטן איידלשטיינער.

גזלנים ליגן מיט דער פייל און בויגן,
נאָר די געפאַר איז צוטרוי צו פאַרלירן:
דערפאַר האַלט וואָך די אָנגעשטרענגטע אויגן,
דער פורמאַן וועט זיין אוצר נאָך דערפירן.

# דער אָדלער

ווי ער פליט אין טורקיזענע הויכן,
וואו די פלאַמיקע שטראַלן פאַרטויכן:
ביז די וועלדער פאַרזינקען אין גראָז
און דער ים ווערט פאַרדעקט ווי מיט גלאָז.

נאָר צו וועמען דעם אָדלער פאַרגלייכן:
צו דעם צדיק וואָס וויל גאָט דערגרייכן,
צו דעם רשע וואָס שפּיזט דורך די ערד,
צי צום מענטש מיט זיין האַרץ אויף דער שווערד.

ווען דער אָדלער ווערט העכער דערווייטערט,
ווערט זיין זעל אין דער זון מער געלייטערט:
נאָר דער מענטש דאַרף זיך שטאַרקן אַמאָל,
ער דערגרייכט העכסטע הויך דאָ אין טאָל.

# די נשמה

דער גוף ליגט אויסגעשטרעקט, און איבער אים
שוועבט די נשמה אום מיט אייגן לעבן:
אַ ליכט שטראַלט אויס פון איר און אויך אַ שטים,
וואָס זאָגט: איך האָב דיר מער נישט וואָס צו געבן.

איך בין אינגאַנצן פלאָם און דו ליגסט קאַלט:
ווען ס׳וואָלט דיין האַרץ נאָך איינמאָל אויפגעשטורעמט,
צו זען ווי כ׳האָב פון דיר אַרויסגעשטראַלט,
וואָלסט דו געגלייבט, אַז גאָט האָט דיך געפורעמט.

# די שלאַכט

דאָ העלפט נישט מער קיין שום פאַרמעסטונג,
מיר זענען אַלע, ברידער, גלייך:
עס פלייצט דאָס פייער פון דער פעסטונג,
און פון דער אַנדער זייט דער טייך.

פון רויך און בלוט איז צום דערשטיקן,
די רייטערס פאַלן פון די פערד:
ווער האָט אונדז דאָ פאַרברענט די בריקן
און צוגעשלאָגן צו דער ערד.

דער יונג ווערט מאַן, דער מאַן פאַראינגלט,
און יעדער האָט זיך הארץ געמאַכט:
ווער האָט אונדז דאָ אַרומגערינגלט
מיט בייטשן פייער אין דער נאַכט.

איז דאָס פאַרראַט פון פאַלשע וועכטער,
וואָס שלאָגט די בעסטע אויפן שטיין:
אַ ניין. ס׳איז לוציפער׳ס געלעכטער,
וואָס מוז דערשטיקן אים אַליין.

# די גלעקער

פון וועסטמינסטער עבי און פון נאָטר דאַם,
סענט דזשאָנ׳ס קאַטעדראַל און דעם דאָם פון סענט פּאָל,
צוטראָגט זיך פון גלעקער דער קלאַנגפולער ים,
ווי פּיאוס דעם עלפטנס טרייסטפולער קול.

די הונען די יידן, וואָס דורשטן נאָך בלוט,
נאָך פרעמד האָב און גוטס און נאָך יידישער שאַנד ;
וואָס הערשן איצט ווידער מיט שענדליכער רוט,
פאַר זיי איז דער קוש אויף דער פויפסטליכער האַנט.

אָ קריסטענטום, זינג אויף און זיי וואָס דו ביסט ;
יאָרטויזנטער האָסטו געקלונגען מיט שמאַך :
פאַרקינד אומעטום וואו עס לעבט נאָר אַ קריסט,
דער קאַמף קעגן הון איז אַ הייליקע זאַך.

## דער טייך

דער ניל, די וואָלגע און דער ריין,
אין שטילער אומשולד פֿליסן זיי:
געהייליקטע דורך אונדז אין פּיין,
דערציילן זיי פֿון אונדזער וויי.

דאָס וואַסער לויפֿט, עס ברעכט דאָס אייז,
דערפֿאַר קיין עדות נישט פֿאַראַן:
די מענטשן־שאַנד איז דער באַוויז,
דער מצרי, פּריים און כוליגאַן.

דער ריין, די וואָלגע און דער ניל,
זיי וועלן קיין זאַך נישט פֿאַרהיילן:
ווען אַלץ וועט ווערן טויט און שטיל,
ערשט דאַמאָלס וועלן זיי דערציילן.

## די טויב

די טויב האָט געפּיקט אַ פּאָר קערנדלעך ווייצן,
אַ פֿלאַטער געטון און אַרויס אויף דער וועלט:
איר ציטער־זכרון זעט וואַסערן פֿלייצן,
אַ בוים ערגיץ וואו און עס שווימט אַ געצעלט.

די מענטשן און חיות פֿאַרווירט אין געווימל,
אַ בענקען נאָך קדם, אַ זוכן, אַ דרענגען:
די וועלט איז אין אויפֿברויז, נאָר וואַסער און הימל,
די טויב אָבער וועט נאָך אַ גרין בלעטל ברענגען.

# בורשטינענע שיסלען

# דער בריוו פון די זיבן ברידער צו די זיבן ברידער

שיינע זיבן ברידער, מיר שרייבן אייך דעם אמת,
נאָר דער ים, וואָס שיידט אונדז, מאַכט דעם אמת בלייכער.

אונדז גייט דאָ גוט:
מיר האָבן האָלץ צום הייצן,
מיר האָבן זאַלץ צום ברויט —
און לידער זינגען מיר די אַלטע נאָך.
טאָג און נאַכט, און פיש און פייגל,
און רעגנבויגנס האָבן מיר דאָ אויך.
נאָר אונדזער שיינקייט בלאָנדזשעט אום
אויף אַלע ווילדע וועגן
און רעדט רייד, וואָס פּאַסן פּאַר אַ הור.
זי וואוינט אויף דער שפּאַציר־אַלעע —
און טוט אונדז חרפּות אָן,
אונדז זיבן ברידער.

מיר גריסן אייך, און שיקן אייך
דריי ווילדע ניס, וואָס וועגן זיבן צענטנער,
אַ קריגל בוימל און צוויי געטרוקנטע פיש.

פון אונדז די זיבן ברידער, וואָס שרייבן אייך דעם אמת,
נאָר דער ים, וואָס שיידט אונדז, מאַכט דעם אמת בלייכער.

# ווען וואונדערליכע פּרימאָרגנס

איך זאָג עס אייך, ווייל אָפּטמאָל
זאָג איך עס צו מיר אַליין:
אַז, קען זיין, קען זיין, אַז איך וועל עס טון.

אַזוי ווי אין אַ פּראָסטן מאַי־טאָג
טרעפט זיך, אַז איך טו מיר אָן
דאָס העלסטע שניפּסל,
און שפּאַציר אויף דער שענסטער גאַס,
און גיי אַריין אין אַ בלומען־געשעפט
און קויף מיר איין: זעקס נאַרציסן,
זיבן־אַכט נעלקן, דריי־פיר רויזן,
און קאַנוואַליען און פיאַלקן און לעווקאָניען,
און עטליכע בלומען, וואָס לאַכן צו מיר
און איך ווייס נישט זייער נאָמען —
און נעם אַ רעשט פון אַ גאָלדשטיק,
און לאָז איבער מיין וויזיט קאַרט
און הייס עס צושיקן צו מיר אַהיים,
אַזוי קען זיין —

איך זאָג עס אייך, ווייל אָפּטמאָל
זאָג איך עס צו מיר אַליין:
אַז קען זיין — קען זיין, אַז איך וועל עס טון.
איך וועל אַרויסגיין אין אַ כמורנעם ווינטער־טאָג,
מיך פּאַרנעמען אין אַ זייטיק געסל,
און וועל אויפזוכן אַ שמאָלע, ענגע קראָם
פון אַן אַלטן סופר —
וועל מיר הייסן געבן
צוויי פּאָר תפילין און אַ גוטן טלית,
פינף מזוזות און אַ האַלב טוץ טלית קטנ׳ס —
אפשר נאָך מיט תכלת —
און דעם בעסטן כל בו מיט אַ לעדערנעם רוקן,
אַזוי ווי מיין באָקאַטשיאָ האָט. —

און ווען עס וועט באַטרעפֿן איין־און־צוואַנציק
אָדער צוויי־און־צוואַנציק זילבער־טאָלער,
וועל איך דעם סופֿר דערלאַנגען
אַ פֿינף־און־צוואַנציקער אין גאָלד
און וועל קיין רעשט נישט נעמען.

און דערנאָך — צומאָרגנס אין דער פֿרי,
ווען אין עסצימער אויפֿן טיש, וועט מיין ווייב —
וואָס וועט נאָך דאַמאָלס מיין געליבטע זיין —
שוין האָבן אָנגעגרייט
דעם פּאָמעראַנצן־זאַפֿט,
די געקאָכטע ווייצן אין מילך,
דעם פּיינקוכן און דעם קאַקאַאָ, —
און ווען זי וועט דערזען,
אַז עס איז שוין אַכט דער זייגער
און איך קום נאָך נישט צום טיש,
וועט זי שטיל עפֿענען די טיר פֿון מיין צימער
און מיך דערזען אין טלית און תּפֿילין,
מיטן פּנים צו דער פֿענסטער־וואַנט,
וואו די זון וועט אויפֿגיין:
שמונה עשרה וועל איך שטיין.

מיין ווייב, מיין געליבטע, וועט זיך נישט פֿאַרוואונדערן;
זי וועט נאָר צופֿירן מיין קליינעם זון
צו דער שוועל פֿון מיין צימער,
וועט אים אַ קוש טון אין די טראַכטנדיקע אויגן
און אים זאָגן שטילערהייט:
דו זאָלסט זיך איצטער שפּילן שטיל,
דער טאַטע דאַוונט.
און שטילערהייט וועט זי די טיר פֿאַרמאַכן
און אַריין אין עסצימער וואַרטן אויף מיר.

און אויפֿן טיש וועט זי אַ קוק טון
צי עס פֿעלט נישט דאָס זאַלצמעסטל,

און דאָס אָנגעהויבענע ברויט וועט זי צונעמען
און וועט אַוועקלעגן אַ גאַנץ ברויט.
און נעבן מיין אָרט ביים טיש,
וועט זי אויף אַ שטול אַוועקשטעלן
אַ ריינע שיסל און אַ שעפּ מיט וואַסער,
און אויפן אָנלען וועט זי אויפהענגען
אַ קלאָר האַנטוך מיט פרישע קנייטשן.

# אַרום ליכט בענטשן

אין אַ יונגן מאַי־טאָג, פֿאַר ליכטבענטשן,
בין איך אַריינגעקומען צו דער מאַמען
מיט אַ רייזע־קעסטל, אין פֿאַרשטויבטע שיך,
מיט אַ העלן שניפּס און אַ האַרץ,
וואָס איז פֿאַרפֿרעמדט געוואָרן.
דער מאַמעס אויגן האָבן לאַנג מיך אָנגעקוקט
און איר האַרץ האָט מיך דערקענט.
„פֿון אַ װײַטן װעג, מײַן קינד, פֿון אַ װײַטן װעג" —
האָט זי פֿרום און פֿײַנליך געשעפּטשעט,
און אַרום איר וועזן האָט זיך שטיל
אַרומגעוועבט דער שבת.

ווי צו די, וואָס קומען מיט זייער וואָכעדיקייט
צושטערן אימיצענס אָנהויב פֿון אַ שבת.
אייליק האָט די מאַמע מיר דערלאַנגט
אַ שיסל וואַסער, די שמעקנדיקע זייף
און אַ האַנטוך; צוגענומען די באַרשט מיט שו־וואַקס,
דאָס געדיכטע קעמל און די האָר־באַרשט.
„ביזט הונגעריק?" — „יאָ".
און נעבן די סטרין־ליכט אין די זילבערנע לייכטער,
גרייט צו גיין לקראת כלה,
בייגט די מאַמע אָוועק דאָס טישטוך
און דערלאַנגט מיר פֿיש, יויך מיט פֿאַרפֿל,
אַ געריגעלע, וואָס כ'האָב ליב געהאַט אין דער קינדהייט,
און פֿאַמעליך ווערט מײַן האַרץ אַלץ ווייניקער פֿאַרפֿרעמדט.

דערנאָך קומט מײַן יונגע בלאָנדע שוועסטער
פֿון דער ביבליאָטעק, מיט אַ ביכל אין אַ פֿאַרשייטן איינבאַנד,
און אַ נאַרצים מיט אַ שוואַרצער הענטשקע אין ביכל,
קושט זיך מיט מיר, ווי מיט אַ ווייטן קרוב,
און פֿאַרפֿירט מיט מיר אַ שמועס וועגן מײַנע רייזעס,
אויף אַ שפּראַך, וואָס די מאַמע פֿאַרשטייט ניט.

די מאַמע שווענקט אָפּ די פּאַר טעלער
און מיט אַ האַרץ, וואָס כ'האָב אַמאָל פאַרשטאַנען בעסער,
דערמאָנט זי דעם טויטן טאַטן.
די שוועסטער נעמט עס טרוקן,
נאָר מיך דערמאָנט עס עפּעס,
וואָס האָט מיך אַמאָל דערמאָנט אָן עפּעס.
און ווען די מאַמע האָט די ליכט שוין אָנגעצונדן
און פּאַר זיי געשטאַנען מיט די הענט נאָך אויפן פּנים,
האָט די טיר זיך אויפגעפּראַלט
און אַ געזונטער גוי פון דער אייזנבאַן,
אין דרייען איינגעבויגן,
האָט אויף דער פּלייצע אַריינגעדזשוויגעט מיין באַגאַזש,
אַן אָפּגעריבענעם און צעקלאַפּטן,
אויף אַלע זייטן מיט קוויטלעך באַקלעפּטן קופערט.

# אַ יידישער, אַ אידעאַלער

די גרויסע צוקער־פאַבריק
הינטער דער וויליאַמסבורגער בריק
פייפט צוועלף אַזייגער מיטאָגצייט.

(די זון זיצט אויפן מזרח־טייך פון ניו יאָרק
און גיסט איבער צוגאָסן גאָלד
אויף הונדערט פלאַכע שפּיגלען.)

די שוואַרצע קלומבען רויך,
וואָס זעצן פון די קוימענס,
גלייך טויזנטער מוסקול־הענט
וואָלטן זיי פון דאָרט אַרויסגעבייטשט
צום הימל — ווערן שוואַכער.
די עלעקטרישע לאָפּעטע,
וואָס שלעפּט די ליבע שוואַרצע קוילן
צענער פודנווייז פון די בערלינקעס אַרויס
גלייך אויפן נייעם שטאָק אַרויף,
בלייבט הענגען אין דער לופטן
שטאָלץ,
ווי אַ קלאַסן־באַוואוסטער אַרבעטאָרער,
וואָס ווייסט, אַז די אַקציען־געזעלשאַפט
עקספּלואַטירט אים.
אַלע פאַבריקן אויף ביידע זייטן טייך
פייפן אוים די מיטאָג־שעה.
און איך אַן איינזאַם־גליקליכער,
אַ יידישער, אַ אידעאַלער
גיי צופוס קיין ניו יאָרק
איבער דער זון־באַגאָסענער בריק.

(איך, מרדכי, טוט עס דיר זאָגן, מיין גלוביקער,
און דו, אין דיין ריי, טו עס מיר גלויבן,

אַז די דאָזיקע בריק האָט כביכול אַליין
אין אַ פרייער מינוט צונויפגעפלאָכטן
און אָנגעטשעפּעט איין עק אָנם מזרח-ברעג
און איין עק אָנם מערב-ברעג
פונם ניו יאָרקער מזרח-טייך.)

אונטן אויפן וואַסער —
צוויי פּערי-שיפן, וואָס זעען אויס,
ווי גויאישע ווייבער מיט ברייטע היפטן,
בייטן זייערע פּאָזיציעס.
אַ שיף מיט אַן אָרקעסטער
גייט אַרויף קיין פּאָרטלאַנד,
אַ קריגס-שיף דרייט זיך אויס פּאַמעליך
מיטן פּנים צום אָפענעם ים.

(די זון האָט עטליכע פון אירע שפּיגלען
צובראָכן אָן דער שיף,
און קריגלעכווייז און היטלענווייז
פאַרגאָסן גאָלד אַרום דער שיף.)

שיפן איבערן טייך,
די בריק איבער די שיפן,
איך איבער דער בריק,
מעוועס איבער מיר,
און אַ דיריזשיבל
פון אַ נאָענטער אַקאַדעמיע
איבער די מעוועס.

(גאָט זאָל אים שטאַרקן זיינע הענט,
דעם יונגען שגץ,
ער זאָל זיך גיך אויסלערנען פליען,
ווי ער האָט זיך, ווען ער איז אַ יאָר אַלט געוועזן,
אויסגעלערנט גיין.)

אַ קונצנמאַכער האָט דורך אַ כשוף־שפּיגעלע
אַריינגעקוקט אין מיין נשמה
און מיך געהייסן ענדערן דעם נגון.

(אַ ווינט האָט מיר אַרויסגעיאָגט
מיין גרין זיידן טיכל פון דער האַנט,
און איצטער — צו אַלדע גוטע ווייטע יאָרן ! —
פליט עס אויף דער זון, גלייך אין וואַסער אַריין.)

# אַ שטיקל ברוינער סאַמעט

וואָס קענסטו מאַכן מיט אַ פערטל אייל
ברוינעם סאַמעט? —
איבערלעגענדיק די אַלטע קלאָרע וועש אין שראַנק,
האָט עם די מאַמע,
אונטערזינגענדיק אַן אַלטן וואַלץ, געפונען.
נאָך פּינקלט דאָרויף, ווי האַרטער שניי, דער נאַפּטאַלין,
און אַ לאָרבער-בלעטל פון דער פּסומביקס
האָט זיך דאָרויף פאַרוואַלגערט.
און מיר — בלעטערנדיקביים פענסטער „פעלעאַס און מעליזאַנדע",
ווערט אַזוי וואונדערליך אויפן האַרץ.
די מאַמע זאָגט:
„כ'וועל מיר מאַכן אַ פּאָר נייע מאַנקעטן
צו מיין סאַמעטן קלייד".
און דאָס שוועסטערל:

„כ'וועל מיר אויסהעפטן אַ האַנטבייטל".
און נאָך אַ לאַנגען שווייגן,
ווען די מאַמע זינגט ווייטער דעם אַלטן וואַלץ
און דאָס שוועסטערל העפט אַ מאָנאָגראַם
אויפן ציכל פון אַ יאַשיק.
רוף איך שטיל מיך אָן:
„קויף מיר, מאַמעשי, אַ שטיקל סאַטענדעליאָן
אויף אַן אונטערשלאַג
און ניי מיר אויף אַ תּפילין-זעקל".
פרום קוקט מיך אָן די מאַמע,
דאָס שוועסטערל בייסט אָפּ
דעם רויטן פאָדים אויפן טאַמבורין
און איך לאָז פאַרשעמט אַראָפּ די אויגן.

# דאָס ליד פון מיין אומעטיק בלוט

איך האָב דאָ אַלע מומעס אין אַמעריקע;
איך פאַרדין אויף ברויט און אויף טעאַטער אין אַמעריקע,
האָב שוין געזען די ניאַגאַרא וואַסערפאַלן,
און שוין געזען דאָס העכסטע הייזל אין דער וועלט,
וואָס דער בעל הבית דערפון איז אַ סוחר
פון פינף־גראָשנדיקע זאַכן,
און איך גיב אים אָפּט צולייזן.
האָב שוין שפּאַצירט איבער דער גרעסטער בריק אין דער וועלט,
האָב שוין געטראָגן שיך און שניפּסלעך
געקויפט ביי יוחנן וואַנעמייקער,
אַ מענטש וואָס האָט די גרעסטע קראָם אין דער וועלט
און איז, ווי און ווינד איז מיר, נישט קיין ייד.
איך האָב אַ זייגערל, וואָס האָט באַרימט געמאַכט דעם דאַלער.
איך בין שוין דאָ געפאָרן
מיט דער שנעלסטער באַן אין דער וועלט,
וואָס רופט זיך אָן: צוואַנציקסטער יאָרהונדערט באַגרענעצט.
און ביכער קריג איך פריי דאָ אין דעם שענסטן איינבאַנד.
און דאָך —
און דאָך איז מיר דאָ אומעטיק,
אוי אומעטיק,
אוי אומעטיק,
אוי אומעטיק אַזוי:

אַז מיט די ניאַגאַרא וואַסערפאַלן
וואָלט איך געוואָלט מיטפאַלן,
און פון דעם העכסטן הייזל אין דער וועלט
זאָל מיך אָן אַלאַסקער ווינט אַראָפּטראָגן,
און פון דער גרעסטער בריק אין דער וועלט
וואָלט איך מיט אַ שמייכל אַראָפּגעשפּרונגען,
און 'שטאָט אין וואַנעמייקערס שיך
וואָלט איך בעסער געוואָלט גיין באָרוועס
מיט צוקאַליעטשעטע פיס,
און בעסער וואָלט איך קיינמאָל נישט געוואוסט ווי שפּעט עס איז,

ליבערשט וואָלט דער „צוואַנציקסטער יאָרהונדערט באַגרענעצט"
מיך איבערגעפאָרן
און צעשפּריצט מיין אומעטיק בלוט אויף די רעלסן
פון ניו יאָרק ביז שיקאַגאָ, —
איידער נישט צו קענען זיך באָדן אין דער ווייכסעל,
און שפּאַצירן אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע,
און לאַכן, ווי אַ מענטש,
און פון צייט צו צייט ווערן אומעטיק אין געזעלשאַפט
און אַרויסזיפצן:
„זעקס יאָר האָב איך פאַרבראַכט אין אַמעריקע".

1917

# די שול, די שול מיין ליבער

— קום אַהער מיין ליבער יונג,
דו ביזט ביי מיר אין שטוב
און דאַרפסט זיך פילן היימיש.
וואַרף אַריין די מאַנדלען אין גלאָז וויין,
נעם דעם אָפּגעשיילטן עפּל
אויפן זילבערנעם פּרוכט־גאָפּל
און קום אַהער צום פענסטער.

זעסט אויפן ראָג דאָרט די רויטע געביידע
מיט גאָטישע פענסטער
און טונקל־פאַרשטויבטע וויטראַזשן?
זעסט?
— דער וויין איז דעליציעז! מהם, איך זע.
— דאָס איז אַ שול, אַ יידישע שול, מיין ליבער,
אויף וועלכער די גבאים זענען שולדיק נאָך
פיר טויזנט זיבן הונדערט דאָלער
דעם גוי העמילטאָן, וואָס האַנדלט מיט הייזער
און מיט לעבנס־פאַרזיכערונג.

טרינק דיין וויין און עס דיין עפּל. —
פרומע קאַטאָליקן (מן הסתם פון אירלאַנד),
האָבן דאָ מיט יאָרן — יאָרן צוריק,
ווען מען פלעגט נאָך אויף דער איסטסייד
דעקלאַמירן דאָקטאָר גראַן —
אויפגעבויט אַ קען־זיין־גוט־געמיינטע קירך,
אַ קאַטוילישע קירך, —
האָט זיך די קירך נישט באַצאָלט.

— גיס דיר אָן נאָך וויין און נעם אַ האַלבן מילגרוים. —
האָט זיך די קירך נישט באַצאָלט.

אויף אַ ליציטאַציע האָט אַ ייד,
(מיטן ערשטן נאָמען באַרני — ברוך פון דער היים),
אָפּגעקויפט די קירך — בזול הזול.
און עפּעס דאָרט איבערגעמאַכט
און איבערגעבויט,
און אויסגעהאַקט,
און צוגעשטעלט,
און איבערגעאַנדערשט אַזוי,
אַז עס איז דאָרט געוואָרן אַ באַנק
און די באַנק האָט באַנקראָטירט.

— דער אַנאַנאַס איז וואונדערליך געשמאַק!
אין ווארשע קאָסט ער אַ פינף זעקס רובל אַ שטיק. —
און די באַנק האָט באַנקראָטירט.
האָט מען ווידער דאָרט איבערגעמאַכט
און איבערגעבויט,
און אויסגעהאַקט,
און צוגעשטעלט,
און איבערגעאַנדערשט אַזוי,
אַז עס איז דאָרט געוואָרן
אַ העצע־טעאַטער פאַר שפּל'ע מענטשן.
האָט דאָס העצע־טעאַטער אויך נישט געמאַכט קיין סוקצעס.

יאָ, פון רהיימס. פון רהיימס קומט דער ווייַן.
און איצט וועלן מיר נעמען
צוויי רויטע גלעזלעך גרינעם קאָניאַק. —
האָט דאָס העצע־טעאַטער אויך נישט געמאַכט קיין סוקצעס.

דערנאָך איז די געביידע —
זעסטו, זעסטו, מיין ליבער —
געשטאַנען צוויי דריי יאָר מיט אויסגעהאַקטע שויבן.
ביז איינמאָל האָט מען אויפגעהאַנגען דאָרט
אַ גרויסע צעראַטענע שילד:
שבת, דעם דריי־און־צוואַנציקסטן,

אַ גרויסער קאָנצערט פון אַ חזן. —
אַ קאָנצערט פון אַ חזן. —
אַ קאָנצערט פון אַ חזן. —

טרינק נאָך אַ גלעזל וויין,
טרינק נאָך אַ גלעזל וויין.
טו אַזוי,
גיס אַריין דעם קאָניאַק אינם וויין. —
אַ קאָנצערט פון אַ חזן.

אַזוי אַרום איז זי געוואָרן דאָ, די שול.
די שול, די שול, מיין ליבער.
דעם חזן צו פאַרדאַנקען.
אַ רירעוודיקער יונג,
אַ גלענצנדער אויסוואורף;
טראָגט געלע שיך, דער שליח צבור —
און האָט שוין זעכצן טויזנט דאָלער אין דער באַנק.
זינגען אָבער זינגט ער —
נסים ונפלאות! —
איבערהויפּט „טשעלעסטע אַאידאַ”.
ווען נישט דער קליינער וואוקס, וואָלט ער,
מיינט ער,
געזונגען אין דער אָפּער.

נעם די טייטלען אין אַ גלעזל זויערן וויין. —
אַ רירעוודיקער יונג,
אַ גלענצנדער אויסוואורף,
טראָגט געלע שיך, דער שליח צבור —
און האָט שוין זעכצן טויזנט דאָלער אין דער באַנק.

מיר קענען זיך גוט און מיר טרעפן זיך אָפט.
יעדער פון אונדז טוט אויס די רעכטע הענטשקע
און מיר דריקן זיך פעסט די הענט.

איך האָב צון אים גאָר נישט,
נאָר ער האָט צו מיר:
פאַרוואָס איך פאַרנאַכלעסיק זיין שול —
זיין שטים האָט זיך פראַכטפול ענטוויקלט,
ער נעמט שוין אַצינדערט די אויבערע צע.

און נעכטן, זעסטו, האָט זיך עס אַזוי געמאַכט,
אַז איך בין געבליבן שטיין אין מיטען גאַס
און האָב מיך אויף אַ לאַנגער ווייל פאַרטראַכט און פאַרבענקט,
נאָר אויסגעוויזן האָט זיך מיר אויף אַ רגע,
אַז נישט אין מיטען גאַס, נאָר אין מיטען הארץ פון פאָלק ישראל
שטיי איך עס אַזוי און טראַכט און בענק.

נעם דאָס רויטע גלעזל,
נעם דעם זילבערנעם פרוכט-גאָפל,
און קום אַוועק פון פענסטער, —
עס יאָגט אַ שטאַרקער ווינט!

# אַ טאָג מיט אַ ים־באַגלייטונג

ס׳רווישן פון שטאָט וועקט מיך אויף אין דער פרי, —
(ערגיץ רווישט דער ים זיין מאָרגנליד).
ביים פרישטיק איז דאָס ווייב ליב, און ס׳קינד זאָגט:
איך האָב ליב ברויט מיט האָניק און דעם טאַטען מיט דער מאַמען, —
(האָנדלס־שיפן וועלן היינט זעגלען רואיק).
„קאָך היינט פיש מיט גרינע אַרבעס. —
איך גיי אויף דער פּאָסט באַלעגן אַ בריוו,
דערנאָך אין דער ביבליאָטעק —
איך דאַרף ׳די צוויי עדליים פון וועראָנאַ׳ אין דייטש
און שלום עליכם׳ס צווייטן באַנד.״
(וואונדערליך איז איצט דאָס זון־שפּיל אויף די ים׳ען).
פיר אַ זייגער — נאָך דער סיעסטאַ —
גיי איך מיך זען מיט מענטשן וועגן געשעפט.
(איז איצטער ערגיץ אַ שטורם אויפן ים? ניין!)
ס׳איז וואָלקנדיק אין דרויסן און איך נעם מיט דעם שירם.
ער זאָגט אַ פאַלש וואָרט און שמייכלט פאַר מיר,
איך זאָג אַ פוסט וואָרט און שמייכל פאַר אים.
(דעם שונא׳ס שרעק־שיפן לויערן אַרום ווייטע אינזלען).
דער אָוונט איז דאָ.
(די זון וואַשט איצט איר ליכטיק האָרץ אין אַלע ים׳ען).

ווייב און קינד שלאָפן.
די שטאָט האָט ווייניקער פיבער.
איך טו אָן מיינע יאַפּאַנעזישע שטעקשיך, — אַ!
(ערשט איצטער זינגען אַלע ים׳ען).
איצט באַגעגן איך מיך מיט מיר אויג אויף אויג,
(אַלע בייזע ווינטן רייטן איצטער אויפן ים).
איך שלאָף איין —
(ווי אַ וויאָסלע אין אַ לעדיק שיפל) —
מיין שלאָף איז שווין מיד פון איינשלעפערן מיך.
(דער ערשטער מאַטראָז וואָס קומט מיר צו חלום
וועט וויסן מיין לעבן!)

# מיניאַטור אין דער סאָד גאַם

צווישן די רעדער פון די שטופּוואַגלעך
און די באַשטיוולטע פיס פון די סוחרים,
רינט און זאַמלט זיך אין לוזשעס
דער צוגאַנגענער שניי.
צווישן צוויי וועגעלעך
האָט זיך פאַרזעצט אַ שטיק שניי
און וויל נישט צוגיין.
אויף דעם ווייסן אינזעל
שטייט אַ קליין יינגעלע
אין שוואַרצע שיכעלעך און ברוינע זעקעלעך.
עפּעס איז אים אומבאַקוועם
אין די וואָלוועל-סאַמעטענע גרינע הייזעלעך,
און שעמען זיך איז אַ געפיל,
וואָס ליגט אים נאָך פאַראויס אין לעבן, —
מאַכט ער דאָ אַ גרויסן גרויסן פּיילנבויגן.
און אויפן ווייסן אינזעל ווערן שוואַרצע רינשטאַקלעך,
וואָס זעען אויס, ווי די קאַנאַלן אויפן מאַרס.

# פאַר אַ שלש סעודות און פאַר אַ מלוה מלכה

דאָס דאָזיקע ליד איז פאַר אַ שלש סעודות
פון מײַנע דערוווײַטערטע קינדעריאָרן,
אינם גערער שטיבל אויף דער גרויסער גאַס,
און פאַר אַ מלוה מלכה בײַ מײַן מאַמען דער אַלמנה,
לאַנגע יאָרן נאָכן טאַטנס טויט.

פאַראַכטאָגן שבת, נאָענט פון בין השמשות,
בין איך אײנער אַלײן אין אַ פרעמדער גאַס,
אַ פריש-געגאָלטער און אַן אויסגעפוצטער ווי אַ גוי
געזעסן אין אַ גריכישער גאַרקיך,
געגעסן שאַרפע גרינסן, גראָזן,
געמילדערטע מיט וואָלוועלן בוימל,
און אַנטקעגן מיר, בײַם נישט-באַדעקטן טישל,
איז האַלב-געזעסן און האַלב-געשטאַנען
און אַן אַפּעטיט מיט מיר מיטגעגעסן —
מײַן אומעט,
דער היטער פון מײַן באַוועגליכן זכרון.
ביז איצטער נאָך געדענק איך,
אַז כ'האָב מיט באַרן זילבער באַצאָלט פאַר צווייען
כאָטש לויטן חשבון איז מיר דאַמאָלס אויסגעקומען,
אַז כ'האָב בלויז באַצאָלט פאַר מײַן אומעטס מאָלצײַט.

און שפּעט בײַנאַכט פון יענעם שבת,
מיט אַ לײַכטזיניקער חברותא,
בײַם רויטן פלײש און שלעכטן ווײַן,
האָב איך געטרונקען און געגעסן און געזונגען
און פאַרן חבר צו דער רעכטער האַנט
באַקלאָגט זיך אויפן מאָגן,
און דער חבר צו דער לינקער
האָט מיך אויפמערקזאַם געמאַכט,
אַז מײַן ביפשטיק איז צו רוי
און כ'זאָל אים בעסער מער נישט עסן,
ווײַל די אויגן מײַנע זענען פול מיט טרערן.

יאָרנדיק פֿאַמעליך איז מיר פֿון זכרון
אָפּגעווישט געוואָרן די שיינקייט פֿון דער היים,
און דער שלש סעודות און די מלוה מלכה
זינגען נאָך אין מיר אַליץ שטילער, ווייטער,
ווי דער רייכער ריח פֿון וויגלידער
אין אַ דערוואַקסן קינדס זכרון.

# אַן אָוונט אין שטוב

וואוהין, וואוהין, מיין איינציק קינד,
זאָל איך ווידער גיין שפּאַצירן?
אַראָפּגיין אויף דער שמאָלער,
געדיכט־באַמענטשטער גאַס?
שפּאַצירן צווישן די,
וואָס שפּאַצירן קיינמאָל נישט?
וואוהין, זאָג, מיט מיין בלוטיק האַרץ,
זאָל איך שפּאַצירן גיין?

גייען מיר פאַרביי דעם אַלטן גאָלדשמיד —
דער פעטער יוסף מיינער,
וואָס האָט אַ שפּייז־געוועלב אין זשאַמייקע,
זאָגט, אַז ער געדענקט אים,
ווען ער איז געווען אַ זייגער־מאַכער
אויפן אַלטמאַרק אין דער היים —
גייען מיר פאַרביי דעם אַלטן גאָלדשמיד
און צווישן דעם געשליפענעם גלאָזוואַרג,
אין דעם ברייטן פענסטער,
שיינט די כתר תורה, —
וואָס היינט אין דער פּרי ערשט
האָבן זי געהאַלטן אין דינגען
אַ סעקרעטער און אַ וויצע־פּרעזידענט
(ביידע — האָרעפּאַשנע יידן)
און שוין געבאָטן
זעקס־און־צוואַנציק און אַ האַלבן טאָלער. —
און נישט ווייט פון דער כתר תורה,
צווישן אַ געגילטער יד און אַ זילבערנער פּסאָמביקס,
אויף אַ שטיקל גרינעם סאַמעט,
רייצט זיך מיט מיין הייליקייט
אַ פאַרשייט און סומנע־שטראַלנדיק גאָלדן צלמ'על —
וואוהין, וואוהין זשע, זאָג מיר, איינציק קינד,
זאָל איך ווידער גיין שפּאַצירן?
און גייען מיר פאַרביי דאָס ספרים־האַנדל —

פאַרוואָס פיל איך אַזאַ פאַרצאָגטן שמייכל
אויף מיין פּנים און אַזאַ היימישן ווייטאָג
אינם יונגען הארץ? —
און גייען מיר פאַרביי דאָס ספרים־האַנדל,
מוזן מיר צוזען
מיט ווייענדיקע, וויינענדיקע יונגע יידישע הערצער,
צוזאַמען מיט אַ גאַנג חומשים —
פּאַסקאַרעלאַ און מאַדאַם באַבעטאַ.

און ווען, קינד, האָב איך דען בייז געטון,
אַז מיר זאָל צוהאַנדן קומען
דער שמש מיטן הארטן קאַפּעלוש,
וואָס וויל מיר פאַרקויפן אַ בילעט,
אויף וועלכן ס'שטייט בפירוש
מיט ענגלעריפע אותיות: מאַסקער נעשאַמעס.
און פאַרוואָס, פאַרוואָס, מיין איינציק קינד,
זאָל איך עס דאַרפן וויסן,
אַז דער תּלמוד־תּורה־ייִד
מיט דער קופערנער פּושקע,
נעמט פערציק פּראָצענט
און מאַכט גוטע געשעפטן?

כ'וועל בלייבן דאָ.
אין שטוב ביי אונדז איז אַזוי היימליך־אומעטיק,
דו טוסט דיין וואָכעדיקע אַרבעט,
וואָס ווערט דורך דיין טון זי געהייליקט;
און איך באַטראַכט דיין ליב געשטאַלט
און טראַכט:
שוין עטליכע חדשים ווי מיר וואוינען אין דער דירה
און די טירן זענען אָן מזוזות.
און איצטער איז שוין זיבן, ס'אַכטע יאָר
צייט מיר האָבן ביידע חתונה געהאַט
און מיר האָבן נאָך פון קיינעם קיינמאָל
קיין דרשה־געשאַנק נישט באַקומען.
איך האָב נאָך קיין טלית נישט —

פון אַ קיטל אָפּגערעדט —
און דו האָסט נאָך אויף שבת קיינמאָל
קיין ליכט נישט אָנגעצונדען.
אוי, ווי דאָס מאַכט היימליך־אומעטיק
ביי אונדז אין שטוב.

אַזוי וועלן מיר זיצן דאָ,
מיין גאָלדען קינד, מיין הייליק ווייב,
ביז די ווענט פון אונדזער שטוב
וועלן שטיל און פייערליך
פּאַמעליך זיך באַוועגן
און דערמיט באַשטעטיקן,
אַז זיי פאַרנעמען אונדזער אומעט.
זע נאָר, קינד, אויף דער וואַנט
דאָס בילד פון פרצ׳ן עליו השלום, —
ווי שיין זיין פּנים גליט,
דו הערסט דעם נגון, וואָס ער זינגט ?
אוי, ווי דאָס מאַכט היימליך־אומעטיק
ביי אונדז אין שטוב.

1918

# ממעמקים

פאַר אונדזער חרפּה
ווער וועט זיך אָננעמען —
ווען נישט די קללה אויף אונדזער צונג?
אויף אונדזער בראָך
ווער וועט אונדז טרייסטן,
ווען נישט די טרייסט, וואָס גליט אין אונדז?

תּהלים, תּהלים!
מיינע דעמפּע פיר ווענט,
מיין פינסטערער טאָג,
מיין גאָט-געווידמעטע נאַכט,
מיין מעשענער לייכטער,
מיין טריפנדיק ליכט
און די נשמה מיינע
פון שאַנד און בראָך.

# מיטן וועג פון דורות

אַזוי וועלן דורות פאַרבייגיין:
שטעט וועלן אַלט ווערן
און אַלטערהייט זיך פאַנאַנדערבליען,
לעמפּערטן וועלן וויען אין דער וועלטס מדבריות,
היענעס וועלן דורשטיק זיין,
פּיראַטן וועלן לויערן אין ווייטע ים׳ען,
אויף שטילע וועגן וועלן וואַקסן זיסע יאַגדעס,
און יידיש בלוט,
מיין בלוט,
דאָס רעטזעל-בלוט,
דאָס אייביק איידלסטע און אייביק שטאַרקסטע,
וועט אין פּרעכטיק-הייליקע לוזשעס
באַצירן די אומריינע ערד,
אויף וועלכער ס׳טרעטן
די שלאַנגען-צונגיקע, שמוץ-גיריקע
ממזרים-ברידער פון לאָיאָלאַ,
אַזוי ווי רויטע רויזן אויף אַ קריסטס קבר.

אַזוי וועלן דורות פאַרבייגיין:
און מיר וועלן אייביק,
ווי די לויים אונדזערע,
זינגען דאָס ליד פון אונדזער הייליקייט,
און אייביק צו די הימלען
וועט צילן און גרייכן אונדזער געזאַנג:
צום הימל איז אונדזער ליד,
צום הימל איז אונדזער ליד.

1920

# לעוויט׳ס טאַבאַק

זעכצן מענטשן האָבן מיר געאַקערט
דאָס טאַבאַק-פעלד,
(דעם לעצטן פון די עלף אַקער קוקורוזע
האָבן מיר אין צווייען, איך און פרעד טאַמפּסאָן,
היינט אין דער פרי געענדיקט)
אימעצער האָט אויפן פּאַלצעט אָנגעהויבן זינגען
אַן אַמעריקאַניש גאַסן-לידל,
וואָס דער יידישער בחור בערלין האָט פאַרפּאַסט
און געמאַכט דערפון אַ האַלבן מיליאָן דאָלער.
די ווערטער זענען נאַריש, פּליסן פּלאַך,
נאָר דער ניגון גיסט זיך זאַפטיק
און זעכצן אַקעראַייזנס באַבערגלען ווייך דעם טאַבאַק,
זינגענדיק דאָס גויאישע לידל
מיט דעם יידישן ניגון.
זעכצן אַקעראַייזנס — זעכצן אומאָפּהענגיקע מענטשן.
פּאַר וויניקער פון צוויי מיט אַ האַלבן דאָלער אַ טאָג
אַרבעט קיינער נישט,
אַרויף און אַראָפּ און אַרום און אַרום —
דער האַוואַנאַ-טאַבאַק איז געראָטן,
מאָרגן מאַכן מיר גרייט די שייערן,
אין צען צוועלף טעג אַרום וועלן מיר שניידן.
הינטערן זעקסטן שייער מיט די אָפענע פליגלען
האָבן מיר אָנגעהויבן,
און איצטער האַלטן מיר שוין ביי מיסטער לעוויט׳ס הויז.
— היי, דזשאַני, ריים דאָרטן אָפּ זעכצן עפּל.
ברענג אַרויס אַן עמער וואַסער מיט דער שעפּ פונם הויז.
און בעט ביי מיסעס לעוויט אַ גרויס שטיק אייז.
— היי, דזשאַני, פאַרגעס נישט דאָרט צו זען, ווי שפּעט ס׳איז.
זעכצן אַקעראַייזנס — זעכצן אומאָפּהענגיקע מענטשן.
זעכצן האָבן מיר געאַקערט
דאָס טאַבאַק-פעלד.

# מר. גמזו'ס סדר

ערב פסח, זייגער זיבן אינדערפרי,
האָט זיך מיסטער גמזו טיף פאַרזאָרגט.
זיין הויז איז אַ פּאַלאַץ אין מאַמאַראָנעק
און זיין געשעפט אַן אַקציע־האַנדל אין ניו יאָרק.
פאַרטאָג האָט אַלץ פאַרשטעלט אַ ברוינער נעפּל,
און איצט האָט זיך די זון פּאַמעליך דורכגעבראָכן.
ער שטייט ביים פענסטער, קוקט אַרויס צום מזרח
און טראַכט פון דאַוונען, פון זיינע צוויי מיליאָן,
און זיינע זין, די פיר גבורים — דזשאָו, דזשעק, דזשים, מעט
וואָס זענען ביי דער וועלט נישט מער ווי גמזו בראָדערס.

עפּעס איז אים פּיינליך אומעטיק געוואָרן:
איז עס די זכרונות פון די קינדער־יאָרן,
די שווערע אַרבעט ביז די פּופּציקער,
צי גאָר די זאָרג פאַר דעם וואָס וועט זיין מאָרגן?
ער ווייסט נישט, נאָר עס זינגט אין אים אַן אומרו.

ער דאַוונט־אָפּ, עסט־אָפּ און פאָרט אין שטאָט אַריין.
די פרייד און פּיין פון — היינט ביינאַכט איז פסח!
האָט אים אויף אַ רגע נאָך נישט אָפּגעלאָזט.
ער פאָרט אין דער מאַשין און אין די יינגל־יאָרן.
ער קומט אַרויף צו זיך, אַ דרייסיק שטאָק די הויך,
דאָס פענסטער גייט אַרויס צום האָדסאָן;
ער זעצט זיך ביי זיין פיין־געשניצטן שרייבטיש,
זאָגט אַז מען זאָל אים איצט נישט רופן,
און ער רעדט צום דיקטאַפאָן:

ס'איז נישט צום איבערשרייבן.
היינט איז ערב פסח!
ווען כ'בין געווען אַ יינגל,
בין איך אַרומגעלאָפן באָרוועס אויף אַ לאָנקע

און גע׳חזר׳ט די פיר קשיות.
היינט איז ערב פסח!
ווען כ׳בין געווען אַ יינגל, איז מיר גוט געווען,
היינט איז שלעכט.
היינט ביינאַכט דער ערשטער סדר,
און איך האָב בילעטן אין דער אָפּער.
מיר, הערש דוד גמזו׳ן, איז היינט אומעטיק.

ער האָט געלאָזט דעם דיקטאַפאָן
דאָס צוויי מאָל איבערזאָגן,
דערנאָך אַראָפּגענומען און פאַרשלאָסן.
דער אומעט האָט נישט אויפגעהערט ביז מיטאָגצייט,
ווען ער האָט געלאָזט רופן אַלע פיר זין.
מיט וויץ און מיט גרעלעכטער האָבן זיך אַריינגעלאָזט
די פיר גבורים, ווי אַ כאַליאַסטרע מיליאָנערן.
ווען דזשאָו האָט אויסגעוויקלט צוויי פלאַש ווייַן,
האָט דזשעק צעעפנט ברייט אַ קאַרטאָן מצות,
און איינס און צוויי האָט מען געטרונקען און געקייט.
דזשים גיסט אָן און רוקט דעם פאָטער צו אַ גלאָז.
מען טרינקט די צווייטע כוסה און מען גיסט די דריטע.
די זון שיינט פּרעכטיק דורכן פענסטער,
די יונגען ווערן שווייגנדיק,
דער אַלטער רופט זיך אָן:
„קינדער, היינט איז פסח, היינט ביינאַכט דער סדר".
די יונגען האָבן ווי דערהערט אַ ווידער-קול
פון עפּעס וואָס איז ווייט און לאַנג פאַרגאַנגען.
אַ ווייל איז שטיל, דערנאָך זאָגט דזשאָו דער חכם:

„פסח איז אַ שיינער יום-טוב — פרילינג, פרייהייט,
האָסט אים קיינמאָל נישט געפּראַוועט, פּאָפּ, פאַרוואָס?
און דזשים דער רשע זאָגט: „ווער דאַרף עס דען?"
און דזשעק דער תם שטעלט אויס די אויגענעס,
ער גלאָצט און זאָגט: „וואָס מיינסטו, פּאָפּ?"
נאָר סעם זיצט שטיל. אין איין האַנט האַלט ער נאָך
די פערטע כוסה, און מיט דער צווייטער

לעזט ער סטענגעס פונם טיקער.
אויף די סטענגעס,
מיטן לשון פון די פּאַסיקלאַך און פינטעלאַך,
שטייט קלאָר געשריבן: שאינו יודע לשאול.

דעם אלטנס אומעט הויבט אָן ביסלעכווייז צערינען.
אַ גלעזל ווײַן אין האַנט, זיצט ער שטיל און טראַכט:
אַז ווען אַ וועלט איז איינגעזונקען, קען זי איינער ראַטעווען?
אַז ווען דער פרישער ריח פון אַ קינדערצייט וואַכט אויף,
קאָן עמיץ אים פאַרהאַלטן?
ווייזט אויס, אַז כ׳וועל שוין נעענטער ווי אַצינד נישט קומען
צו דער ליכטיקייט פון יענער ווייטער פרייד.

„זין מיינע", זאָגט ער,
„איך האָב אייך גערופן אייך צו דערמאָנען,
„אַז מיר לעבן אין מצרים.
„קוקט אַרויס פון די פענסטער, זעט:
„איז דאָס נישט פתום ורעמסס?
„שטייען נישט דאָרט די פּיראַמידען?"
ער פאַרהאַקט זיך און שמייכלט:

דזשאָו, זאָגט ער, קויפט בלויז שטאָל,
און דזשים בלויז לאָקאָמאָטיוון,
סעם קויפט צינק, בליי און קופּער,
און דזשעק בלויז שיפן און באַנען.

מיט ווייץ און מיט געלעכטער זענען זיי אַוועק,
די פיר גבורים, די כאַליאַסטרע מיליאַנערן.

און ווען הערש דוד גמזו
נעמט אַרויס דאָס רערל פונם דיקטאַפאָן
און שפּילט עס איבער,

קלינגט עס אים נאָך פרעמדער
פון די קינדער־יאָרן.
ער לייגט עס צו די אָפּגעניצטע רערלעך,
וואָס מען דאַרף באַלד אָפּראַזירן, —
ער נעמט אַ פּעקל דאָקומענטן
און זינגט זיך אונטער פון טראַוויאַטאַ.

# אַז אַ ייד איז נישט קיין קרוב

אויף משה מיכאל לעווינ׳ס נאָמען
איז פֿאַראַן אַ שטעטל מאַזעסוויל
טיף אין פּענסילוואַניע.
משה מיכאל איז אַ קרוב.
אַלעמענס קרוב. דיינער, מיינער, ווי געוויינליך.
אַז אַ ייד איז נישט קיין קרוב
איז ער אַ יאַהודי.

און איינמאָל אין אַ מיטוואָך,
אַ ראש חודש אינדערפֿרי,
ביים טרינקען פּאָמעראַנצנזאַפֿט
צו זיך אַליין לחיים,
האָט מיך מיט גרויסע אותיות
דערגרייכט די טרויערדיקע בשורה,
אַז מיינע קרובים יידן אין די אַנטיפּאָדן
גייט נישט גוט.
טייל דאַרפֿן האָלץ,
טייל דאַרפֿן אַקעראייזנס,
אַלע דאַרפֿן מעל.

אינדרויסן האָט גערעגנט,
און מיט דער מורא ס׳איז סענט סוויטינ׳ס טאָג
האָב איך געטראַכט, אַז פֿערציק טעג
וועט זיין דער הימל ווי אַן איבערגעקערטער ברונים,
און איך דאַרף קאַלאָשן און אַ זאַלב צו מיינע זאָרג.

אין מחשבות בין איך אויפֿגעשטאַנען
און געזאָגט מיין ווייב: איך פֿאָר אַוועק.
— וואוהין, מיין מאַן? — קיין מאַזעסוויל צו משה מיכלען.
די בלעטער שרייבן ס׳איז נישט גוט, מיין ווייב.
ס׳וואַרט שוין קיינער מער נישט אויף משיח׳ן.

דערפֿאַר ליגט שווער דער עול אויף מיר און דיר
צו פֿאַרזאָרגן יידישע אביונים
מיט לעקאַך און מיט וויין.
איך פֿאָר קיין מאָזעסוויל צו משה מיכלען.

דער שנעלצוג האָט געזונגען אויף די רעלסן,
כאַטש דער רויך האָט אים געשלעפּט צוריק,
און איך בין אַ פֿאַרשווארצטער אָנגעקומען
אין דער קאַפּיטאַליע.
אין גאָלדענעם דאָם האָב איך אָנגעקלאַפּט
און אָנגעפֿרעגט: דאָ וואוינט אַ ייד?
— דאָ הערשט אַ ייד.
משה מיכאל וואוינט און הערשט דאָ
מיילנווייט אַרום.

דורך אַ גאַסן־לאַבירינט
פֿון ציגלדיקן אַלטן זשאַווער־אייזן,
דורך קוימנס הויך ווי פּאַלמעס אין אַ דזשאַנגל,
דורך קאַלכאויוונס פֿון צעגאָסן שטאָל,
בין איך ענדליך אָנגעקומען,
יידישלאַך פֿאַרשווארצט,
צו משה מיכאל׳ס טראָן.

— אַזוי, אַזוי — האָט ער זיך חושכ׳דיק געוואונדערט
אין אלף־בית אויף אָנגעלשפּראַך, —
עס גייט זיי טאַקע שלעכט? נו, מילא,
כ׳האָב נישט גאָרנישט.
איז וואָס־זשע האָסטו גרויסע אויגן?
כ׳בין אַליין אַ נצרך:
די אישה מיינע הוסט
און כ׳האָב אַ טאָכטער חתונה צו מאַכן.
ס׳איז חוצפּהדיק פֿון דיר
צו ציילן די מיליאָנען מיינע,
איך האָב נאָך אַלץ נישט אָנגעהויבט געניג

זיך אויסצולייזן פון מיין קרובה׳שאפט מיט דיר.
די אישה מיינע הוסט
און כ׳האָב אַ טאָכטער חתונה צו מאַכן.

איך בין געשטאַנען ווי דער עני אין דער פּתח,
די אויגן פול מיט רויך
און סאַזשע אין דער נאָז,
און האָב אין אַלטער פיין געטראַכט
פון מעל, פון האָלץ, פון אַקעראייזנס,
דערנאָך פון זשאַווער, רויך,
און טויטע משה מיכאלס.

און בידים ריקות
בין איך אומגעוואָשן
פאַמעלאַכדיק צוריק אַהיימגעפאָרן,
אין אַ קרעכצנדיקער שיף.
אויף אַ ברודיקן טייך.

ווען איך האָב אַ קוש געטאָן די מזוזה,
האָט מיין ווייב איינגענעצט
דעם שפּיץ בלייפעדער אויף דער צונג
און אויף אַ צוקערבייטל
אויסגע׳חשבונ׳ט די אומזיסטיגע הוצאות.
— וואָס טויג דער חשבון, ווייב?
אַז אַ ייד איז נישט קיין קרוב
איז ער אַ יאַהודי.

## זוכנדיק אַ הייליק וואָרט

אַ פֿאַרוועלקטער טוליפּאַן,
וואָס דו האָסט מיט יאָרן צוריק,
אַ נאַרוואָס געשאָכטענעם,
אַריינגעלייגט אין מיין ליבן
בן־יהודה׳ס ווערטערבוך —
פֿאַרמאָגט דעם קרישטאָלענעם שליסל
צו עפֿענען פֿאַר מיר דאָס טירל
פֿון דער וואונדער־הייל,
וואו עס ליגן געפֿאַנגען
אַ סך פֿון מיינע בליענדיקע טעג.

און איצטער, ווען איך זוך אַמאָל
דאָס קלאָרע ליכט, וואָס גליט
אין אַ הייליק וואָרט,
ווייט אויף מיר דער אָטעם
פֿון דעם אַלטן טוליפּאַן
און אַ הימל־האַנט גלעט מיר
מיינע אַקסלען און מיין פּנים
און פֿירט מיך אויף טעפּיכער
פֿון אויסגעשטערנטע הימלען,
ווייט אַראָפּ דורך אַ לאַנגען פֿינסטערן פּאַדערהויז,
וואו איך טרעף מיך אַליין אין צוויי געשטאַלטן —
אַ ליכטיק יינגל מיט זינגענדיקע טריט
און אַ ווינד־און־וויי־מענטש מיט אַ פֿיינליך האַרץ.

דאָרט פֿאַלען זיך די צוויי געשטאַלטן אויפֿן האַלז
און דער אָרעמער שאָטן זייערער
שרעקט גאָטס שטול.

און דער ווינד־און־וויי־מענטש שלייכט זיך אַריין
אין דער אוצר־קאַמער פֿון דער וואונדער־הייל

און דריקט זיין פאַרטרערט פּנים צו די ווענט פון עלפאַנטביין,
באָדט זיינע לאַכנדיקע הענט אין זעקלעך פּערל,
וואָס זענען פאַרוואַנדלטע זוניקע טעג,
קושט אַלץ, וואָס איז הייליק,
בוקט זיך פאַר יעדן ווינקל
און וויל נישט אויפהויבן דאָס פּנים מער
פון דעם שטיינערנעם דיל.

און ווען דער טייטש פונם וואָרט
גייט מיר אויף אין זינען,
רייסן מיך אויף דריי גזלנים,
פלעכטן אַ רעטעניש־קניפּ פון זייערע זעקס הענט
און בליצן מיך דורך דורכן פינסטערן פּאַדערהויז.

דער טויטער טוליפּאַן ליגט ווייטער אין זיין הייליק קבר
און איך בין ווידער
דער איינגעבויגענער מענטש איבערן בוך.

# דרײַ בורשטינענע שיסלען

אין פֿריִען אָנהויב פֿונעם לעצטן הערבסט
האָב איך מיר אײַנגעקויפֿט מיט מײַנע גראָשנס,
דרײַ בורשטינענע שיסלען.
אין אײנער פֿלעג איך וואַשן מיר מײַן אָרעם גרעט,
אין אײנער קנעטן מעל מיט בוימל,
און אין דער דריטער פֿלעגט אַ גאַנצן ווינטער
אַרומגײן אַ לעבעדיק פֿישל,
וואָס איך האָב יעדן טאָג געקויפֿט אויפֿן מאַרק.
און ווי דער פֿרילינג איז נאָר אָנגעקומען,
האָב איך אײנע אַוועקגעשענקט דעם רב
פֿאַר פּסק'ענען אַ גרינגע שאלה,
אײנע האָב איך צו אַן אַלטן טעפּער אויפֿן מאַרק,
פֿאַרקויפֿט פֿאַר אַ שבֿוש,
און אין אײנער האָט מײַן זון זאַמד זיך אָנגעשיט
און געמאַכט אַ טײַך פֿון אײגענער ערפֿינדונג.

פֿרילינגצײַט און זומערצײַט
באַדאַרף איך נישט קײן שיסלען.

און ווען דער הערבסט וועט קומען
און דאָס גראָע בוך פֿון טאָג נאָך טאָג
וועט זיך ווידער בלעטערן
פֿאַר מײַנע בענקענדיקע אויגן,
און וואַנדלענדיק אין לאַבירינט
פֿון רעלסן, רעדער, רייד און אומעט
וועט עס מיך ווידער פֿאַרקלעמען,
אַזוי ווי די לעצטע שווערע אַכט נײַן הערבסטס,
וואָס איך האָב איבערגעלעבט, —
דאַמאָלס אין מײַן אײנזאַמער תּמימות,
וועל איך ווידער גײן זוכן
מײַנע דרײַ בורשטינענע שיסלען.
און דאַמאָלס קען נאָך זײַן, —

איך זאָג דאָס שטילער,
ווייל ס'איז איצטער פרילינג,
און יעדן פרילינג צווייפל איך אין דעם —
דאַמאָלס קען נאָך זיין,
אַז אין איינער פון די דריי
זאָל איך מישן קרייטעכצער,
וואָס קענען פאַרברענען די לונגען אויף אייביק.
(ווי לאַנג געדויערט אייביק?)

# וואו איז דאָס לאַנד

ביים יידישן מלך אין קרווינזאַל איז לוסטיק:
פּלאַטערדיק זיידנס און קלימפּערדיק זילבער,
פֿאַרבן, וואָס נישט יעדנס אויג קען זיי זעען,
יידישע טענץ פֿון אַ ווייטן פֿאַרצייטנס,
רייכע ניגונים פֿון צייטן נאָך עלטער.
קינדער אין בלאָען מיט העבאָנע פּליטן,
מיידלאַך אין ווייסן מיט לופּטיקע גלידער,
מלך און מלכה מיט בעכערס געהויבן:
ביים יידישן מלך אין קרווינזאַל איז לוסטיק.

ביים יידישן מלך אין קרווינזאַל איז פֿינסטער:
פֿינסטער ווי אַ פֿאַרוואָגלטער אומה'ס נשמה.
אין שוואַרצע געוועגדער אויף דר'ערד ליגט אַ חלום,
די ליכט שוין פֿאַרלאָשן פֿון טויזנטער יאָרן.
הויפֿנס מיט ביינער צעפּרעסן פֿון ציינער,
אַזוי ווי דער טויט וואָלט אַליין זיי געגריזשעט
און וואָלט זיך פֿאַר'סמ'ט און אַליין אויך געשטאָרבן.
פֿעסט, גרויל, פֿעסט, ווייטער אונטערגאַנג:
ביים יידישן מלך אין קרווינזאַל איז פֿינסטער.

## װעגן דעם אויסטערלישן קאַרטל
## (מיטן אויפגעלעבטן אָדלער)
## װאָס קיין ברייוטרעגער האָט נישט געבראַכט

שפּעט אין דער נאַכט
האָט אָנגעהויבן גיסן אַ שלאַקסרעגן
איבער ניו יאָרק דער שטאָט,
און אַלע די, װעמען די דונערן און בליצן
האָבן אויפגעװועקט פון נאַרהאַפטן שלאָף,
האָבן אַ װייל געקוקט און אַ װייל געהערט
אין דער היימליכער פינסטער,
און זענען װידער איינגעשלאָפן
אונטערן קלאַנג פון רעגן.
אין דער פרי אַ זייגער ניין האָט נאָך אַלץ גערעגנט,
און די גאַסן, װאו מען װאוינט און װאו מען האַנדלט,
האָבן געפּליצט מיט מענטשן אין קאַלאָשן,
און מיט שװאַרצע פּאַראַסאָלן.

מאָרטימער נאָרמאַן הירשענהיימער —
אַ ייד, אַ ייד װי איך און דו,
האָט אַ קייסערליכע היים
אין דער זיבעציקסטער גאַס,
ביי דער פינפטער עװעניו.
(די אילוסטרירטע „ארכיטעקטור-װועלט"
האָט זי אין לעצטן נומער באַשריבן
אַלס אַ מייסטערשטיק אין יעדער הינזיכט).
מאָרטימער נאָרמאַן הירשענהיימער —
אַ ייד, אַ ייד װי איך און דו,
איז אַ גוטער, גוטער ייד.
זיין געשעפט און זיין משפחה
מעג געגליכן װערן
צו די ראָטשילדס און די מאָרגענטאַלערס,
אין עשירות, כבוד, יחוס, שטעלונג אין דער װועלט.
מאָרטימער נאָרמאַן הירשענהיימער
איז אַ ייד, װאָס זעט זיך ביי דער װועלט אָן

מער ווי איך און דו.
מאַרטימער נאָרמאַן הירשענהיימער
איז אַרויסגעגאַנגען ניין אַ זייגער אין דער פרי
פון זיין הרחבה׳דיקער היים
מיט אַן אָפענעם פּאַראַסאָל
צו צום פאַרמאַכטן לימוזין,
מיט וועלכן ס׳האָט דער נעגער
לאַנג געוואַרט שוין ביים פּאָרטאַל.

וויפל לעבן גאָט באַשערט עס
יעדן קלענסטן שטיקל ערד,
און וואָס עס קען זיך אַלץ פאַרלויפן
אין אַ מענטשנס וועג.
שפּרייזנדיק די קנאַפּע דלת-אמות,
האָט זיך דער גאַלאַנטער הירשענהיימער,
מיין איידעלער גלויבנס-ברודער, איינגעבויגן,
צום נעגערס גרעסטער שטוינונג,
און אויפגעהויבן פונם נאַסן,
שפּיגלדיקן טראָטואַר —
אויפן נאַסן שפּיגלדיקן טראָטואַר
האָט דער רעגן אַן אויפהער געצייכנט
אַ שווינדענדיקע, עקזאָטישע, יידישע שריפט —
און פונם נאַסן, שפּיגלדיקן טראָטואַר
האָט מאַרטימער נאָרמאַן הירשענהיימער
אויפגעהויבן אַן אויסטערליש קאַרטל,
(מיט אַן אויפגעלעבטן אַדלער),
וואָס קיין בריוטרעגער האָט נישט געבראַכט.

דער לימוזין לויפט געלאַסן,
צווישן צען און פופצן מייל אַ שעה,
אַראָפּ דעם גרויסן ווייסן וועג.
אויף די שווערע גומענע רעדער
זענען אָנגעטון די קייטן,
די פענסטער זענען פאַרמאַכט,
און אינעווייניק זיצט און שטוינט

און אָטעמט אָפּגעהאַקט מיט אַ גאָטס שליחות —
הירשענהיימער !
אויף דער אַדרעס־זייט איז אָנגעשריבן
מיט — ווי קען ער צווייפלען דען, אַז דאָס איז בלוט ? —
איין איינציק וואָרט : ישראל.
און אויף דער אַנדערער —
מיט בלוט, מיט בלוט, מיט בלוט, —
שטייט געשריבן אָט אַזוי :

פון מיר צו דיר.
דער אויפגעלעבטער אָדלער
רייסט זיך צום פלי
און פאַרשטעלט מיר דעם הימל.
מיט די אָדלער־נעגל שפּאַרט ער זיך
אָן מיין האַרץ אָן און רייסט זיך צום פלי.
העלפסטו מיר — העלפט דאָס דיר,
העלפסטו נישט — גייסטו אונטער גלייך מיט מיר.
ישראל.

גאָטס שליחות איז אים קלאָר,
דעם יונגען ייד.
טראַכט ער (אין אייגנטימליכע טערמינען) :
צי ווייל איינער איז געבוירן אין אַ גאָלדען הייבל,
און אַ ברודער זיינער
אין אַ רעגנדיקן, שדים׳דיקן פּרייטאָגצונאַכטס —
קען עס שוין עד סוף כל הדורות
נישט אַנדערש ווערן ?
און ער זוכט און זוכט דאָס אויסטערלישע קאַרטל,
נאָר מער ווי דאָס פייערדיקע כתב
וואָס גליט ווי אַ שטיין־געבליבענער בליץ
אין זיין זכרון — קען ער נישט געפינען.

ווי שיין איז דער בן־אדם,
ווען זיין האַרץ איז נישט נאָר דער בלוט־קניפּ פונם גוף,

נאָר אויך דער סידור, אין וועלכן די נשמה דאַוונט.
ווי שיין ס'האָט אויפגעשיינט דאָס פּנים
פון מאַרטימער נאָרמאַן הירשענהיימער, —
און אויפן פּאָן פון טריבן לעבן
האָט עס אויפגעלויכטן,
ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע זון פון אַ שענערער וועלט.

געשווינדער אַביסל לויפט דער צירליכער פּעקארד
און טראָגט דעם נאָענטן דערלייזער
פון אלפי־אלפים ברידער יידן —
נעענטער צו דער וואָל־גאַס,
צו זיין שווערער מויער,
וואו ער פירט די געשעפטן זיינע
מיט באַנקנאָטן, געלט־פּאַפּירן
און פאַרוואַנדטן האַנדל־וואַנדל.

אַרוים פונם אויטאָ, אַ קלאַפּ מיטן טירל,
דער נביא גייט האַסטיק אריין אין דער באַנק.
ס'קלאַפּן, קלאַפּן, קלאַפּן אָן אָן אויפהער
הונדערט שרייב־מאַשינען
און פירן די פאַרבינדונגען
מיט אַלע עקן וועלט.
ס'רעדן, רעדן, רעדן
די באַאַמטע און די קונים,
און ס'זאַמלען זיך געזעצליך
די מיליאָנען הירשענהיימערס.

אַליין, אַליין זיצט ער דאָ אַצינד, אַליין
אין זיין פּריוואַטער שרייב־שטוב
מיטן ווענעציאַנישן פענסטער
און פלאָרענטינישער גלאָז־טיר
ביים מאַהאָגענעם שרייבטיש,
און מישט אַליין דאָס גרויסע בוך,
וואָס זאָגט אים, קלערער איצט ווי אַלעמאָל,
אַז מאַרטימער נאָרמאַן הירשענהיימער

איז ווערט אין געלט ביי דער גרויסער וועלט
אַ קאַרגן ערך פון דריי מיליאַרד.

פאַראַנען פעלקער, וואָס לעבן אויף באַרג:
מען באַרגט אויף ברויט און אויף געוואַנט,
אויף אַקעראייזנס, אויף געהילץ און רויע שטאָל;
מען צאָלט די אויסגעלאַסנסטע פּראָצענטן,
און ס׳איז קיין נאַציאָנאַלע חרפּה נישט צו באָרגן
אַ קליינעם טייל פון דריי מיליאַרד.

דאָס ווייסט מיין יונגער גלויבנס־ברודער
און טראַכט מיט פאַרמאַכטע אויגן,
אין דער באַגלייטונג פון גליענדיקע,
שטייגנדיקע און פאַלנדיקע פייערן,
פון וועלכע ס׳וועבן זיך — לויט בערגסאָנען — חלומות:
פאַרוואָס דאָס איז, וואָס ער און איך און דו,
וואָס מיר קענען אַזוי גוט די פעלקער, —
ביי די אַלטע — זייערע הארבע דרכים,
ביי די יונגע — זייערע חבלי־לידה, —
פאַרוואָס מיר באַרגן זיי אַוועק אָפּט
געלט און גייסט און בלוט
און נעמען נאָר פּראָצענטן פונם געלט?
פאַרוואָס דאָס איז, וואָס ער און איך און דו
לעבן אין דריי טיילן פון דער וועלט,
אין דריי לענדער פון אַ קאָנטינענט,
אין דריי שטעט פון אַ לאַנד,
אין דריי גאַסן פון אַ שטאָט,
אין דריי הויפן פון אַ גאַס,
אין דריי שטובן פון אַ הויף,
און שפּינען דריי פעדים פאַר די זיבן וועלטן
פון נישט אים און נישט מיר און נישט דיר.

ווער איז ער און ווער בין איך און ווער ביזטו?
מיר זענען קינדער דריי

מיט אַ גאָלדענעם טראָמפּייטער.
אונדזער ציל און אונדזער שפּיל איז אַ קינדער־מאַרש,
אַרום די ברעגן פון דער וועלט,
מיטן גאָלדענעם טראָמפּייטער.

און ווער זעט אונדז? דאָס אויג וואָס זעט.
און ווער הערט אונדז? — דאָס אויער וואָס הערט.

— איצט איז מיין ריי — זעט מיין ברודער —
צו זינגען דאָס ליד פון מיינע מיליאַרדן, —
דאָס גאַסנליד פון דער וועלט.
רענדל, רענדל, די האַק האַלט איין.
ווי דען, ווי דען?
רענדל, רענדל, קויף איין אַ לאַנד.
שוין איינגעקויפט.
רענדל, רענדל, באַפריי מיין פאָלק...

און מאָרטימער נאָרמאַן הירשענהיימער
צינדט אויפסניי אָן זיין אויסגעגאַנגענעם ציגאַר
און הילט ווידער איין זיין נביא־פּנים
אין אַן אַראָמאַט פון רעגנבויגן־רויך,
וואָס איז געוואַקסן אויף קובאַנער פעלדער.

אַזוי ווי ביי אַ הייליק פאָלק אַ קינסטלער
אין אַ רגע פון דערהויבונג,
האָט אַ גלי געטון זיין מוח.
ס׳האַרץ האָט אויפגעשטורעמט
און זיין האַנט האָט, ווי דעם סקולפּטאָרס צו זיין דלאָטע,
זיך געשטרעקט צום טעלעפאָן.
אַ לאַנגע, לאַנגע רייע יידן,
מיט געלט־געשעפטן אין דער וואַנט־גאַס,
האָט ער אויפגערופן
אויפן איידעלן, געטאַקטן טעלעפאָן,

האָט געריעדט צו זיי לאַנג און זיכער,
מיט זילבערנע שוימיקע רייד
פון אַ נאָענטן פריינט און אַ יונגען נביא,
און איידער נאָך די זון האָט יענעם אָוונט אַנגעצונדען
די פּאַליסאַדן פון מערב ניו יאָרק,
און איידער נאָך דער פלאַץ אַרום דעם ראָטהויז
האָט געפלייצט מיט אַהיימגייער
פון די אַרומיקע האַנדל־קאַטעדרען,
האָט מאָרטימער נאָרמאַן הירשענהיימער
געהאַט אַ קימאַ־לן פון ניין מיליאַרד,
(אַריינגערעכנט זיינע צווייַ),
פאַר א יידישער הלוואה.

אַזוי אַרום זענען מיר געוואָרן.
פון אונדזערע געדערים
איז געקומען די ישועה
און ווער עס זעט דעם סוף פון אַלעם,
דער וועט זען דעם זונאויפגאַנג
אויף די ברעגן פון דער וועלט,
וואו מיר קינדער דריי מאַרשירן
מיטן גאָלדענעם טראָמפּייטער.

# װעגן געבעקס

נאָך אַ לאַנגער צוטומלטער רײַזע
צװישן אױסגעלאָסענער פּראַנצװיזישער פּאַסטרי,
געשװינדעלטן לעקאַך
און לעצטע ערפינדונגען פֿון זיס־בעקערײַ,
בין איך אָנגעקומען אין דעם שטילן דאָרף,
װאָס רופט זיך: ברױט מיט פּוטער.

איצטער זע איך נישט אין חלום מער
קײן שאַנסאַנעטקעס אין פֿליטער־קלײדער,
אונטער פֿײערן פֿון פּורפּור, גרין און געל.
איצטער שלאָף איך אין מײַן שלאָף אין טיפֿן קאָרן,
װינטש מיר איך זאָל לעבן הונדערט צװאַנציק יאָר,
הער װי ס׳מעקן אין דער װײַטנס קי און קעלבער,
זע װי אױפֿן שליאַך גײט אַ ײנגל,
טראָגט אַ קאַן מיט מילך און אַ נאַסע שמאַטע
און קוקט, װי ס׳טאַנצט אים פֿאַר דער נאָז
אַ רױט־ברױן זומער־פֿײגעלע, װאָס זעט אױס
װי פֿון זײַדנס אױסגעהאַפּטן
און פֿון זון און װינט געטראָגן,
און עס גײט פֿאַררױצט — דאָס ײנגל.
װען גאָט זאָל געבן,
מײַן נשמה זאָל זיך נאָר באַרואיקן,
װעל איך מיר לאָזן אױסשרײַבן
מײַנע בירגערפּאַפּירן אױף פּאַרמעט,
אין דעם שטילן דאָרף, װאָס רופֿט זיך:
ברױט מיט פּוטער.

## נפתלי לויפט

נפתלי לויפט...—
דער טאָג איז דער שענסטער, וואָס אַ סיון האָט געבוירן. —
צי קלאַמערט זיך זיין גייסט דער לופטיקער
אָן די שטראַלן,
און זיין גוף אָן גייסט?
צי זענען די זאַנגען, ווי שטאָלענע ריטער,
וואָס בייגן זיך נישט אונטער זיינע טריט.
צי איז ער אַ פויגל, וואָס פליט איבער זאַנגען
און רירט זיי נישט אָן?
נפתלי לויפט...
און טראָגט אַ שליחות צו...
בלויז איינער לויפט פון אים געשווינדער —
דער ווינט, וואָס לאָזט אים זעגלן
אויף זיינע זוניקע וועלן.
נפתלי לויפט...

## ביי אַ היימישער סעודה

דער פריילעכסטער:

לאָמיר זיך דערמאָנען אָן אַ טויטן חבר.
און לאַכן דערפֿאַר, ווייל ער האָט געלאַכט,
און טרינקען דערפֿאַר, ווייל ער האָט געלעבט.

דער אומעטיקסטער:

זאָל איינער פֿאַר אונדז צייכענען די קנייטשן אויף זיין שטערן,
און איינער זאָל אונדז מאָלן דעם קאָליר פֿון זיין וועסט,
און ווער געדענקט זיין שניפּסל אין טאָג פֿון זיין טויט?

אַלע:

לאָמיר זיך דערמאָנען אָן אַ טויטן חבר.
און לאַכן דערפֿאַר, ווייל ער האָט געלאַכט,
און טרינקען דערפֿאַר, ווייל ער האָט געלעבט.
לחיים!

# גראַנאַטן און מילגרוימען

אין ווייטע גערטנער פאַלן איצטער מילגרוימען פון הויכעביימער,
אויף ווייטע פעלדער פאַלן גראַנאַטן פון נאָך העכער.
מיט מיין פערלמוטערן מוציא-מעסער,
וואָס דערמאָנט מיך, אַז איך בין אַ דריטער דור,
שנייד איך אויף דאָס פורפור-האַרץ פון מיין מילגרוים,
שפּיז איך דורך דאָס האַרץ פון תרי"ג מצוות
און טראַכט דערנאָך, ווי נאַר אַ גולם און אַ רשע קען:
פאַר וואָס גראַנאַטן פאַלן,
ווען עס פאַלן מילגרוימען אויך,
און פאַר וואָס די זון שטייט ביים פינסטערן טויער,
מיט איר אַלטפרענקישן לאַמטערן אין דער האַנט,
און לייכט זיי ביידן צו.
זון, דו זון —
גראַנאַטן און מילגרוימען.

# רוענדיק

צווישן צוויי סאָסנעס, ווייט פונם הויז,
וויגט זיך דער העמאַק, צום וואַלד און צוריק —
טיף אינם העמאַק ליג איך מיט מיין זון.
רייך איז דער שאָטן אַרום און אַרום,
נאָר זוניקע בלעטלעך,
אַזוי ווי דער אָפּגלאַנץ פון אָפענע דעקלעך
פון גאָלדענע זייגערס, שפּילן אויף אונדז.
ווער וויגט דעם העמאַק? דער פריינטליכער ווינט.
הויך אין די צווייגן זינגען יונגע פייגל
און עס סקריפּען די הוקנס פונם העמאַק,
ווייט אין דער ווייט קלינגט אַ גלעקל אויפן האַלדז פון אַ קו.

אַ קעניגליכער זומערפויגל קרייזט אַרום אונדז
און מאַכט זיך אַן אָפּשטעל מיין זון אויפן האַרץ.
אַ פּרעכטיקע שפּין, ווי אַ מאַטליכער רובין,
מיט זעקס שוואַרצע פיס ווי פון אַנגעשטייפטער זייד,
שטאָלפּערט אויף דער אַלטער קאָרע.
אויף מיין לינקן שוך האָט מיין זון דערזען
אַ לאַנגן, פוטערדיקן, געלן שניידער.
אַ הונדל האָט פאַרבלאָנדזשעט פונם הויז.
פאַרענדיקט דאָ אַ רעפּטל קאָרנברויט
און צופּט די פּראַנזן פונם העמאַק.
„טאַטע, שוין גענוג געוויגט זיך.
קום קלויבן פאַר דער מאַמען בלאָע יאַגדעס".
שפּרינגען אַרום פיר פיס —
צוויי שווערע, צוויי גרינגע — און טרעטן לאַנג
אויף מוראַשקעס, שישקעס און געל־רויטע נאָדלען.

# פֿאַר אַ ייִדנוועבער

הינטערן אַלטן שייער, ביים קלעצל מיט די שפּענער,
נעבן בלאָטע־גרוב, וואו ס׳ליגן מיינע צוויי חזירים,
שטייט אַ גראָע בודקע מיט אַ האַרץ־לאָך אין דער טיר.
דורכן האַרץ־לאָך איז פֿאַרטאָג די זון אַריין און האָט געגישטערט
אין יעדן ווינקל פֿון דער שפּין־באַוואָוינטער בודקע;
ביז וואַנען זי האָט אויפֿגעדעקט אַ וואונדערליכן שפּינגעוועב,
וואָס האָט געפֿינקלט און געמינגלט,
ווי די גלעזלעך פֿון אַ הענגל־לייכטער
ביי אַ חדר־ייִנגל אין דער האַנט.
און וואָלט דאָס שפּינוועב געהאַט נאָר אַ ממשות,
וואָלט איך עס אַראָפּגענומען
אויף אַן אָפֿענעם פֿליגל פֿון אַ ווייסער טויב
און מיין געליבטע וואָלט עס אין יום טובֿ־טעג
אָנגעטון אויפֿן פּנים פֿאַר אַ קאָסטבאַרן וואָאַל.
נאָר שפּינגעוועב, ווי שיין און וואונדערליך עס זאָל נישט זיין,
האָט קיין ממשות נישט —
און איך האָב נאָר געקענט מיך וואונדערן און שטוינען
איבער די טויטע צוויי שמאַראַגדן־פֿליגן,
וואָס זענען דאָרט געלעגן בלייך און פֿרילינגס־טויט
ווי צוויי בלאָנדע קינדער פֿון אַ טיפֿן דענקער,
וואָס זענען שפּילעוודיק באַגאַנגען זעלבסטמאָרד
מיט אַ פֿלעשל שוואַרצן טינט,
ביים טאַטן אין טונקעלען קאַבינעט,
פֿול מיט ביכער און מיט טויטע מאָטן.

געדענק עס גוט, מיין יונגער ייִדנוועבער,
דו טראָגסט דאָך נאָך נישט קיין שפּאַקולן,
ווען די שופֿלעם דיינע פֿליען איין און אויס:
ס׳איז הינטערן אַלטן שייער, ביים קלעצל מיט די שפּענער,
נעבן בלאָטע־גרוב, וואו ס׳ליגן מיינע צוויי חזירים.

## יונגע ליבע

היינט באַגינען האָט ביי מיר אין שטוב
פאַרשמעקט מיט יונגער ליבע.
מיט קלאָרע אויגן און אַ גליקליך האַרץ
בין איך אַראָפּ פון מיין רייך געלעגער
און אַרויסגעלענט זיך פון אָפענעם פענסטער,
וואָס איז אַרוים צום מזרח און צום וואַלד.
מיין בליענדיק מיידל-ווייב שלאָפט נאָך
און אָטעמט מיט טוי-געוואַשענער מאַרגנלופט
און מיינע זיסע אָוונט-רייד.
איך נעם אַריין מיין קאָפּ צוריק אין שטוב,
קוק מיך אום און אָטעם טיף —
און נייע אומבאַקאַנטע פריידן קלאַפּן אָן
מיט פיינע גאָלדענע העמערלאַך
אין מיין יעדן פולבלוטיקן אָדער,
גאָט אין הימל, עס שמעקט דאָך דאָ ביי מיר
מיט יונגער ליבע.
מיין מיידל-ווייב עפנט אויף די אויגן,
קוקט מיך גליקליך אָן און צו מיר זיך שטרעקנדיק
זאָגט זי: ליבער, ליבער, ליבער,
פאַרוואָס האָסטו אַזוי פרי
מיך געלאָזט אַליין אויפן געלעגער?
און גליקליך לאַכנדיק דערצייל איך איר,
אַז מיך האָט אויפגעוועקט אַ ריח פון יונגער ליבע.
— ליבער, ליבער, ליבער — און איר קול קלינגט מיר
ווי איילבירטן וואָס פאַלן אויף גאָלדענע טאַצן —
דו זאָגסט אַ הייליקן אמת. ביי אונדז אין שטוב
פאַרשמעקט מיט יונגער ליבע.
געמיינט האָבן מיר, מיין גרויסער ליבער,
אַז די לאַסט פון אונדזער יידיש לעבן
וועט אונדז פאַרלאָקן אויף אַ ווינטער-פעלד,
וואו מיר וועלן אומגיין
מיטן אָרון פון אונדזער ליבע אויף די אַקסלען.
אָבער ביידע זענען מיר יונג און יידיש
און אין אונדזער נייער, שיינער שטוב
פאַרשמעקט מיט יונגער ליבע.

## ביים קנאה'דיקן אָנבליק פון אַלטעגליכע שיינקייטן

קינד, מיין קינד,
איבער אַלע שיינקייטן פון לעבן
וועל איך דיך אַריבערטראָגן,
(ווי אַ פייערלעשער טראָגט אַ קינד
דורך אַלע ברענענדיקע שטאָקן פון אַ הויז)
און וועל דיך צו דער העכסטער
שיינקייט איבערגעבן,
(ווי דער פייערלעשער
גיט דאָס קינד דער מאַמען איבער).

אויף אַ טאָץ פון תפילות
וועל איך דיר מיין ליבע אַנטקעגנטראָגן,
פון מיין גלויבן אין דיר וועל איך בויען
דאָס הויז פאַר אונדז און אונדזערע קינדער.
נאָר היט מיר אָפּ דיין שמייכל דורכן לעבן
(ווי איך היט מיין איינזאַמקייט
אין די לאַנגע סומנע קאָרידאָרן
פון יעדן טאָג).

# דער הימן צו דיין בליק

אַזוי וואָלט איך שעה'ענווייז, טעגווייז
געקוקט אין די אויגן, וואָס בייטן זיך אייביק,
אַזוי וואָלט איך שעה'ענווייז, טעגווייז געגלויבט נאָך,
אַז אַלץ, וואָס מיך קען נאָך אין וואונדער פאַרוויגן,
דאָס לעבט נאָך אין דיר.

שעה'ענווייז, טעגווייז וואָלט איך נאָך ביי דיר,
ווי אַ פישער ביים ים-ברעג געלעגן,
ס'זאָל עפּעס מיך וואונדערן, עפּעס נישט קלאָר זיין,
און דאָך זאָל מיר זיין אַזוי רואיק און גוט.

אַזוי וואָלט איך שעה'ענווייז, טעגווייז געלעגן
און פליכטפול געהיטן די דויערנדע רגע'ס,
וואָס שפּילן זיך הינטער די בלומבלעטל-ברעמען
פון דיינע מיך-טראָגנדיקע אויגן.

וואָס זענען דען שעה'ען פון פּאַסיע
און טעג פון שטילן אויסגיין
אַנטקעגן דער בליענדער רגע,
ווען ס'עפענען זיך גרוים דיינע אויגן
און שטאַרן מיך אָן און פאַרמאַכן זיך ווידער?

## דער וואַלד באַרג

אויבן שטייט דער וואַלד
און אונטן שלאָפֿט מיין קינד;
אויבן זינגען פייגל
און אונטן קוועלט מיין הארץ.

אַ דאַנק דיר, הויכער וואַלד דאָרט,
פֿאַר שאָטענען מיין קינד;
גאָט זאָל העלפֿן, קינד מיינס,
זאָלסט וואַקסן ווי דער וואַלד.

איבערן וואַלד דער הימל,
איבערן טאָל דער וואַלד ,
איבער מיר אַ כישוף,
וואָס קושט מיך איין צו רו.

רואיקייט, מיין רו דו,
האַלט מיך טיף אין טאָל;
העכער פֿון די טאָלן
זינגט די אומרו.

## באָטאַנישער צווייפל

איז דאָס אַן אַקאַציען־בוים
דערמאָנט ער מיך די ערשטע טעג
פון מיין ערשטער ליבע.
און איז דער בוים אַ פרעמדער בוים —
דערמאָנט ער מיך שוין גאָר נישט מער,
אויסער אַ שטאָטישן סקווער
אין אַן אָרימער שטאָט,
אַ צוקריצטע, צושניצטע הילצערנע באַנק,
אַ מידן גאַנג פון אַ יונגער פרוי
מיט רויטן מאָן אויף אַ שוואַרצן הוט
און אַ פאַררעגנטע טעגליכע צייטונג.
איז דאָס אַן אַקאַציען־בוים ?
אָך, — ס'איז אַן אַקאַציען־בוים . . .

## דאָס טרויעריקע ליד פון רויטן בוים

ביים לאַנגן ים־פּאַס פון לאַנג אינזל,
אויפן ליכטיקן גרינעם פעלד,
לעבט אַ רויטער בוים.
(ווייַנט נישט, ווייַנט נישט, ליבע גראָזן)
ס׳לעבט אַ רויטער בוים.

יעדע קנאָספּ — אָן אָפּן האַרץ,
פון גאָט געעפנט מיט אַ קוש,
(ווייַנט נישט, ווייַנט נישט, ליבע גראָזן)
טויזנט ראָזע בליטן
לעבן אויפן רויטן בוים.

חלום מייַנער,
אוי, געטרייַער חלום מייַנער,
שטרעקסט די פרומע סופר־פינגער
איבער לאַנד און ים
און באַהענגסט דעם רויטן בוים
מיט טויזנט תלמוד־תורה־קינדער
פון שעווטשענקע׳ס ערד.
(ווייַנט נישט, ווייַנט נישט וויטמאַנ׳ס גראָזן
וואָס אוקראַינע האָט אויך אַ פרילינג).

ס׳גלאָצן פונם בוים
טויזנט בלאָע צינגלעך,
וואָס פלעגן אין פרימאָרגנס
פלאַפּלען: מודה אני...
(ווייַנט נישט, ווייַנט נישט, ליבע גראָזן —
אַכט נישט אויף מייַן ליד).

# װעגן מיטװאָך און שבת

אַריבער דער װײַטער מדינה פֿון חלום,
אויף יענער זײַט פּורפּור־שטאַכעטן
געשניצטע פֿון חלום־קרישטאָל,
ליגט דאָס לאַנד פֿון מײַן מיטװאָך און שבת.

דאָרט װאַנדל איך אום,
בײַ די ברעגן פֿון היימישן ים,
אַ שענדליך באַרויבטער —
בײַ װעם זאָל איך מאָנען מײַן שבת?

מײַן קלייד איז דאָס אייגענע מיטװאָך און שבת
איך עס בחפּזון אום שבת װי מיטװאָך,
און װער, װער זשאָנגלירט עס מיט שװאַרצע לוחות
פֿאַר מײַנע זיבן טעג —
מײַנע זיבן זונען.

# וועגן דעם ריח פון קלייען
# וועגן אייער שלעכטסקייט
# און, אייגנטליך, וועגן יידיש געלט

דאָס איז דאָס ליד פון דער רעכטער האַנט
אויפן בראָך פון דער לינקער.
אוי, נאַרישע ברידער מיינע,
אוי און וויי ,ווענען האָט איר געלאָזט
פאַר אייך וועגן אויסטרעטן?

טייערסטע שיך פון מאַסאַטשוסעטס,
קאַפּעלושן געפלאָכטן אין סאַן סאַלוואַדאָר,
אָנטועכצן פון דער ריינסטער וואָל,
קעלנער מיט דער חוצפה׳דיקסטער ווייסקייט,
שניפּסלעך מיט פאַרבן, וואָס לעסטערן די זון —
אוי, ברידער מיינע,
פאַרוואָס פאַרשווענדט איר געלט
אויף דעם וואָס איז נישט ברויט?
דאַרף איך אָנטון אַ זאַק מיט אַש
אָדער אַ שוואַרצן קרעפּבאַנד אויפן אַרבל
און אַרומגיין צווישן אייך און שעלטן?
פאַרוואָס זאָל גאָטס בלאָער חלום
אויסגעריגען ווערן, דורך מיין גסיסה,
אין אַ הויז פאַר קראַנקע נאַראָנים
ערגיץ אין קאָלומביע?

אוי, ברידער מיינע,
פאַרוואָס פאַרשווענדט איר געלט
אויף דעם וואָס איז נישט ברויט?

איר ווערט פעט און ווייס און נאָכמיטאָג־שלעפעריק
פון זעמל־מעל,

ווען דער ריח פון קלייען
וואַלט טויזנט משה׳לעך און שלמה׳לעך
אומגעקערט דעם גלויבן אינם בורא.

און אויב איר זענט נישט אַזוי פאַרדאָרבן,
ווי מיין צער זאָגט מיר, אַז איר זענט —
באַווייזט עס מיר,
און זאָלן אונדזערע שליחים
נישט גראָ ווערן פאַר דער צייט
פון דעם וואָס גאָט האָט זיי געוויזן.

אוי, ברידער מיינע,
פאַרוואָס פאַרשווענדט איר געלט
אויף דעם וואָס איז נישט ברויט?

# איבערן כסא הכבוד

אויף דער שווערער ערד
וואַקסן בוימער, טורעמס,
הויכע מענטשן, בערג און קוימענס.
די גאַזעלן־אויגן פון מיין בראַנדיק האַרץ
זעען זיי בייטאָג
און וויינען מיט געהייליקטע טרערן,
וואָס שטייגן אַרויף,
ווי גאָלדענע זייפנבלאָזן, צו דער זון,
און בלייבן דאָרט הענגען
און זענען ביינאַכט די שטערן.

און אין חלום מיינעם
קומען צו מיין בעט די בוימער,
טורעמס, הויכע מענטשן, בערג און קוימענס
און וויינען לאַנג און טיף,
און מיט ערשטווינטע שטערנס
קוקן מיר אַרויף און זאָגן:
העכער פונם העכסטן
קרייזט דער ווייסער פויגל,
וואָס זינגט דאָס ליד פון צער.

# אָרימקייט

# דאָס ריינע וואָרט

איך זוך מיט שטום געבעט דאָס ריינע וואָרט,
וואָס זאָל באַגלויבט דערגרייכן יעדע נויט,
וואו צער איז פּראָסט באַדערפעניש נאָך ברויט,
פאַרשטויסנקייט פון אייגן שטיקל אָרט ;

אַלצאיינס אין וועלכן לאַנד, צי דאָ, צי דאָרט,
וואו הונגער זעטיקט זיך מיט צאָרנרויט
און וועלטן־רייכקייט ווערט אין פּיין געבויט,
וואו שיפן גייען אָפּ, צי גרייכן פּאָרט ;

זאָל אומעטום מיין העלער אָנזאָג זיין,
וואָס זאָל אויפסניי די ליכטיקייט באַווייזן,
אַז אָרימקייט איז נישט בלויז קראַמף אין פּיין,
נאָר אַז די נויט קען אויף אַן אמת ברעכן אייזן.

זאָל פון דער ערד אַריין אין מיר די קראַפט,
ווי אין אַ דעמב דער קרעפטנדיקער זאַפט.

# דאָס ליד פון פראָסטן אָרימאַן

פון טיפסטער אָרימקייט גייט אויף מיין ליד ;
איך גראָב עס אויס מיט פיין ווי שוואַרצע קויל ;
מיט ביטערקייט ווי רויער כריין אין מויל,
אַז יעדער אבר איז צום אויסגיין מיד.

דער פראָסטער מענטש זעט איין דעם אונטערשיד,
אַז רייך צו זיין מיט גאָלד און זייד איז וואויל
און וויי און ווינד איז דעם וואָס גייט אום הויל,
מיט הונגער, און אין שמאַטעס יעדער גליד.

ס׳איז קיין פארלאַנג ביי מיר איצט נישט פאַראַן
צו פוצן זיך מיט צירליכער מאַניר,
איך זינג דאָס ליד פון פראָסטן אָרימאַן,
וואָס שווייגט נאָך ברויט און שיך ביי פרעמדער טיר.

אויב ער קען ווען דערוואַכן דורך געזאַנג,
וועט אפשר בעטלער מער נישט בעטלען לאַנג.

# דער שטילער ים

די אָרימקייט איז ווי דער שטילער ים;
די לייכטסטע פּאַליע אויף דער פלאַך דערמאַנט:
עס שווּיבלט מיט אַ לעבן אומבאַקאַנט,
פון יעדער צאָל און אויסטערלישן שטאַם.

מעג איינעם זיין דאָס לעבן פראָסטער סם,
קען דאָך פון וואו דערהויבן אים אַ האַנט,
ווי ערגיץ אויפן ים אַ וואַסער־וואַנט,
וואָס ס'הויבט אַ וואַלפיש אויף מיט קאַלטן פלאַם.

אויף כוואַליעס־קרוינען און דורך וואַסער־קאַרבן
טוט אָפּט אַ פיש אַ בליאַסקע אין דער זון;
ער וויל אַ לייכט טאָן איידער ער וועט שטאַרבן,
דו אָרימאַן, דו לערנסט וואָס דערפון:

דערהויב דיך, ווייז אַ סימן פון דיין גייסט
און זיי מיליאָנען אַנדערע אַ טרייסט.

# די ערד איז דיינע

אַזויפיל קינדער רעדן אין דיין נאָמען,
פאַרשפּילן דיך מיט זיסער פּלאַפּלעריי ;
דערווייל דער ווינטער גייט דיר קאַלט פאַרביי,
און קומט דער פרילינג האָסטו נישט קיין זאָמען.

דיין לאַנגווייל פאַר די פענסטער פון די קראָמען
האָט טיפן זין פאַר דיר, און ס'איז כדאי,
אין צייטן ווען דאָס הארץ איז דיר ווי בליי,
צו טראַכטן וואָס דיך טיילט פון זייד און פּסאָמען.

נישט אַלעמאָל ווערט גוטס מיט גוטס באַצאָלט ;
די וועלט איז האַרט, זי זאָגט אין תוך : רויב, גנב'ע
טו וואָס דער וועלט, נאָר קוק נישט ווי זי וואָלט
געווען בלויז אויסגעהאָפטן אויף אַ קאַנווע.

אָ, אָרימאַן, דערוועק דיך פון דיין דרימל
און זע, די ערד איז דיינע ווי דער הימל.

## פֿאַרצווייפֿל נישט

דו מענטש אין נויט, וואו נאָר דו זאָלסט נישט זיין,
דער דיכטער איז מיט דיר און טיילט דיין לייד ;
ווען אין געפֿאַר, צי דיר שטייט פֿאַר אַנטשייד,
אויב דו ווערסט בלינד אין תּפֿיסה, ווייל אָן שיין,

אין אַנגסט, אין שרעק, אין קערפּערליכער פּיין,
ווען עמיץ שטראָפֿט דיך אויס מיט האַרבע רייד,
צי ווען דיך האָט גענאַרט אַ פֿאַלשע פֿרייד,
דיין טיפֿסטע בראָך איז שטענדיק טיילוויז מיין.

פֿאַרצווייפֿל נישט אין אומקום, אין דער וועלט,
ווייל דאָרט וואו שלעכטס, דאָרט איז אויך גוטס געוויינלאַך.
דאָס וועלטנשפּיל איז קלוג צונויפֿגעשטעלט,
אַ דור איז צו אַ צווייטן שטענדיק ענלאַך.

אין גראָז, אין שניי, אין פֿריצייט און אין שפּעט,
דער דיכטער איז דער וועכטער ביי דיין בעט.

# אייביק דער פּאָעט

ביינאַכט, ווען מענטשן ליגן אין די בעטן,
דער פויגל לעבן איז פאַרפלויגן ווייט,
אַ קאַץ בלויז יאָמערט און אַ זויגקינד שרייט,
דאַן גליען אויף פאַראיינזאַמטע פּאָעטן,

מיט הערצער אויפגעפלאַמטע ווי ראַקעטן,
וואָס צינדן אָן די קנויטן פון דער צייט
מיט פרייד, מיט פּיין, מיט טיפסטן וועלט-באַטייט,
און שיקן אוים געזאַנגען ווי שטאַפּעטן.

דו מענטש פאַרשטויסענער, פאַר דיר דאָס אַלץ:
ביזט אייביק אין דער יאָמערליכסטער צאָל,
די צייט האָט נישט פאַרווישט דיין טרערן-זאַלץ,
און אַלץ וואָס פּיין, איז היינט נאָך ווי אַמאָל.

די וועלט איז שטום, נאָר איר געווויסן רעדט:
די קאַץ, דאָס קינד, און אייביק דער פּאָעט.

## ליים און שטאָל

סאָנעטן זענען יונגע רויטע רויזן,
וואָס בליען נאָך אין גאָרטן אויף דער בייט,
נאָך יונג אין נייער ווי אין אַלטער צייט,
דאָס האַרץ פון זיי קען קיינער נישט אַנטבלויזן;

עס מעג אַ שטורמווינט פון צפון ברויזן,
אַן אורגאַן פון יעדער אַנדער זייט,
די לידער וואַרטן אויף דער נאָענטער ווייט,
ווען וואָלף און לעמל וועלן קענען הויזן.

נישט מער בלויז צאַרטער ליבעס אינסטרומענט,
מיט ציפער מיסטישן, וואָס ליגט אין זיי,
נאָר ליים און שטאָל אין מיין נשמה'ס הענט,
מיט טיפן סוד פון אַכט און פיר און צוויי.

ביים פייער פון דער וועלט שטייט דער פּאָעט
און שמידט אויף דער קאָוואַדלע זיין סאָנעט.

# דיכטונג אונדזערע פון היינט

איך שמייכל אָפּט ביים פענסטער פון מיין הייל,
ווען כ'לעז טייל דיכטונג אונדזערע פון היינט;
הלמאי פאַרלייקענען, זי האָט דען פריינט?
נאָר ווער איז שולדיק דאָ צום גרויסן טייל?
איך בין געזונט, איך האָב געשמאַק און צייל:
דער הוסטלט אונטער שוואַך, אַ צווייטער שיינט
מיט פרעמדע ווערטער, פאָרם; נאָר יעדער ריימט
משיח'ס ווייסן פערדלס הינטערטייל.

און איך דערמאָן מיך מאָרים ראָזענפעלד,
זיין רויע, אומעגצוימטע קראַפט, זיין אימפּעט,
ווי בייז ער וואָלט געזידלט אָט די וועלט:
לאַטוטניקעס, איר ליגט דאָך נאָך אין קימפּעט!

ס'איז גוט איך בין נישט ער, ס'וואָלט האַרץ געקאַסט,
נאָר ער וואָלט האַרב גערעדט און איך רעד פּראָסט.

# אַ קוואַל פֿון ליכט

אַ מענטשנס פּנים איז אַ קוואַל פֿון ליכט,
וואָס רינט אין כוואַליעס אויס אין פֿרייען רוים;
די גוטסקייט מענטשנס ווייסט נישט פֿון קיין צוים,
אַזוי דערציילט זיין פֿיינקייט פֿון געזיכט.

און דאָך, אַ בין אויף בינען לעגט געוויכט,
דער וואַלד איז פֿאָטער צו דעם קלענסטן בוים,
דער ים טראָגט מיט דער מינדסטער כוואַליעס שוים.
דער מענטש דעם מענטשן נאָר איז אומגעריכט.

דאָס איז אַ וואונדערליכער, הארבער פֿאַל,
וואָס האָט פֿאַר אונדז אַ רעטעניש געשטעלט:
אַזויפֿיל ליכט מוז קומען פֿון אַ קוואַל,
וואָס קען באַלייכטן מיטאַמאָל די וועלט.

ווען מענטש זאָל מענטשנס ליכטיקייט דערזען,
וואָלט אפֿשר לאַנג שוין פֿינסטער נישט געווען.

# אין טיפן גלויבן

מיין ליד דערשרעקט זיך נישט צו זיין אַליין ;
עס זאָל נאָר אָנקומען דער גרויסער טאָג ;
מיין קרבן וואָלט זיין אַלץ וואָס איך פאַרמאָג,
און מעגן נאָענטע יאָ צי נישט פאַרשטיין ;

די דורות גייט דאָך נישט אין מיין געביין,
אין מיין געלעכטער צי אין מיין געקלאָג :
אַז ווייט זאָל הערן וואָס איך זינג און זאָג,
וויל איך מיין וואָרט באַשירמען פון פאַרגיין.

זינג אויף אין טיפן גלויבן, מיין באַטייט,
און טראָג די ציגל צו דעם גרויסן הויז :
עס רירט זיך נעענטער אַלץ די צאַרטע ווייט,
ווען שיינקייט בליט אויף ווידער פון אַ רויז.

פאַר וועמען זשע דערווייל אַ בלומענאָרט,
ווען נישט פאַר דעם וואָס צוימט אַ האַסטיק וואָרט.

## פּראָסט יידיש

פּאָעטן ! זאָגט, וואו זענען יענע ווערטער,
וואָס פלעגן שטיל פאַרוויגן דאָס געמיט :
לבנה, נאַכטיגאַל, בעריאָזקע, בליט,
וואָס פלעגן נישט צוטרייסלען פון די ערטער ;

איך גיי נישט אום חלילה אַ פאַרשטערטער :
מען האָט דעם גאָרטן מיר נישט אָפּגעהיט,
צי וויל דאָס נייע האַרץ צום אַלטן ציט,
איך זוך זיי אויך נישט אַלס אַ וואָרט געלערטער.

נאָר אָפּטמאָל, ווען איך הער פון פאָרם און פּלאַסטיק,
און לעז דעם מיסטישן נשמה־פּלוידער
פון דיכטערטום, וואָס לעבט אויף וואָרט גימנאַסטיק,
דאַן פרעג איך פּלוצים מיך אַליין מיט שוידער :

איז נאָך פּראָסט יידיש איצטער אין פּאַסאָן,
צי מוז מען סטראָיען אויף דעם ניי־זשאַרגאָן.

# אויפשוואונג

מיין צייט ווייסט אַלץ, איך קען זי נישט באַלערן;
אַ וועלט גייט אָפּ אין קרעמפּן פון באַדויער,
אַן אַנדערע שטייגט אויף, וואָס לאַכט פון טרויער,
דער אויפשוואונג גלייבט, אַז אים וועט אַלץ געהערן.

איך קען נאָר גלויביק שווייגן, זען און הערן;
ווייל נישט איך האָב צושטערט די אַלטע מויער,
און בין נישט אויף דער וואַך ביים נייעם טויער,
איך זינג נאָר פריידיק: עס וועט ליכטיק ווערן.

דאָך זינגענדיק מיין גלויבעריש געזאַנג,
באַקום איך פון דער צייט אַ פאַלשע וואָג:
זי גיט מיר מער דאָס בליי פון אונטערגאַנג,
און ווייניקער דאָס גאָלד פון נייעם טאָג.

זי נאַרט די צייט, דאָך טראָג איך ציגל פרייד,
מיט מיינע ריינע, אמת'דיקע רייד.

# אין וועג בייננאַכט

אַזויפיל ביטערקייט אין יעדן לאַנד,
אַז דו באַגרייפסט נישט וואָס עס איז געשען:
צי קומט נאָך וואָס, צי איז שוין אַלץ געווען;
פאַרברענט די וועלט, צי שטייט זי נאָך אין בראַנד.

ס׳האָט יעדער אַנגעוואוירן אָרט און שטאַנד;
די ווינטן ענדערן וואָס גוט און שיין,
ווייל מענטש און וועלט ווערט אַנדערש היינט געזען,
און קרום צו זען איז אויך נישט מער קיין שאַנד.

איז דאָס דער גייסט פון שטומפּיקייט, וואָס שפּרייזט
אַריבער ליכט און שיינקייט פון דער וועלט,
צי נאָר דערווירבלשטראָם פון צייט, וואָס קרייזט
ביז אויפגעברויזטער ים ווערט איינגעשטעלט.

אין וועג, בייננאַכט, און דו ביזט בלינד, בלייב שטיין,
ווייל ס׳איז געפאַר אין פינסטערניש צו גיין.

# איך בין ווי דו

העלאָ! דאָס רעדט דער דיכטער, פּראָסטער מאַן.
איך לאַד דיך אין מיין גאָרטן איין, צו גאַסט,
צו זאָגן שיין דיר, ווי אַ דיכטער פּאַסט:
די אַלטע ליבשאַפט איז נאָך אַלץ פאַראַן,

נאָר כ׳וויל שוין מער נישט גיין פאַר דיר אין שפּאַן;
יאָרטויזנטער איך פּיין פאַר דיר אָן רו און ראַסט,
איצט איז דיין נייע שטאָלצקייט מיר אַ לאַסט,
ווייל כ׳בין, ווי דו, אַ שטאָלצער, פּראָסטער מאַן.

געזונגען לייד און פרייד פון עלטסטער צייט,
אין צאַרטער ליריק, האַרבער עפּאָפּיי,
פאַר דיר געבלענט דעם מאָרגנס טיפסטע ווייט,
און אויף מיין האַרץ דיר אויסגעשפּילט דיין וויי.

איצט רייסטו דעכער. איך וועל וואַרטן מיד,
ביז דו וועסט ווידער גרייט זיין פאַר אַ ליד.

## דאָס ליד פֿון פֿרייד

אין אַלעם וואָס דו טוסט זאָל זיין געזאַנג,
דיין יעדע אַרבעט זאָל דיר זיין אַ לוסט ;
זאָל יעדע שיינקייט, וואָס דיין האַרץ נאָר גלוסט,
אַנטקעגן קומען דיר און דויערן לאַנג ;

זיי שטענדיק דו, אין יעדן צייטנגאַנג,
אַ צויבער־קעסטל פרייד זאָל זיין דיין ברוסט,
געפין דיין גליק אין אַלעם וואָס דו טוסט,
און קיין שום גוטסקייט זאָל דיר נישט טון באַנג.

געדענק דאָס ליד, דעם כח וואָס דערהייבט,
ווי ברויט מיט וואַסער טראָג עס אויף דיין וועג,
נאָר אייביק בלייב דער מענטש, וואָס טוט און גלייבט,
דערגרייכסטו אויפגאַנג ביז די לעצטע טעג.

זינג אויף דאָס ליד פון פרייד אין דיין געצעלט,
וועט גרינגער אָנקומען די גלייבע וועלט.

# איין קליינע בלום

איין קליינע בלום האָט אַלץ אין זיך נאָך מער
פון יענעם טיף פּאַר'שיכור'נדיקן צויבער,
וואָס בלויז איר דופט מאַכט דיין נשמה זויבער,
ווי בלומען־רייד, וואָס טעמפּן דיין געהער;

זי אָטעמט אָפּ פון דיר דעם מינדסטן שטער,
און רוימט דיר איין: דו ביזט נישט גלאַט קיין לויבער
פון בלומען, און אַוודאי נישט קיין רויבער,
וואָס אָטעמט פרעמדס צו שטילן זיין באַגער.

די פרייד פון בלומען קומט פון יענע קוואַלן,
וואָס מאַכן שיינקייט אייביק בלייבן שיין;
קיין בלימל ווערט אין לעבן נישט פאַרפאַלן,
און וועט אין אייביקייט זיין פראָסט און ריין.

די בלום בלייבט אייביק שיין, אויף באַרג און טאָל,
נאָר גוט ווען דו דערמאָנסט דיך דאָס אַמאָל.

# אַ לעבל ברויט

איך זינג די שיינקייט פֿון אַ לעבל ברויט,
די שענסטע צירונג פֿון אַ פּראָסטן טיש:
ער מעג זיין רייך געדעקט מיט פֿלייש און פֿיש,
צי אָרים מיט קאַרטאָפֿל און מיט קרויט,

אפֿילו בלויז קאַרטאָפֿל אין דער הויט,
נאָר וואָס עס זאָל נישט זיין דער שפּייז געמיש,
דאַרף שטענדיק זיין אַ ברויט פֿון בעקער פֿריש,
וואָס זאָל באַגלייטן יעדן ביס: אָן ברויט איז נויט.

דערפֿאַר איז גרעסער טויזנט מאָל דער וואונדער,
וואָס דער איז אָרים און אַ צווייטער רייך,
וואָס יעדער אָקערט פֿאַר זיין ברויט באַזונדער,
און ברויט בלייבט אַלץ נאָך נאָר מיט גאָלד צוגלייך.

די וועלט איז אַלץ נאָך בעסער נישט געוואָרן,
ווי לאַנג ס'פֿעלט אימיצן נאָך ווייץ און קאָרן.

# דער אַלטער וואַלד

דער מענטש אַליין איז היינט אַן אַלטער וואַלד,
מיט פעסטע וואָרצלען טיף און ברייט צעצווייגט;
די קרוין צום הימל רייסט זיך אַלץ און שטייגט
און פרעגט אויף אייביקייט; נאָר ער וויל באַלד
אַן ענטפער, ווייל ער גלייבט נישט דער געשטאַלט,
וואָס שטייט אים העכער; איז נישט איבערצייגט,
אַז אמת שטאַרק איז דער, וואָס ליידט און שווייגט
און טראָגט די ריינקייט אין זיין יעדן פאַלד.

דערפאַר פאַרזינקט ער אין געדאַנק צום שטאָס,
ער רייסט אוים וואָרצלען, נישטערט, שיילט און שאָבט
מיט וואָרט און טאַט, מיט פלייצונג און מיט פלאָס,
און ראַיעט אויף די האַרטע ערד און גראָבט
אַלץ טיפער, צו דערגיין דעם טיפסטן טאָלק
פון וואַנען און וואוהין דאָס פּראָסטע פאָלק.

# ברויט און דאַך

אַז וואויל איז דעם וואָס האָט זיין ברויט און דאַך,
עס מעג זיין מיט דער מי פון שוויים פון לייב,
מיט הילף פון קינדער, מיט דער זאָרג פון ווייב,
אַבי זיין הויזגעזינט האָט יעדע זאַך:

היים, קלייד און מאָלצייט, און אַמאָל אַ לאַך,
צו שווערער מי אַ לייכטן צייטפאַרטרייב,
צו איינגעזעסנקייט אַן איבערקלייב,
אַז וואויל צו דעם וואָס האָט, אויב נישט, דערוואַך.

ווייל דעם וואָס הונגערט, נאַקעט, נישט באַשוכט,
דעם ווערט זיין קוואַל פון לעבן אויסגערינען,
דער איז בלויז אַ פאַרשאַלטענער וואָס זוכט
די רו, וואָס ער וועט קיינמאָל נישט געפינען.

דערגרייך דיין רו דורך פייער און דורך רויך,
און זאָג: וואָס אַלעמען דאָס קומט מיר אויך.

# לעגיאָנען קומען

מיר זעען צו דעם פינצטערן ספעקטאַקל
פון היינט, ווי אַלץ איז אומגלייך איינגעשטעלט;
צוויי טיילן: איין טייל האָט די שיינע וועלט,
דער צווייטער אָרים מיט זיין האַק און פאַקל;

דער איינגעפונדעוועט און דער אין וואַקל,
צופיל פאַר איינעם און אַ צווייטן פעלט,
פון די וואָס האָבן ווייעט מיט אַ קעלט,
און דאָס איז היינט דער פינצטערער סך הכל.

נאָר אין די אינגעווייידן פון דער ערד,
שטייגט בּיסלאַכוויז דאָס פרעמדע, שווערע ברומען;
פון ווייטן נעפל זעט מען און מען הערט
די שאָטנהאַפטיקע לעגיאָנען קומען.

אַלץ נעענטער ברענגען זיי די טיפע ווייט
און ברעכן איבער אין צוויי העלפט די צייט.

# דער האַרטער מענטש

דאָס איז פאַר דעם וואָס ווייסט די וועלט איז האַרט
און בלייבט אין ווירקלעכקייט צו זיין דער האַרטער,
ער איז אַ שוואַרצער דאָרן אַ פאַרדאַרטער,
וואָס וויסטער גורל האָט אונדז צוגעשאַרט;

די ערד האָט קיינמאָל נישט נאָך אים געגאַרט,
ער לעבט נאָר בלויז אויף אונדזער פיין און מאַרטער,
און וואָס מיר זענען צו אים פיינער, צאַרטער ,
אַלץ מער זיין שפּאָט פון אונדז פאַר בלייבן צאַרט.

קען זיין, אַז אויך זיין האַרץ איז שווערע פּיין,
און ער קען מער און שטילער דאָס פאַרטראָגן,
נאָר וואו עס זאָל דער אונטערשייד נישט זיין,
ער העלפט נישט דורך דער נאַכט צום נייעם טאָגן.

מיר בלייבן אַלץ די צאַרטע, נאָר מיר שווערן:
דער האַרטער זאָל פון אונדז פאַרשניטן ווערן.

# די יונגע טעג

עס רייסן זיך פון מיר די יונגע טעג,
ווי בלעטער פון אַ נייעם קאַלענדאַר:
אַ רויטע דאַטע ווייזט אַ טאָג פון גזר,
וואָס שוואַרצע מיינען, בעסער גאָר נישט פרעג;

טאָגטעגליך קומט ווער אויפן שמאָלסטן שטעג,
רייסט אָפּ מיין נעכטן; היינט ברענגט מיר דערפאַר
די טרייסט פון אומרו צווישן קנעכט און האַר,
וואָס איז נישט גאַנץ דער אויסגאַנג פון מיין וועג.

יאָר איין יאָר אויס איך קען זיך נישט באַפרייען,
איך הענג געקרייציקט אויף דער וואַנט פון צייט
און מוז זיך יעדעס יאָר אין פּיין באַנייען,
ביז וואַנען כ׳וועל נישט ווערן מער באַנייט.

איך גלייב דעם קומענדיקן טאָג, געוויס,
נאָר מיר איז יעדער היינט אַ טיפער ריס.

# איך ברען מיט אייך

איך ברען מיט אייך אין פייער פון דער צייט,
און זאָל נישט זאָגן ווער: ער האָט געטרוימט.
דאָס וואָרט זאָל זיין: ער האָט געקריצט, געשוימט,
דערנאָך האָט ער געברענט און זיך באַנייט,

ווייל טיף האָט ער געגלויבט אין יענער ווייט,
ווען מענטש איז מער אין זיך נישט איינגעצוימט;
ער האָט זיין קרבן ברענגען נישט פאַרזוימט,
דאָס אַש פון אים האָט אונדזער גייסט באַפרייט.

נישטאָ פאַר קיינעם מער וואוהין צו לויפן,
דער גומען לעכצט אומזיסט שוין נאָך אַ טרונק,
געבענטשט איז דער וואָס קען פון שייטערהויפן
נאָך אויפגיין ווי אַ קליינער, לעצטער פונק.

דערפאַר אין שפּעטער צייט, ווען האס וועט זיין פאַרלענט,
זאָל זיין דאָס וואָרט נאָך מיר: ער האָט געברענט.

# אַזוי דערגרייכסטו אַלץ

מיין טיפקייט מוז זיין שטענדיק פּראָסט און קלאָר,
אַז איך און דו, מיר זאָלן זיך פאַרשטיין;
נישט יעדער זאָל פאַרשטויסן זיין, אַליין,
און זוכן אין דער איינזאַמקייט זיין וואָר;

דער וועג צו איינעם פירט אָפּט דורך אַ פּאָר,
מיט פרייד גאַנץ אָפּט, נאָר עפּטער מיט געוויין;
די שטומע הויפּטזאַך איז פאָראויסצוגיין,
די צייט פאַרשלינגט דאָס סיי ווי דיינע יאָר.

נאָר שטענדיק לויטער, אייביק מיט פאַרשטאַנד,
אַז אַלעמאָל זאָל קלאָר זיין וואָס מען מיינט;
אין טויזנטער, צי בלויז נאָר זאַלבענאַנד,
זאָל טיפעניש און קלאָרקייט זיין פאַראייניט.

מיט לויטערקייטן רינגל דיך אַרום,
אַזוי דערגרייכסטו אַלץ און אומעטום.

# דער פּראָסטער מענטש

איך זע, דער פּראָסטער מענטש איז אייביק שיין;
זיין איינפאַכקייט איז ווי דאָס שטילע גראָז,
זיין גוטס און שלעכטס איז דורכזיכטיק ווי גלאָז,
ער ווייסט זיין אָפּשטאַם און ער האַלט זיך קליין;

דעם פּשוט׳ן איז גרינג צו זיין אַליין,
צי ווי אַן עלפאַנט שווער, צי לייכטער פון אַ האָז,
ער קוקט זייער זעלטן ווייטער פון זיין נאָז,
און דאָס גיט אים באַזונדערס צו אַ חן.

ער האָט די שיינקייט פון אַ פּראָסטן עפּל,
ער לעבט אין גליק און חלום׳ט נישט דערפון;
ער ווייסט נאָר, אַז אַהינטער יעדן נעפּל
שיינט ערגיץ אין דער טיפעניש די זון.
און אונדזער צייט ברענגט נעענטער מיט אַ שפּאַן,
דעם טאָג פון פּשוט׳ן און פּראָסטן מאַן.

# מיין שיינקייט

פאַרבלייב מיט מיר מיין שיינקייט, ווייל איך צאַנק:
עס שטראָמט פאַרביי מיר אַלץ אין וואָס איך גלויב,
די צייט באַדעקט מיך מיט איר דינעם שטויב
און טרוקנט דאָס געפיל און דעם געדאַנק;

איך האָב געהאַט אַ ווייל אַ ריין געשאַנק,
וואָס איז געווען אַ צערטלדיקע טויב,
איצט גיבן זיך די פליגלען נישט קיין הויב,
די טערטלטויב איז אָפּגעלעבט און קראַנק.

איך זינק און טרענק מיך מיט מיין טיפן גלויבן,
וואָס ציט צום אָפּגרונט מיך ווי אַ פאַנטאָם,
און וועלכע האָפנונג וועט מיך נאָך דערהויבן
פון אָט דעם האַסטיק לויפנדיקן שטראָם.

נאָר עפּעס לייטערט זיך ווי נאָך אַ רעגן,
און רעגנבויגנס שטייען אויף די וועגן.

## אין ריינע לידער

אין שטילער פּיין האָב איך צו אייך גערעדט,
נאָר איר דאַרפֿט הערן דאָס טרומפּייטן שאַלן,
דאָס דונערן פֿון ווייטע וואַסערפֿאַלן:
די גוטע ערד איז פֿרוכטבאַר, שוואַרץ און פֿעט,

נאָר איר עסט קיינמאָל נישט גענוג צו זעט,
אַז עמיץ זאָל דאָס ברויט אייך נישט פֿאַרגאַלן;
איר דאַרפֿט אַ זאָמענדל נאָר לאָזן פֿאַלן,
לאָזט שוין די ערד עס וואַקסן אין איר בעט.

דערפֿאַר די פּראָסטע רייד, איר האָט געהערט;
בכיון האָט איך קיין זאַך נישט פֿאַרדעקט,
ווייל איך בין פּראָסט און פּשוט ווי די ערד,
ווען נישט, ווי וואָלט איך זיך פֿאַר אייך אַנטפּלעקט.

איך בין דאָך ריין געקומען, אומבאַשטויבט:
אין ריינע לידער מוז זיין אַלץ באַגלויבט.

## ביים סוף פֿון וועג

ביים סוף פֿון וועג דערזע איך נייע וועגן,
וואָס שרעקן ווידער, איך מוז איינזאַם זיין;
און ווידער פֿיבערט דורך אין מיר די פּיין,
וואָס איז שוין אַ באַרואיקטע געלעגן,
ווי ווילדגראָז אונטערטעניק נאָך אַ רעגן;
די זון גייט אויף, עס שטייגט איר שוואַכער שיין,
איך אָטעם שוין די מאָרגנלופֿט ווי ווייַן
און ס'הויבט שוין אָן דער וואַלד זיך צו באַוועגן.

פֿאַרשטויסענער, האָסט מיך נישט אויסגעמיטן,
צו לאַנג האָב איך ביים שטערנליכט געטראַכט,
האָב טיף מיט דיר די שווערסטע פּיין געליטן,
און אַ געלייטערטער געבערענט די נאַכט.

איך יאָג מיט דיר די נאַכט, און זינג אין ווייט
דאָס ליד פֿון אָרימקייט און פֿון מיין צייט.

1935

# יונגע ליריק

# פרעמדקייט

## א
## מודה אני

מודה אני לפניך . . . גאָט, נישט צאָרן,
זע וואָס פון דיין קינד איז אין דער פרעמד געוואָרן:
שווערע יאָרן, לענדער פילע . . .
איך געדענק ניט מער די תפילה.

מודה אני לפניך . . . כ׳האָב פאַרגעסן,
אַלץ צוליב אַ ריין געלעגער, רו און עסן.
כ׳האָב אומענדלעך פיל געליטן,
האָט מיין תפילה זיך פאַרביטן.

מודה אני לפניך . . . קום אַנטקעגן,
כ׳בין אַוועק דיך זוכן אויף פאַרדרייטע וועגן;
כ׳בין נאָך יונג און אונערפאַרן,
ס׳קענען פרעמדע מיך פאַרנאַרן . . .

מאַי, 1911

ב

## אַ נעפּל־בילד

בּיסלעכווייז צורינט פֿאַר מיר דער גראָער נעפּל,
און ס'באַווייזט זיך אין אַ לופֿטיק, בלאָ געוואַנט,
אַ פֿאַר'חלומ'ט־צניעות'דיקע, יונגע מאַמע
מיט אַ זון־באַשטראַלטן זויגלינג אויף דער האַנט.

ווי עס לאַקט מיין האַרץ דער זון־באַשטראַלטער זויגלינג,
וויפיל מאָל ציט ער מיך צו, דער פֿאַלשער גלאַנץ,
אַז נישט איינמאָל וואָלט איך אַלץ דעם ווינט געוואָרפֿן
און אַוועק מנוחה זוכן פֿון אַ דערנער־קראַנץ . . .

ג

## אין פרעמדן הויז

איך אָרעמער, ווי עס ציט אַהין צום פרעמדן.
האָסט כמעט דיין אייגנם נישט געקענט.
האָסט פֿאַרלאָזט די אַלטע היים אַן אָפּגעפרעמדטער,
איצטער שטייסטו צווישן פרעמדע ווענט . . .

אָ, שטאַרק דיך, שוואַכער גלויבער,
זאָלסט פֿאַר פרעמד'ם דעם קאָפּ נישט בייגן.
טיפֿע גלאָקן קלינגען, טרויעריג שפּילן אָרגלען,
און דאָס האַרץ וויל אַלץ נישט שווייגן . . .

ד

## צו דער פרעמדער

דו ביזט מיר נישט מער ווי אַ פרעמדע געוועזן
און איך האָב דאָך שטענדיק צו אייגנס געצילט.
איצט פיל איך אין פיין, אַז איך בענק נאָך דיר, פרעמדע:
איך האָב מיך ביי דיר אַזוי היימיש געפילט . . .

געדענקסט נאָך דעם פרעמדן? קום, זיי נישט דערווייטערט,
מיר וועלן די פרעמדקייט דערטרינקען אין וויין.
איך וועל דיר די היימישסטע סודות פאַרטרויען
און מיר וועלן מער שוין קיין פרעמדע נישט זיין . . .

ה

## נאָנט און אייגן

איך געדענק דיך אָפט, ס׳איז שווער דיך צו פאַרגעסן.
שווערע נעכט פאַרברענג איך אָפט דורך דיר נאָך היינט,
אָפט אין חלום זע איך ווי דיין פּנים שיינט,
האָסט אַמאָל די זעל פון הארץ מיר אויסגעגעסן.

פרעמדע דו, ווי לאָקט מיך און עס רייצט דיין ווייטקייט,
אַלץ וואָס נאָנט און אייגן ווערט מיר נמאס אָפט,
כ׳טראַכט: ס׳איז אַלץ נישט דאָס, אויף וואָס איך האָב געהאָפט.
זיסע פרעמדע, דו! איך בענק נאָך דיין פאַרשייטקייט . . .

ו

## באַגער

זיי דאָך נישט אַזוי האַרטנעקיק, פרעמדע,
זאָל זיך ברעכן יענע פעסטע וואַנט.
וואָלסטו וויסן, ווי איך גלי פון ליבע,
וואָלסטו מיר מיין פרעמדקייט נישט דערמאָנט.

זיי נישט אַזוי צאַרניק, זיסע פרעמדע,
וואָס אַ פרעמדער האָט דיין רו געשטערט.
כ׳האָב אַ יינגל האַרץ, וואָס גאַרט נאָך שיינקייט,
וואָלט עס נאָר צום פרעמדן נישט באַגערט!

ז

## ווייטע פרעמדע

האָט אַ דונער מיין געצעלט צושלאָגן?
ועט אַ שטורעם — מיין געדאַנק פאַריאָגן?
קאָן מיין האַרץ אין שטיקער דען צושפּרינגען,
אַז עס זאָל קיין לידער מער נישט זינגען?

ווייטע פרעמדע! ביזט מיר נאָענט געוואָרן!...
אין מיין האַרצן בליט אַצינד אַ דאָרן.
בליט אַ דאָרן. ווילדע פרעמדע, זע דיין זאָמען.
קען איך ס׳האַרץ דען בייטן, ווי דעם נאָמען?

ח

# פינאַל

דער וועג פון אַלמעכטיקן פאָטער צו דיר איז מיט דערנער פאַרצוימט,
און איך האָב אין יוגנט פון בלומען-געפלאָסטערטע וועגן געטרוימט.
דו האָסט אין מיין באַנגער נשמה די ליבע צום פרעמדן פאַרפלאַנצט,
און האָסט מיט פאַרהייליקטע דערנער מיין גליענדיק שטרעבן
באַקראַנצט . . .

זאָל גאָט דיר נישט רעכענען איצט יענע שטיפעריש-קינדישע זינד,
דו האָסט דאָך נאָר דאַמאָלס געשפּילט מיט דעם פרעמדלינג,
געשטיפט, ווי אַ קינד.
פאַרגעס מיך אויף אייביק, געקרויציקטע טאָכטער, איך קוועל דיך
נישט מער,
כ׳ברען אוים דיך פון האַרץ און פאַרגעס, כאָטש מיין אויג איז נאָך
פייכט פון אַ טרער.

1912

# פון פריע טעג

## צום לעבן

לעבן! הייב מיך העכער, העכער, דורך די שטערן!
כ׳וויל דיין העכסטן, רייצנדיקן שפיץ דערגרייכן.
אַלץ, וואָס נידעריק און קליין איז, וויל איך ווייכן;
זאָל דיין קרוין, די זון אַליין, מיין חבר ווערן!

זיסער שטורעם, וואָלסטו מיר דיין ווילדקייט איבערגעבן,
אויף די העכסטע, קרומסטע בערג וואָלט איך היינט שטייגן,
מיט די שטורעמדיקסטע ווינטן גיין אַ רייגן,
ווילדע שטורעמס וויגן ס׳האַרץ מיינס, כ׳בענק נאָך לעבן!

לעבן! גאָרנישט אויסער דיר באַגרייף איך בעסער,
גאָרנישט אויסער דיר באַגערט מיין שטאַרקער זינען;
כ׳זוך קיין רו נישט און איך וויל זי נישט געפינען —
שענק מיר, לעבן, וואָס דו האָסט אין דיינע שלעסער!

האָסטו סודות נאָך פאַר מיר, אַנטפּלעק זיי אָפן.
דאַרף איך אפשר פאַר דער צוקונפט עפּעס בויען?
דאַרף איך אויסער רייץ פון רויטן ווין און פרויען,
אויף אַ לעבן פון פאַרטיפט אין ספרים האָפן?

זאָלן זוכן אַנדערע דעם קוואַל פון זייער לעבן
צווישן גרינע, אַלטע שמות, צווישן בלעטער,
יונג בין איך און האָב געפונען מיינע געטער:
ברויז און יוגנט. איך בין יונג און פיל דיך לעבן!

1911

# אין סטעפּ

מזרח, מערב, דרום, צפון,
האָבן פּעסט די הענט געשלאָסן
און זיי טאַנצן מיטן הימל
אין אַ כּישוף־ראָד.

דוכט זיך עמיץ מיט אַ צירקל
האָט אויף דר׳ערד אַ ראָד געצייכנט
און געקרוינט מיך פאַר דעם פּינטל
פון דעם צירקל־ראָד.

הימל, ערד און איך און שטילקייט —
עמיץ האָט פאַרהאַקט דעם אָטעם;
כ׳ליג אַ האַנט צום אויער — דוכט זיך
כ׳הער אַ קול פון ווייט . . .

1910

## האַרבסט מאָטיוו

עפּעס האָט אויפגעלעבט דער געל־ברוינער וואַלד!
צווישן די הויכע, שלאַנקע בוימער
און די לאַנגע, קרומע צווייגן,
האָט זיך קונציק אויסגעשפּרייט
אַ קליינער, רויטער שטראַל . . .
באַלד אַ צווייטער און אַ דריטער,
אָנגעצונדען אַלע שפּיצן בלעטלעך,
און דאָס בילד פאַרנעמט דיין האַרץ.
אַ פרייליך פייגל־כאָר קלינגט אָפּ
פון טיפן וואַלד,
שטייסט פאַרגאַפט — באַטראַכטסט דאָס אַלץ;
די שיינקייט פון דער וועלט!
אַ שוואַרצע קראָ איז דורכגעפלויגן,
„די זון פלאַמט אויף צום לעצטן מאָל״,
„די פויגל זינגען ס׳לעצטע כאָר״,
„אַ ליכט גייט אויס״ — — —
„אַ גוסס האָט צום לעצטן מאָל די אויגן געעפנט״...
„ס׳לעצטע בילד פון אַלטן יאָר״ . . .

אַ פּיין אין האַרץ, אַ טרער אין אויג,
אַראָפּ דעם קאָפּ . . .
און גייסט אַוועק...

1910

## פאַרב און קלאַנג

װען פאַרבן פאַרלירן דעם װאַרעמען װערט
און קלאַנגען דערגרייכן נישט מער צו דיין רו,
איז עפּעס פאַרגאַנגען, איז עפּעס צושטערט,
ס׳איז הונגער אין װינטער װען אָװנט פאַלט צו.

עס מיניעט דיין װעלט בלויז אין קאַליידאָסקאָפּ,
דו בענקסט נאָך אַן אָפּרו פון בלאָ און פיאָלעט,
הערסט בלויז אַװאַלאַנשן װאָס דונערן אָפּ,
און ס׳רופט דיך אַ שטיבל, אַ לעמפּל, אַ בעט.

עס פאַלט אויף דיר אוראַלטער, אַשגראָער שטויב,
און הייבסט אָן דערהערן די מיזאָמע שפּין,
אַ שענדװאָרט אַנטרינט פון דיין מויל אַנשטאָט לויב;
אָן פאַרב און אָן קלאַנג איז דיין לעבן אָן זין.

1913

## די יידישע גאַס

װי ליכטיק עס איז אין די גױ׳אישע גאַסן!
און איך בין אַ קינד פון דער יידישער גאַס.
דאָ בין איך געבוירן, און דאָ װעל איך שטאַרבן
אין ענגער, אין דעמפּיקער יידישער גאַס.

װי פינסטער עס איז אין די יידישע גאַסן!
גלייך ס׳װאָלט זיי אַ שד אין אַ קבר פאַרמאַכט.
דער איינציקער מענטש, װאָס פאַרשפּרייט דאָרטן ליכט, איז
דער גױ, װאָס צינדט אָן די לאַמטערנעס פאַרנאַכט.

# שטאָט און פעלד

און זיץ איך אין דער גאָט־פאַרפלוכטער שטאָט,
וואו שטאָל און שטיין פאַרנעמען ס׳גרינס פון פעלד,
וואו יעדע שעה, וואָס שווינדט, איז מיר אַ שאָד —
דאַן וויין איך אויף דעם גורל פון דער וועלט.

אין די נעכט געבעט דורך טרערן,
אַז די וועלט זאָל בעסער ווערן.

און נעם איך נאָר דעם וואַנדער־שטאָק אין האַנט
און לאָז מיך אויפן פרייען פעלד אַרויס,
וואו ווייט און ברייט ליגט אויסגעשפּרייט דאָס לאַנד,
דאַן לאַך איך פון דער גאַנצער וועלט מיך אויס.

ווען איך נעם דעם שטאָק און וואַנדער
בליט דאָס האַרץ זיך מיר פאַנאַנדער.

## אַ מאַמע

— ווי האָסטו אַ האַרץ צו פאַרלאָזן די מאַמע?
איך האָב דיך געבאָדן אין מילך און אין טרערן,
איצט פאָרסטו אַוועק אין אַ ווייטער מדינה —
דער אויבערשטער ווייסט, וואָס פון דיר וועט דאָרט ווערן.

כ׳האָב טעג נישט גערוט און נעכט נישט געשלאָפן,
איך פלעג ווי אַ מלאך דיין וויגל באַוואַכן,
איצט פאָרסטו אַוועק אין אַ ווייטער מדינה,
אוי, ווער וועט דיר, קינד, דיין געלעגער דאָרט מאַכן?

ווער וועט דיך באַוואַשן, ווער וועט דיך באַנעען?
ווער וועט צוליב דיר דאָרט אַ טרער דען פאַרגיסן?
וועט עמיץ דיך לאַשטשען, וועט עמיץ דיך פעשטשען? —
ווייסט גאָט, ווי מיין האַרץ ווערט אין שטיקער צוריסן.

איך האָב דיך געבוירן, איך האָב דיך דערצויגן
איך האָב מיט דיר דורכגעמאַכט וואַסער און פלאַמען,
איצט פאָרסטו אַוועק אין אַ ווייטער מדינה
און טראַכסט ניט אַ ווייל פון דער אָרימער מאַמען.

איך האָב דיך געהיט, באַשיצט און באַשירמט,
ווען ס׳האָט נאָר געדעגנט, געשנייט און געהאָגלט,
און דו פאָרסט אַוועק אין אַ ווייטער מדינה,
און לאָזט מיך אַליין דאָ פאַרוויסט און פאַרוואָגלט.

דו קענסט דיר מיין קינד, זיך נישט ווערן געזעגנען,
דו קענסט דיר אַמאָל נאָך באַוואוינען פאַלאַצן —
דערווייל וועט די מאַמע דאָ אויסגיין פון ווייטיק,
דערווייל וועט פאַר בענקשאַפט דאָס האַרץ אין מיר פּלאַצן.

1913

## בילדער אויף דער וואַנט

הענגט אַ בילד פון פּרוכטן אויף מיין וואַנט,
איז עס בלויז אַ בילד;
קאַרשן, מילגרוים, עפּל, פייגן, נים —
דאָך נאָר פּאַרט אַ בילד.

הענגט אַ בילד פון דיר, מיין האַרציק קינד,
האָט עס טויזנט חן:
שמייכל, אויגן, ליפּן, האַלדז און האָר —
דאָס ביזטו אַליין.

הענגט אַ לאַנדקאַרט אויף מיין וואַנט,
לייען איך זי און לייען.
ווי כ׳דערזע מיין אַלטע היים,
בלייב איך טרויעריק שטיין.

בלויז אַ קליינטשיק פּינטעלע
איז מיין היימאַט דאָ.
שטיי איך און באַטראַכט עס שטיל
יעדע פרייע שעה.

# איכה אַקאָרדן

עס גיסן זיך קרענקליכע, בלייכע אַקאָרדן
פון שטיל מעלאַנכאָליש-פאַר'חלום'טע האַרפעס
און זייען אַ רירענדע, נאָגנדע בענקשאַפט
אין האַרצן פון אַלטן, צוריסענעם פאָלק...

ס'באַוועגן זיך קוים-וואָס די ליפּצן פון די אַלטע
צושלאָגענע העלדן פון פאָלק...
און פליסטערן צאַרט, ווי דורך בלייכליכע נעפּלן
זכרונות...

עס שווימען צוזאַמען אין לופטן די גראָליכע זיפצן
פאַרהילט אין אַ מאַטן פאַרזילבערטן שלייער,
וואָס ברענגט פון דער-נידער זכרונות און תפילות,
אַ צער, אַ טיפן באַדויער...
און ס'שטויסט זיך דער שלייער מיט זיידענע ווינטלעך
און ס'גיסן זיך איכה-אַקאָרדן...

.1910

# קעניג לידער

## אין אַ נאַכט פון שרעק

יאָגט אַוועק די שרעקנדע געזיכטער,
שנעל באַלייכט מיר העל די זאַלן,
צינדט אָן פאַקלען, צינדט אָן ליכטער,
די טראָמפּייטן זאָלן שאַלן.

עפנט אומעטום די צוימען,
זאָלן ווילד די פּויקן ברומען,
און די בעכערס זאָלן שוימען,
טויזנט ווייבער זאָלן קומען.

וואַרפט די שווערדן, וואַרפט די שטאַנגען —
לידער זאָלן הילכיק קלינגען,
לאָזט מיך פריי — איך בין געפאַנגען!
אָדער — האַרץ מיינס ווער צושפּרינגען!...

## צום קריג

ברענגט די לאַנגע, קרומע שווערד,
פאַנצער, קאַסקע, שפּיז און פערד,
כ׳גיי פאַרטיידיגן מיין ערד!...

שאַלט און ליאַרעמט שטורמיש הויך,
גורט אייך אָן מיט שטאָלץ און כח,
כ׳היט מיין ערד מיט שטאָל און רויך...

כ׳וואַרף דאָס שלאָס, מיין אַלטע וויג,
שרעק נישט, מלכה, פאַר דעם קריג,
איך בין זיכער אין מיין זיג!...

וואָיעט ווינטן, דונערס קראַכט,
איך, דער קעניג, גיי אין שלאַכט,
כ׳פיל, איך האָב איצט אייער מאַכט!...

## אין שלאַכט

הייליק, הייליק איז די רויטע, זיסע שלאַכט,
כ׳האָב אַליין מיין שווערד געשאַרפט; אַצינד שאַלט אוים:
דער קעניג וואַכט!

הייליק, הייליק איז אין שלאַכט די פייער-בראַנד.
כ׳האָב אַליין מיין ביקס געלאָדן; איצט שאַלט אוים:
פאַר פאָלק און לאַנד!

הייליק, הייליק איז דער קעניג ווען ער קריגט.
שפּילט מיר אויף אַ מאַרש פון זיג; און שאַלט און רופט:
דער קעניג זיגט!

# די פֿאַרליבטע יאָרן

## אַ לבנה־נאַכט

ס'האָט עמיץ געעפֿנט די שלעסער פֿון פּראַכט
און האָט אונדז געוויזן אַ בלאַליכע נאַכט.
דער הימל איז לויטער און יונג, ווי אַ בליט,
אַ האַלבע לבנה שפּאַצירט אין דער מיט.

דער דופֿט פֿון די בלומען שטייגט אויף אין דער הויך,
אַזוי ווי פֿון בשמים און בוימל אַ רויך;
אַ שטערנדל בלאַנדזשעט, פֿאַרלעשט זיך און זענקט,
אַ מיידעלע זיצט ביי אַ פֿענסטער און בענקט.

דאָס מיידעלע האָט זיך פֿאַרקוקט אין דער ווייט
און האָט זיך דערמאָנט אַ פֿאַרשוואונדענע צייט:
אַמאָל איז געווען... און איצט איז ניט מער...
עס פֿינקלט אַ שטערנדל, ס'בלינצלט אַ טרער.

אַ ווינטעלע בלאָזט איר די גאָלדענע האָר
און ס'מיידעלע מורמלט: אַ יאָר נאָך אַ יאָר!
זי זיפֿצט און פֿאַרטוליעט זיך טיפֿער אין העמד,
דאָס ווינטל פֿאַרטראָגט איר דעם זיפֿץ אין דער פֿרעמד...

אַמאָל איז געווען און איצט איז נישטאָ,
די ליבע איז ווייט און דער הימל איז בלאָ...
ס'האָט עמיץ געעפֿנט די שלעסער פֿון פּראַכט
און האָט אונדז געוויזן אַ בלאַליכע נאַכט.

## דער מילך־וועג

זיבן שמאָלע שטעגן האָט דער ווייסער מילך־וועג,
אויפן שייד־וועג זיצט אַ פּאַסטוכל און שפּילט.
לעבן פּאַסטוך שטייט פאַרבענקט אַ יונגע מלכה
אין אַ לייכטן, ווייסן זילבער־טול פאַרהילט.

אויף די זיבן שטעגן בלאָנדזשען זיבן רייטער,
יעדער טראָגט אַ פּאַנצער מיט אַ בלאַנקע שווערד,
און ער וואָלט זיך לייכט זיין גלייכן וועג געפונען,
נאָר די ווייסע מלכה אויפן שייד־וועג שטערט...

## דיינע בלאָע אויגן

דיינע בלאָע אויגן, זאָגן אַלע, זענען שיין.
אַלע זאָגן, אָבער קושן זיי, קוש איך אַליין.
שיינע יונגען האָפן אַלץ נאָך צו געווינען דיך,
יונגען האָפן, אָבער ליבן ליבסטו דאָך נאָר מיך.

פיל פאַרליבטע קלאַפּן אין דיין טיר — זי בלייבט פאַרמאַכט.
מיך באַזוכסטו יעדן טאָג און בלייבסט אַמאָל אויף נאַכט.
דאָך, עס זאָגן אַלע אַז דיין ליבע וועט פאַרגיין.
קינד מיינס הארציקס, אַלע זאָגן — וואָס זאָגסטו אַליין?...

## אַ פאַרליבטער

איך בין יונג און אַ פאַרליבטער . . .
ווייסטו וואָס הייסט יונג זיין, ליבן,
און די ערשטע טעג אין פרילינג
פון דער ליבסטער זיין פאַרטריבן ? . . .

ווייסטו וואָס הייסט בענקען, גאַרן ? —
ביזט דאָך אויך ווען יונג געוועזן !
פילסטו וואָס הייסט לידער דיכטן
און בייִנאַכט אַליין זיי לעזן ? . . .

## ווען דו ביזט אַוועקגעפאָרן

ווען דו ביזט אַוועקגעפאָרן,
פלעגט די בענקשאַפט מיך פאַרפירן
אויף די וועגן,
וואו מיר פלעגן
יעדן אָוונט אומשפּאַצירן.

ווען דו ביזט אַוועקגעפאָרן,
פלעג איך שטיל דאָס לידל ברומען:
בחור, וויין נישט,
בחור, מיין נישט
אַז דיין ליובע וועט נאָך קומען.

## מיר לאַכן

ווי שיין איז געוועזן דער הימל ביי נאַכט,
מיר האָבן געאָרעמט שפּאַצירט און געלאַכט:
מיר האָבן געקושט זיך, געשטיפט און געפייפט
און דוכט זיך, דעם תהום פון דער ליבע באַגרייפט.

עס האָבן די מענטשן געקוקט פון דער זייט
און האָבן געלאַכט פון די „צוויי יונגע לייט״.
עס האָבן די מענטשן געלאַכט נאָר פון צוויי
און מיר — פון דער גאַנצענער וועלט און פון זיי...

## מיר קינדער

דו ביזט אַ קינד נאָך. אויך איך בין נאָך קינדיש,
נאָר לאָמיר זיך ביידע פאַר גרויסע פאַרשטעלן.
דו האָסט צוויי אויגן, וואָס מאַכן מיך קניען,
און איך — אַ נשמה, וואָס וועט דיר געפעלן...

דו ביזט אַ קינד נאָך. אויך איך בין נאָך קינדיש,
טאָ לאָמיר זיך ביידע פאַרבייטן מיט זאַכן:
איך גיב מיין ריינע, מיין יונגע נשמה,
און דו גיב אַ שמייכל... און נאָך זיבן זאַכן.

## אין שוים

לאָז מיך, קינד, מיין קאָפּ אָנלענען
אין דיין זיסן שוים;
זעסטו ס׳קומט אַ בייזער חלום,
טרייב איהם גיך אַרוים.

זעסטו ס׳קומט אַ גוטער חלום,
לאָז אים אויך נישט צו —
כ׳וויל נישט חלום׳ען אַצינדערט,
כ׳וויל נאָר טיפע רו...

## ווי אַ חלום

ווי אַ חלום אין אַ מאַי־נאַכט,
ביזטו, קינד, צו מיר געקומען;
ווי אַ הויך אויף ריינע שויבן
איז דער חלום מיר צושוואומען.

האָסט מיין לוידיק הארץ באַאַקערט
און פאַרזייט זיסע קערנער,
איצטער וואַקסן אין מיין הארצן
זים־פאַר׳סמ׳טע ליבע־דערנער.

ווי די דערנער שטעכיק וואַקסן —
ווערט די וואונד אין הארצן טיפער
און די לייטער פון מיין לעבן
ווערט פאַמעליך שיפער, שיפער...

איך וועל אויסגיין דורך דעם חלום!
בין פאַרליבט און ווער אַלץ מידער;
קוים די ע ר ש ט ע און מיר דוכט זיך,
אַז איך זינג די ל ע צ ט ע לידער...

# חכמים

די אַלע חכמים, וואָס קושן דיין האַנט,
זיי מאַכן מיר האַרציקן שפּאַס:
זיי קומען צו דיר און פאַרווײַלן דיך שיין
ווען איך דאַרף גיין האַנדלען אין גאַס.

איין נאַר מאַכט דיר פיל קאָמפּלימענטן און לאַכט,
אַן אַנדערער ברענגט אַ פּרעזענט;
אַ דריטער דערציילט דיר די וויצן פון בלאַט,
און דו לאָזט דיר קושן די הענט.

נאָר ווען איך אַליין קום אַהיים אויף דער נאַכט
און טרעף די נאַראָנים ביי דיר, —
דאַן האַלדז איך דיך אום און איך קוש דיך און לאַך,
און ווייז זיי אַן קונצן די טיר.

## ראָזע בריוולעך

שטענדיק, שטענדיק שיק מיר בלומען אין די בריוולעך,
כ'וועל זיי אייביק צו מיין האַרץ מיט ליבע דריקן.
אין די קליינע, שמעקעדיקע, ראָזע בריוולעך,
זאָלסטו אייביק, קינד מיינס, פרישע בלומלעך שיקן.

ווען איך אָטעם איין דעם ריח פון די בלימלעך,
פלאַקערט אויף אין האַרץ נאָך דיר אַ זיס באַגערן;
איך צוקוש אין פיין דאָס קליינע, ראָזע בריוול,
און באַטוי די בלימעלעך מיט ליבעס־טרערן...

## אין אַ מאַי־נאַכט

אויסגיין וויל דאָס האַרץ פאַר בענקען!
דופטיק איז די נאַכט און קיל;
עפּעס ציט דאָס האַרץ און רייסט זיך:
ס'ווייסט אַליין נישט וואָס עס וויל.

ס'ווייסט נישט... נאָר עס פילט דאָך, פילט דאָך,
אַז אין ווייטקייט ערגיץ שטיל,
רייסט זיך אויך אַ קינדיש הערצל
און...ס'ווייסט אויך נישט וואָס עס וויל.

## אויף די פעלזן

### אַ חלום

העכער קלעטער, שרעק נישט, העכער שטייג.
הערסט דעם ים, דאָס ברויזן אונטן? . . . שווייג!
העכער, דרייסט נאָר, שרעק נישט, דרייסט נאָר גיי.
שוין?ביים שפּיץ? נו האַלט דיך, וואַרט, איך גיי!

וואַרט איך גיי . . .כ'בין דאָ . . .איצט קוק דיך אום:
די זון פאַרגייט . . . נעם מיך פעסט אַרום!
פעסט . . . און קוש . . . אַזוי! איצט קוק אַרויף
אַ! שריי נישט! פאַלסט? ביזט צו דעם אַרויף!

## זאַמדיקער מדבר

כ'האָב אין חלום אַ זאַמדיקן מדבר געזען:
עס האָבן, ווי ווינטן, געבלאָנדזשעט די אויגן,
אין מיט איז אַן איינזאַמע פּאַלמע געשטאַנען
און אויבן איז לאַנגזאַם אַן אָדלער געפלויגן.

כ'האָב מיין יוגנט געזען אין אַ קרענקליכן חלום:
אַ כאָר פון מלאכים האָט טרויעריק געזונגען,
אַ פּנים אַ בלייכס האָט געקושט מיינע ליפּן
און איך האָב אַ ליד אויף אַ האַרף אויסגעקלונגען . . .

ווין, 1911

# אַ נעפּלדיקער אָוונט

אַ נעפּלדיקער אָוונט,
אַ בלוטיקע לבנה.
דיין שעמעוודיקער בליק,
האָט מיך פֿאַרגליט אין גליק.
האָסט צאַרט מיין זעל געוואַרעמט
און כ׳האָב דיך זיס אומאַרעמט . . .

אַ נעפּלדיקער אָוונט,
אַ בלוטיקע לבנה.
דו האָסט מיין פּיין געפּילט
אין שטיל מיין בלוט געקילט.
דער נעפּל איז צורונען,
איך האָב דיין זעל געפונען.

אַ נעפּלדיקער אָוונט,
אַ בלוטיקע לבנה.
ביי נאַכט ביים ברעג פון ים,
איז ליבע זיסער סם.
איך ווייס, מיין קינד, וועסט בענקען,
וועסט אייביק אים געדענקען,
דעם נעפּלדיקן אָוונט,
די בלוטיקע לבנה . . .

## אַליין אין דאָרף

דו ביזט אַצינד אַליין אין דאָרף
און חלומ'סט וועגן מאַי און מיר.
ווי באַנג און אומעטיק דיר איז,
אָ, חלום, חלום וועגן מיר.

די נאַכט איז בלוי און דו ביזט יונג,
דו גייסט צום טייך און גייסט צוריק;
דו טראַכסט פון פרילינג און פון מיר:
אָ, חלום, חלום וועגן גליק...

## דער מלאך צי דער שטן

איך קוק אויף דיין בילד און באַגים עס מיט טרערן;
איך קוק און מיין הארץ ווערט פון בענקשאַפט צוריסן:
אַ יאָר מיט אַ פערטל אַ ליבע געדויערט
און איצטער וויל איינער פון צווייטן ניט וויסן.

צי האָט אונדז אַ מלאך צושיידט אויס געטריישאַפט,
צי האָט אונדז דער שטן פאַרפּלאָנטערט די וועגן —
איך וויים נאָר, וואָלט איך דיך אַ רגע געזען,
וואָלט איך נאָך אַצינד ביי די פיס דיר געלעגן...

## געליבט און פֿאַרלאָזט

דו האָסט מיך געליבט און פֿאַרלאָזט:
ווי ווילד מיט מיין ליבע געשפּילט.
אָ, וואָלט איך קיין האַרץ נישט געהאַט,
דאַן וואָלט איך מיין וויי נישט געפילט.

אָ, וואָלט איך קיין האַרץ נישט געהאַט,
נאָר בעסער אַ שטיין אין דער ברוסט —
איך וואָלט נישט געזונגען קיין ליד,
ס׳וואָלט קיינער מיין פּיין נישט געוואוסט...

1912

## אַ ליד פֿון אַ רויז

דו זיץ אויפֿן בעטל און איך אויף דער ערד,
און אָנשפּאַרן לאָז מיך מיין קאָפּ אויף דיין שוים;
וועסט צערטליך מיר גלעטן די גאָלדענע האָר,
און איך וועל דיר זינגען אַ ליד פֿון אַ רויז.

און אַז איך וועל האַלטן, וואו ס׳פּאַסטוכל שטאַרבט,
די רויז האָט פֿאַרוועלקט און דאָס לידל איז אויס,
דאַן גיב מיר אַ קוש אויפֿן שטערן, מיין קינד,
און איינשלאָפֿן לאָז מיך ביי דיר אויפֿן שוים...

## די בלום

גאָט האָט אַ בלום אין מיין האַרצן פאַרפלאַנצט,
און האָט איר אַ הויך פון זיין אָטעם געשענקט.
דו בלום איז צובליט פון דעם געטליכן הויך,
און איך בין נאָך געטליכקייט אייביק פאַרבענקט.

ווער ווייסט דעם סוד פון דער געטליכער בלום ?
דער סוד איז פאַר יעדן פאַרהאַנגען מיט שוואַרץ.
פאַר דיר נאַר, מיין קינד, איז קיין פאָרהאַנג נישטאָ :
די בלום איז די ליבע וואָס גליט אין מיין האַרץ.

## איינפאַך, איינפאַך

איינפאַך, איינפאַך איז דאָס גליק,
ס׳גייט אַוועק און קומט צוריק,
ווי דער וואונדערשיינער מאַי
גייט אַוועק און קומט אויפסניי.

איינפאַך, איינפאַך איז גאָטס ערד
און דער וועג, וואָס ער באַשערט ;
ריינע מחות ווייסן דאָס,
שטילע הערצער פילן דאָס...

# זיבן יאָר

האָסט געחלומ׳ט, זיסע דבורה, כ׳וועל אַוועק אין ווייטע וועלטן,
אַלע בערג אַריבערשטייגן, אַלע ימ׳ען איבערשווימען
און צום סוף, ווי יענער ריטער, מיט אַ בלום-באַקראַנצטן שטערן,
וועל איך ווידער צו דיר קומען.

זיבן יאָר, האָסטו געחלומ׳ט, ווערסטו מוזן נאָך מיר בענקען,
יעדעם ווינטל, יעדן וואָלקן, וועסטו אייביק דאַרפן פרעגן:
האָט ניט עמיצער געזען מיין געליבטן ערגיץ בלאָנדזשן
אויף די ווייטע, פוסטע וועגן?

האָסט געחלומ׳ט, זיסע דבורה: ס׳וועלן זיבן יאָר פאַרלויפן
און דער חלום איז געענדיקט; ס׳וועט די האָפנונג דיך נישט נאַרן...
האָסט געחלומ׳ט, נאָר געחלומ׳ט...כ׳בין נישט יענער ריטער, קינד מיינס:

כ׳קען קיין זיבן יאָר נישט האַרן.

## דריי כלה־מיידלעך

אַז דריי כלה־מיידלעך לאַכן,
וואָסזשע איז דערפון געדרינגען?
מאָרגן וועט אַ פרילינג־רעגן
אין די גאַסען זינגען.

ווי געזונט איז דאָס געלעכטער,
ווען ס׳איז אָפן — נישט פאַרשטעלט.
גערן וואָלט איך ווערן סעקרעטער
ביי זיי אויף יענער וועלט.

## ביים קאָנצערט

דער זאַל איז פאַרטרונקען געווען אין ליכט,
די געסט האָבן פריילעך געוויקלט אַ טאַנץ,
דאָס גליק האָט געשמייכלט אויף יעדנס געזיכט
און אַלץ איז פאַרזונקען אין כשוף און גלאַנץ.

נישט ווייט פון אָרקעסטער געזעסן ביזטו
און צערטליך געהאַלטן אַ בלום אויפן שויס,
דיין פנים האָט פלוצלונג פאַרגאָסן אַ פלאַם
און כ׳האָב נישט דערקענט צווישן פנים און רויז...

אין ווינקל ביים פענסטער געשטאַנען בין איך
און עפּעס אין האַרץ האָט גערעדט און גערעדט...
מיר דוכט זיך, מיר האָבן דאַן ביידע אין האַרץ
געמורמלט דעם ראָמעאָ־יוליע־סאָנעט...

## נאָר דו

ליבן נאָך וועל איך אַ צווייטע, אַ דריטע,
וויפיל דער פרילינג פון יוגנט וועט שענקען.
צענדליקער אַנדערע וועל איך נאָך קושן,
דיך נאָר אַליין וועל איך אייביק געדענקען.

טייל וועלן דורשטיק די ליפּן מיר געבן,
אַנדערע וועל איך די הערצער באַצווינגען,
יעדע באַשענק איך מיט קושן און בלומען,
דיך נאָר אַליין וועל איך אייביק באַזינגען.

ס׳לעבן אָן דיר איז אַ האַרץ אָן נשמה,
אייביק פאַרבלייב איך — אַ שיף אָן אַ רודער ;
טויזנטער וועלן דאָס ביכעלע לייענען,
אָבער נאָר ד ו וועסט פאַרשטיין מיינע לידער.

## יענע

זאָל שוין פאַרבלייכן דאָס בלאַסליכע בילד פון זכרון
און זאָל עס ניט פּייניקן מער מיין צובראָכן געמיט,
אַנשטאָט אַ פּיינענדיק בילד פון פאַרגאַנגענע יאָרן,
זאָל בעסער פאַרבלייבן אַ שטילע מצבה — אַ ליד.

## די שלאַנג

נאָך ברענט מיר ס׳האַרץ דער ווייַן, וואָס מאַכט מיך שכור.
נאָך פֿיל איך מיך אין הייסע אָרעמס איינגעשלאָסן,
אויפֿן טיש נאָך וואַלגערן זיך בלומען־בלעטלעך,
און דאָס האַרץ ווערט גיך מיט ביטערקייט פֿאַרגאָסן...

נאָך פֿיל איך אויף מיין מויל דעם קוש פֿון הייסע ליפּן,
נאָך ריזלט זיך מיין גיריק לייב פֿאַר זיס ענטציקן;
און פֿאַמעליך שוין פֿאַרוויקלט מיך אַ שלאַנג, אַ גרינע
און זי קושט מיין מויל מיט ווילדע שלאַנגען־בליקן...

## אין פֿרילינג

מיר זענען אין פֿרילינג געזעסן אין גאָרטן,
איך האָב זי אין ליבשאַפֿט געהאַלטן אין אָרעם
און האָב איר געזונגען דאָס אוראַלטע לידל,
ווי ס׳האָט זיך אַ סאָסנע פֿון אייז־קאַלטן צפֿון
פֿאַרבענקט נאָך אַ פּאַלמע אין זוניקן דרום.

עס האָבן געפֿרייט אונז אין גאָרטן די בלומען
און ס׳האָבן געבליט אויך אין האַרצן פֿאַרלאַנגען,
מיר האָבן זיך סודות פֿאַרטרויט אויפֿן אויער,
עס האָבן געפֿילן געבליט אין די הערצער,
אַזוי איז דאָס לעבן אין פֿרילינג פֿאַרגאַנגען.

## זלאַטע

אויף אַ באַנק אין גאָרטן האָב איך אויסגעקריצט דיין נאָמען
מיט אַ דאַטע.
שפּעטער האָט עס יעדער מידער שטיל זיך דורכגעלעזן:
מאַי, דעם דריטן, זלאַטע.

„מאַי דעם דריטן, זלאַטע!" — פלעגט עס יעדער צוויי מאָל לייענען.
„ווער איז זלאַטע?"
האָניק־ליפּן, בלאָע אויגן, גאָלדן־האָר און זעכצן
יאָר אַלט — דאָס איז זלאַטע.

## וואו איז זי, די ליבע?

און וויפיל איך זאָל ניט קיין טרערן פאַרגיסן
אויף אונדזער געשטאָרבענער ליבע,
וועט שטענדיק דער ווייטאָג ביים לידל זיך פרעגן:
וואו איז זי, וואו איז זי, די ליבע?

און וויפיל איך זאָל ניט פאַרבירן זיך פאַסן:
נישטאָ שוין, געשטאָרבן די ליבע,
קלינגט אַלץ ווי אַן עכאָ פון הארצן דאָס לידל:
וואו איז זי, וואו איז זי, די ליבע?

און וויפיל איך זאָל אין מיין לידל ניט זינגען
פון בלומען און שטראַלען און ליבע,
וועט שטענדיק דער סוף פון מיין לידל זיך פרעגן:
וואו איז זי, וואו איז זי, די ליבע?...

## דוד המלך׳ס פידל

ווי עס פלאַטערט האַסטיק ס׳האַרץ מיינס,
יעדעס מאָל ווען כ׳זינג אַ ליד,
ווי די פליגלען ביי אַן אָדלער,
ווען ער פליט.

ווי עס קלינגט מיין האַרץ מיט לידער,
יעדעס מאָל ווען כ׳קוש דיך, קינד,
גלייך ס׳איז דוד המלך׳ס פידל,
ווען עס בלאָזט אַ ווינד.

## מיט קלאָרע אויגן

כ׳קען אַ מענטש האָט ער פאַרלוירן די זון,
ער וויינט אין דער פינצטער ביינאַכט:
נעם איך מיר אַרויס אַ מאַראַל דערפון,
און האָב מיך אַזוי דערטראַכט:

ווען אַ מענטש האָט פאַרלוירן די זון,
איז ער אַמאָל געווען רייך,
און אויב דורך טרויער קוקט ער איצט קרום,
וועט ער דורך פרייד נאָך קוקן גלייך.

# אַן אַלטער ראָמאַנס

פון דער ספינקס-פּערמיקער באַלאַלייקע
האָט אַרויסגעבלאָנקעט אַן אַלטער ראָמאַנס.
מיין האַרץ האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ
און איז אַוועקגעפאַלן אין זכרונות:

דער אַזאָווער ים,
אַ שרענגגע ווילדע גענז
וואָס פליען וויטער דרום,
דער ברעג פול מושלען,
ווי זוניקע שטערן אויף דער ערד.
אַן אַלט שיפל מיטן בוידעם אַרויף,
אַ פישער מיט אַ באָרד פון קופּער
פּיפּקעט און פריידיקט ים־תורה.

אַן אַלטער ראָמאַנס איז אַ ווייטע מדינה,
וואו שווערע אָרגלען
שפּילן קינדער־לידער,
וואו אַלטע מענטשן זאָגן יאָ,
וואו קינדער לאַכן הויך
און טרינקען אַ סך וואַסער.

די בלאַסקייט שטאַמלט, ווי אַ ספינקס,
וואָס האָט נאָך דריי טויזנט יאָר
זיך אויסגעלערנט זאָגן אַ אָ או.
אַלטע מצבות פאַלן איין אויף דער פּויק,
קינדער מומיעס טאַנצן ראָדענעראַנע.

די זון מעג זיך באַהאַלטן
הינטער אַ גרויסער פּויק,
אויב דו האָסט נאָר אַ לאָמטערן פון אַ ליד,
וועט זי אויפגיין.
שעם דיך באַלאַלייקע,
אַ שטעקן זאָל האָבן דריי עקן.

# די לעצטע ליבע

דבורה! אסתר, שרה יאַנקאַ:
דריי פאַרבענקטע פרילינג בלומען,
האָב איך פריער אָנגעטראָפן,
ביז איך בין צו דיר געקומען.

יענע ערשטע ליבע אסתר,
מיט די גרויסע, שוואַרצע אויגן,
האָט די סטרונעס פון מיין האַרפע
מיט איר שמייכל אָנגעצויגן.

איר געהערן ד׳ערשטע לידער
און די ערשטע יוגנט-טרערן
אַלץ וואָס „ערשט" איז אין דער ליבע
קען נישט מער פאַרגעסן ווערן.

ערשטע בלויע נעכט ביים פענסטער,
און דאָס רעדן צו די שטערן,
און דאָס באַנגע רופן: אסתר! —
קאָן דאָס ווען פאַרגעסן ווערן?...

יענע ערשטע זיסע גראַמען,
ווי למשל: אסתר — שוועסטער,
גאַרן בענקען און — געדענקען,
אָדער אסתר — פעסטער, פעסטער...

יענעם קליינעם קלאָץ ביים פאַרקאַן,
וואו מיר זיינען אָפט געזעסן
אונטער בלעטערדיקע צווייגן —
וועל איך דעם אַמאָל פאַרגעסן?

און דער זיפּץ פון יענעם לידל,
וואָס זי פלעגט פאַר׳חלום׳ט זינגען,
וועל איך אים נישט אייביק הערן
אין די אסתּר־לידער קלינגען?

און דער ערשטער קוש . . .דער ערשטער, —
וואָס איך פיל נאָך איצט זיין פלאַמען,
ווען פאַרשווינדען פון געדעכניש
מיטן געדעכניש צוזאַמען.

ערשטע ליבע! ווען מען וועט מיר
לייגן שאַרבנס אויף די אויגן,
וועסטו מיר נאָך פאַרביק לייכטן,
ווי אַ גרויסער רעגנבויגן.

שרה הייסט דאָס צווייטע בלימל:
מיידלעך, בלומען זיינען שוועסטער —
ביידע ליבן איינס דאָס צווייטע,
ווי די פייגל אין די נעסטער.

נאָך איז אסתּר׳ס בלייכער שאָטן
יעדן שריט מיר נאָכגעגאַנגען;
כ׳פלעג ביינאַכט די הענט אויסשטרעקן,
צו איר שאָטן צו דערלאַנגען.

וואו איז אסתּר? וואו איז אסתּר? —
פלעג איך נעכטליך ס׳קישן פרעגן,
און די טרערן פלעגן רינען,
ווי דער יונגער פרילינגס־רעגן.

און נאָך איידער כ׳האָב באַפרייט מיך
פון די ערשטע ליבעס־צוואַנגען,

איז די צווייטע, ווי דער העלער
מאָרגנשטערן אויפגעגאַנגען.

ווי פאַרבלענדט בין איך געוואָרן!
ז׳האָט מיין האַרץ גענומען לאָקן
מיט די שטילע, בלויע אויגן,
און געקרייזטע בלאָנדע לאָקן.

און דער זיסער נאָמען אסתר
האָט פאַרביטן זיך פּאַמעליך
אויף דעם ליבן נייעם — שרה!
ס׳קלינגט מיר שמייכלענדיק און פריילעך.

טייל מאָל וואונט אינם גערטל
פלעג איך ליגן איר צופיסן
מיט דעם קאָפּ אויף אירע קניען
און די רייד פון ליבע פליסן.

ליבער — פלעגט זי האַרציק פרעגן —
כ׳זע אין דיינע אויגן טרערן? —
און אוים בענקשאַפט נאָך דער ערשטער
פלעגט מיין האַרץ צוריסן ווערן.

נאָך דעם ערשטן אסתר־חלום
איז זי שטיל צו מיר געקומען
און פּאַמעליך, לייכט און לופטיק
ווי אַ נעפּל־בילד צושוואומען.

טייל מאָל זע איך נאָך אין חלום
בלאָנדע לאָקן, בלויע אויגן,
און מיר דוכט זיך, גלייך אַ נעפּל
וואָלט מיין בעט אַרומגעצויגן.

צווייטע ליבע! ביזט געקומען
מיינע אָסתר־וואונדען היילן,
און דערפאַר וועל איך דיך אייביק
צווישן מיינע ליבעס ציילן.

און די דריטע... אַ, די דריטע...
שטיינער, רירט אייך פון די ערטער!
האַרץ, צעזינג דיך מיר אין לידער,
צונג, רעד אויס די זיסטע ווערטער!

נאָך די ערשטע צוויי חלומות
איז מיין האַרץ געווען צובראָכן;
ווי אַן אבל פלעג איך טרוי׳רען
אין די וויסטע טעג און וואָכן.

פרעמד איז מיר איר האַרץ געוועזן,
ווי דער גאָט, וואָס זי פאַרגעטערט,
ווי דאָס לשון פון דעם ביכל
מיט די תפילות, וואָס זי בלעטערט.

הימל־בלויע, פרייד פון אויגן,
גלאַנציק־בלאָנדע צעפּ ווי שלאַנגען
און געשמעקט מיט ליבער פרעמדקייט.
ס׳האָט די פרעמדקייט מיך געפאַנגען.

ביסלעכווייז און מיט אַ שמייכל
האָט זי זיס פאַר׳סמ׳ט מיין זינען
און מיט צאַרטע, פרעמדע פעדים
לאַנגזאַם מיך אַרומגעשפּונען.

כ׳האָב מיין אַלטע היים פאַרשאָלטן,
האָב פאַרהאַסט מיין פריריק לעבן,

און מיט גאַנצער לייב־און־זעלע
זיך דער פרעמדער אָפּגעגעבן.

כ׳האָב געליטערט מיין זכרון,
בילדער זיינען שטיל צורונען
און פון ביידע ערשטע ליבעס
איז די לעצטע שפור אנטרונען.

אין דעם פרעמדן לאַנד פון ג א נ צ ק י י ט
האָט מיין גייסט אַרומגעוואַנדלט,
נאָר אַן אָפּקלאַנג האָט פאַרפאָלגט מיך:
האָט זיך דען דיין האַרץ פאַרוואַנדלט?

פעסטע ערד און ריינער הימל,
מענטשן וואַקסן ווי די בוימער,
און מען זעט אין גאַנצן לאַנד נישט
קיין פאַרבענקטע, בלאַסע טרוימער.

כ׳האָב געזוכט אַ בלאַסן חבר,
וואָס זאָל טרוימען וועגן הימלען,
נאָר אין צוויבערלאַנד די מענטשן
טרוימען בלויז נאָר, ווען זיי דרימלען.

יאָ, געפילט האָב איך מיין פרעמדקייט
און האָב דאָך מיין שטאָלץ געבראָכן:
מיר איז ליבער פרעמדע גאַנצקייט
איידער אייגנס האַלב, צובראָכן.

מיין דערציטערטע נשמה
האָט די פרעמדע לייכט געפאַנגען,
און די שאַרבנס אויפגעקליבן,
ווי דער שניטער קלייבט די זאַנגען.

פון דער פרעמדער צו דער פרעמדקייט
איז אַ קורצער וועג געבליבן;
ס'האָט געצויגן דורכצושפּרייזן,
נאָר . . . איך בין ביי מיינס געבליבן.

לעבנשפּריצנדיקע יאַנקאַ!
לעבנסדורשט און זים באַגערן
איז דיין ליבע. לייכסט מיר איצטער
דורכן לעבן, ווי אַ שטערן.

דריטע ליבע! האָסט דעם גלויבן
אין מיין אייגנס גאָר פאַרפעסטערט,
און פאַרשעמט דערמאָן איך איצטער:
מיינס האָב איך אַמאָל געלעסטערט! . . .

נאָך דעם לעצטן גרויסן שטורעם
איז אַ היימיש ליד געקומען
און אַ ליבער, זיסער תענוג
האָט מיין הארץ אַרומגענומען.

דו, מיין אַלערשענסטע דבורה,
האָסט צולעצט מיין הארץ באַצוואונגען
און דערפאַר האָב איך פאַר דיר איצט
מיינע ליבעס אויסגעזונגען . . .

ווין, 1911

## אַ מאָלצייט

דיין מאָלצייט אָפּגעגעסן צו דער זעט,
דאַן טראַכסטו פרידליך: וויפיל גוטס פאַראַן.
ביינאַכט, גייסט שלאָפן אין דיין ציכטיק בעט,
מאָנט צינז דער שאָטן פון אַן אָרימאַן.

דערפאַר ווען ס׳גייט דיר גוט; די וועלט איז שיין,
דו צאָלסט פאַר אַלץ און נעמסט נישט קיין געשאַנק,
זיי זיכער, אַז דיין זאַטע זעל איז ריין,
אַז ביזט נישט שולדיק אימעצן אַ דאַנק.

## געבענטשטע שטוב

געבענטשט זאָל זיין די ענגע שטוב,
געבענטשט דאָס ריינע בעט:
כאָטש מיר און דיר און אונדזער קינד
פאַרפעלט אָפט ברויט צו זעט.

געבענטשט זאָל מיר דיין ליבשאַפט זיין,
געבענטשט דיין ליבער בליק,
וואָס איז פאַר אונדז און אונדזער קינד
אַ קוואַל פון טיפן גליק.

געבענטשט זאָל זיין דאָס גליק אַליין,
וואָס קומט צו אונדז זייער אָפט:
צו מיר און דיר און אונדזער קינד,
אַזוי ווי כ׳האָב געהאָפט.

## פּײַערונג

אַ קינד האָט ווײ געטון אַ פינגער,
האָט די וועלט געוויינט אין פּנים פון דער מאַמען:
און אַז עס איז דעם קינד געוואָרן גרינגער,
האָבן מאַמע, קינד און גאָט צוזאַמען
אַ סעודה געפּראַוועט דורך דער ברוסט פון דער מאַמען.

## דו שלאָפסט

דו שלאָפסט, און דאָס קינד שלאָפט מיט דיר:
אַ רויז, און אַ קנאָספּ נעבן איר.
בין מיד, נאָר איך שמייכל פון גליק:
מיין לעבן טאַנצט פריידיק צוריק.

דו שלאָפסט, און איך וואַך און בין דיין:
מיין ליבע צו דיר אָטעם איין.
ס׳קינד שמייכלט פון שלאָף, מיט דיר גלייך:
שלאָפט רואיק, איך וואַך איבער אייך.

## דאָס שטילע לעבן

אין גרילץ פון באַנגעקראַך און האַמעטנע מאַנירן,
און אין געשורש פון שטויביק ווינטענע פּאַפּירן,
האָט מיר די אייביקייט נאָך אַ געשאַנק געגעבן,
צו הערן ווי אַ גלאָק אין זיך דאָס שטילע לעבן.

פון שיפּע בריקן, ענגע ליקן און קאַנאַלן
שטייגט ווי פון ים דער האַלבער בויגן מאָרגנשטראַלן,
אַ שאָד בלויז וואָס די טיפסטע פרייד
רינט אוים אין רייד.

## דאָס אמת'ע ליד

די יידישע וועלטן, וואָס זענען צעוואָרפן
אין פרילינגם און הערבסטן, אין פעלדער און שטעט,
קען קיין שום לאַמטערן אַזוי נישט באַלייכטן,
ווי ס'פלעגט זיי באַלייכטן דאָס ליכט פון געבעט.

די מחנות וואָס וואַנדלען מיט גראָשענע ליכטלעך,
באַלייכטן דעם אָפּגרונט פון אונדזער געמיט:
דער טרויער פון היינט איז אַ בלוטיקער שקר,
דאָס ליד פונם מאָרגן דאָס אמת'ע ליד.

# גלויבן און צווייפל

# צו גאָט דורך פּאָסט

ווען איך זאָל קענען שרייבן.
דו געדעכטער,
די שיינקייטן פֿון אַלע דײַנע וועלטן קומען אום.
די וועלט איז שיין געווען,
ווען איך בין רײַטנדיק אויף דײַן גענאָד געקומען,
ווי אַ קינד אויף אַ גיפּסן פֿערדל אין אַ קאַרוזעל.
און יעדן שטאָפּל פֿון מײַן פֿרייד און שיינקייט,
וואָלט איך, אויבערשטער געדעכטער,
אויף דײַנע וואַנדלענדיקע פֿאַרמעטענע הימלען
מיט אַ סטילוס פֿון געבעט דיר אָנגעשריבן,
ווען איך זאָל קענען שרייבן.

ווען איך זאָל קענען שרייבן,
וואָלט איך זיצנדיק אין מיטן סקווער פֿון אונדזער וועלט
אויסגעקריצט דײַן נאָמען אויפֿן אַנלען פֿון מײַן לעבן.
און אין יעדער שטילער גאַס פֿון מײַן ווײַטער וועלט,
וואָלט איך אויף די מויערן פֿון האַרטער פּײַן,
דײַן נאָמען און אַ לויב אים אָנגעצייכנט,
ווען איך זאָל קענען שרייבן.

ווען איך זאָל קענען שרייבן!
אָבער אַלע וועגן זענען סיי־ווי־סיי פֿאַרשטעלט.
און וואָס איך זאָג און טו
איז דאָך נישט מער ווי אותיות
וואָס קיינער ווייסט נישט זייער באַטײַט.
אָן אייביקער, הייליקער ווינט הינטער מיר
פֿאַרווייעט מײַנע תפֿילה־טריט,
וואָס פֿירן צו דיר.
וואָלסטו נאָר פֿאַרנומען אַ צייכן פֿון מיר,
דורך שפּאַלטן אין שטיינער
צי בלומען אין גראָז,
דורך שוים אויפֿן ים צי דורך טריט אויפֿן זאַמד.
איך וואָלט נישט געווען אַזוי איינזאַם אָן דיר,
ווען איך זאָל קענען שרייבן.

## משה זכות

מיט קנאַפּע דרייהונדערט יאָר צוריק,
האָסטו אין שפּינאָזאַס אַמסטערדאַם
פאַרפלאָנצט אַ שמייכל פאַר מיין געמיט.
איך ווייס: די זון איז דאַמאָלס
אויפגעגאַנגען איבער האָלאַנד.
אָבער פאַר דיר, אין דיין פינסטער קלייד פון רמזים,
וואָס איז פאַר דיר אַ זונאויפגאַנג.

און ווייל דיין לעצט געביין
איז שוין מסתמא לאַנג פאַרשוואונדען,
און מען קען דיין שטויב נישט מער געפינען,
אפילו מיטן בעסטן פאַרגרעסער־גלאָז,
וואָס דיין יינגל־חבר ברוך האָט געשליפן,
זינג איך דיר דערפאַר דאָס ליד,
דו וואונדערליכער קאַבאַליסט און קאָמיקער.

אָזוי אָזוי!
האָסטו געוואָלט פאַרגעסן דיין לאַטיין
און פערציק טעג געפאַסט דערפאַר.
דו וואונדערליכער נאַר!
האָסטו טאַקע דאַמאָלס נישט געוואוסט,
וואָס איך און די חברים מיינע וויסן היינט?

אויב דיין ווייס האַרץ
איז איינמאָל איינגעשמירט
מיט דער גראָבער פאַרב פון וויסן,
קענסטו מיטן פיינסטן בענזין פון פאַסטן
דעם פלעק נישט אַרויסנעמען.
ווי שיין עס פאַסט דיר
אין דיין פינסטער קלייד דער שפּאַס.

פּרעכטיקער נאַר!
ווען איך זאָל קענען עפּעס פון דעם,
וואָס איז געפאַלן אויף מיין האַרץ
אין פאַרלויף פון מיינע טעג,
אָפּמעקן מיט תעניתים —
ווייב און קינד וואָלט איך פאַרלאָזט,
וואָלט עולה רגל געווען צו דיין קבר
אין אַ גראָבן קיטל,
און וואָלט מיט דעם איבערבלייבעכץ פון דיין מומיע
געלייגט דעם גרונדשטיין פאַר אַ יידישן מוזעאום.
נאָר ווי די וועלט שטייט,
ביזטו דער פּרעכטיקער נאַר
און איך דער וואונדערליכער חכם.

# שרײַבנדיק אויף פּײַכטע שויבן

מיט מײַן פרײד,
וואָס בליט אויפן באָדן פון מײַן אומעט,
וואָלט איך אַמליבסטן געזעסן בײַם פענסטער
און געקוקט ווי די וועלט גײט פאַרבײַ.
די רעלסן פון טראַמווײַ
וואָס לויפן חבר׳שאַפטליך פאַראַלעל
און שײַנענדיק אין דער זון,
ווי דער וועג פון אײביקײט אין הימל, —
שול-קינדער — ווי אויפן צפון איבערגעפלאַנצטער לאָטאָס, —
מאַסן — ברײט און טיף און רירעוודיק ווי די וואָלגע,
און אין טראָטואַר, נאָס נאָכן רעגן,
שפּיגלט זיך גאָט און אַלץ, וואָס איז קלענער פון אים.

שטער מיר נישט קינד,
צו שרײַבן מײַן נאָמען אומענדליכע מאָל
אויף די טויאיקע שויבן פון פענסטער.
איך וויל דורכן ליכט פון די אותיות
זען ווי די וועלט גײט פאַרבײַ.

## דאָס קליינע קעסטעלע פון שוואַרצן וואונדער

אויפֿן אָפּגרונט פון ערפאַרונג,
צווישן ים־געמויזעכץ פון ווילדן וויי,
אין אַ קעסטעלע פון הארטער פיין
ליגט פאַרזונקען מיין גאָלדענע פרייד.

אַ צייט וועט קומען, ווען איך וועל זיין
דער בראַווער קאַפּיטאַן פון אַ פּיראַטן־שיף,
וואָס וועט זיך לאָזן אויף די ים׳ען
פון מיינע קורצע טעג,
און מיינע בלאַנקנדיקע אויגן מיטן לעצטן פייער
וועלן גלעטן די גרויסע טיפענישן,
ווי צוויי מידע גליווערעם אין דער נאַכט.
אין זיגזאַג צאַנקענדיק,
און דאַנקענדיק אַן אומבאַקאַנטן גאָט
פאַר ליכט און פייער,
פאַר ליכט און לעבן,
פאַר אַלץ, וואָס איז געווען און איז פאַרגאַנגען.

דאַמאָלס וועל איך אויפזוכן
און אויפהויבן צו דער זון
דאָס קליינע קעסטעלע פון שוואַרצן וואונדער,
און באַפרייען אויף אייביק
מיין אייביק לייכטנדיקע פרייד.

# נאַרציסן אין ווינטער

אין מיטן ווייסן ווינטער
זענען דריי נאַרציסן,
תפילה טוענדיק אין מיין וואַזאָן,
פון די קברים אויפגעשטאַנען,
און מיך געקומען דופטיק שרעקן
מיט׳ן אָטעם פון מיינע יונגע יאָרן.

עפּעם האָט זיך דאַמאָלס
אין מיין פּיינליך לעבן
אַנגעשפּאַנט און איבערגעבראָכן.
און מיינע הייליקע דרייסיק יאָר
זענען פּלוצלונג מיר געוואָרן
ווייט און פרעמד און לאַנג־פאַרגאַנגען,
ווי אַ ליבע שיף, וואָס גייט מיר אָפּ פון ברעג
און איך שטיי און קוק איר נאָך
ביז דער האָריזאָנט פאַרהענגט זי.
און דער היינטיקער טריבער טאָג
איז מיר ווי דער גאָט־באַשערטער קאָרק
צו אַ פלאַש מיט בשורות,
וואָס מען לאָזט אויפן ים
אין אַ צייט פון שיפבראָך.

פאַר די דריי נאַרציסן האָב איך
אויסגעוויינט דעם לעצטן טוי פון מיינע אויגן,
זיי געוואָרפן צו די פיס
דאָס מידע האַרץ פונם מיטליעריקן
און מיט גסיסה זיי געבעטן:
ברענגט מיר נישט צוריק
דאָס שענסטע פון מיין לעבן.

נאָר די דריי נאַרציסן,
אַזוי ווי דריי מלאכים

אין אַ קינדס אַ חלום,
האָבן פרום געזונגען:
ווייַן נישט, ווייַן נישט מידער מענטש,
אונדזער אָטעם איז פאַרגענגליך
און מיר זינגען דיר צום לעצטן מאָל.

דרייַ נזירים שטייען שטיל אין מייַן וואָזאָן.
און ווי עס בליט דער דופּטנדיקער טויט
פֿאַר מייַנע אויגן
גים איך אָן די גרינע שטאַנגען
ביז די ווייַסע קעפּ,
מיטן קאָסטבאַרן וואונדערבלוט פֿון מייַן האַרץ,
און וואַרף דאָס האַרץ אַליין אַוועק,
ווי אַ ליידיקן קירבים אין דער מדבר אויפֿן זאַמד.

אַזוי וועל איך געבוירן
אַ מיטליערדיקער מענטש,
פֿאַרנעמענדיק מיט צער,
אַז די ליכטיקע נאַרציסן
וועלן פֿאַר מיר מער נישט זינגען,
און אויב זיי וועלן זינגען,
וועל איך זייער געזאַנג נישט פֿאַרשטיין.

## דער ליכטיקער טויט

וועמענס פֿאַרלוירענע לעבן
פֿליט אַזוי פֿלינק,
ווי אַ רויט-ווייסער טויט-פֿאַל
אַראָפּ פֿונם שנייבאַרג?

מיינס, מיינע גאָלדענע קינדער.

גאָלדענער פֿאָטער,
דער ליכטיקער בויגן,
וואָס ווערט אויפֿן הימל געמאַכט
פֿון דיין לעבן אין פֿאַלן,
טרייסט אונדז מער און פֿאַרשפּילט אונדז מער,
ווי ווען די זון זאָל פֿאַלן.

## אויף דער לייטער

דאָ אין דעם טרערנטאָל
פֿאַרברענגען מיר אונדזערע טעג
פֿאַרגייענדיק איינער דעם אַנדערענס וועג.
און מיר פֿאַרלירן די נעכט
וויינענדיק צו דער לבֿנה.

דאָ אין דעם טרערנטאָל
שפּינען מיר זיידענע לייטערס צו גאָט.
דערגרייכן מיר אים
איז נאָך אונדזער וועלט נישט פֿאַרלוירן, —
דערגרייכן מיר נישט,
איז סיי ווי אַלץ הבֿל הבֿלים.

# טראַדיציע

טויזנט פֿרילינגס, ווי לאַכנדיקע מיידלאַך,
וואָס זענען איבערנאַכט געוואָרן אַלטע ווייבער,
האָבן זיך פֿאַרזעצט אין אַ פֿינסטער ווינקל
הינטער דער פֿעסטער לעצטער מויער
פֿון אַן אַלטער חורבה און קניפּן קניפּלאַך,
און קניפּן אויס אַ ריזן־נעץ
פֿון גינגאָלד און פֿון רויך, פֿון זיידנצייג און נויט.

און מיר, אַזוי ווי אויסטערלישע פֿיש,
וואָס ווילדע פֿייגל האָבן
פֿון די טייכן אַרויסגעשראָקן,
פֿליען אום, ווי ווײַנענדיקע פֿלעדערמויז
און ציטערן אין ריזן־נעץ
און ווייַנען שמייכלענדיק:
גליקליך, און דאַכט זיך נישט,
זיכער, נאָר נישט אינגאַנצן,
ווי נסים אין באַגריף פֿון פּראָסטן פֿאָלק.

## ווען דער שטורעם ברענגט די זון

ערשט איצטער איז עס אויפגעגאַנגען
אין מיין ברענענדיקן הימל:
הינטער זיבן פּרענטעס גליט מיין זון,
און דורך יעדער טיפּעניש געפינט מיך די לבנה.
נאָך אַ בייזע שעה און נאָך אַ גסיסה־רגע
און איך וועל אַריבערפאַלן אויף דער וואַנט אין צוויי,
ווי אַ מאַריאָנעטל אויף אַ שפּאַניש ווענטל.

לאָזט מיך נאָר אַליין מיט אַלעם דעם,
וואָס גליט אין מיר דורך לאַנגע יאָרנדיקע שעה'ען,
אַלץ אין מיר, וואָס שטרוי און פּלעווע
וועט דער גוטער ווינט צעיאָגן.

## פון הימל הענגענדיק

האָט איר אפשר געזען דעם מלאך,
וואָס זאָל מיר אויף זיידענע שנירלאַך
אַראָפּהענגען אַ וויגעלע פון הימל,
אַז איך זאָל מיך ווידער וויגן
צווישן די שטערן.

מלאך מיינער,
גיב גאָט די שנירעלאַך צו האַלטן
און זעץ דיך אויפן ברעטעלע מיט מיר.
אין די הענט צוויי גלעזער,
שוימענדיק מיט טיפן רויטן לייכטזין,
וועלן מיר זיך וויגן
הענגענדיק אויף דער לבנה
און שיקן טרייסטנדיקע גרוסן
פון די פרייע וועלטן
צו אַלעם, וואָס איז נידריקער פון הימל.

## דער זילבערשמיד האָט פיבער

אינם בלייכן זילבערשמידס געהירן
ברענען שטעט און דערפער,
וואָס אַ האַנט פון בלאָען שניי
האָט מיט אַ קאַלטן צויבער־צייכן
אויפגעבויט און אָנגעצונדן.

אין די פלאַמענדיקע שטעט
קלערן קלאָר און קלוג סנהדרין,
אין די פלאַקערדיקע דערפער
פאַסטן פרומע איינזאַמע נזירים.
נידעריקער, צו דער ערד צו
שטרעקט זיך אַלץ דאָס פייער,
באַלד כאַפּט זיך אָן זיין הארץ,
וואָס וועט זיך פריי צופלאַקערן,
ווי אַ פאַרנאַכטיקער הימל,
פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן זומערטאָג
אין מיטן ווינטער,
צושינדן אין פאַרביקע פאַסן פון וואונדער.

באַלד קומט דער לעצטער צויבער־צייכן
פון דער בלאָער שנייהאַנט,
און בייזע ווינטן וועלן
ווייט און ברייט צובלאָזן זיין געביין,
ווי די פונקען
פון אַ ברענענדיקער קינדערשפּיל אין גאַס.

# דערפאַרונג

און אַז דו האָסט צו אַלע מיינע געבעטן
געענטפערט ניין,
האָב איך אָנגעשפּאַרט מיין גליטשברעט
אָן דער שוועל פון זיבעטן הימל,
און אויף די שטאָלענע שליטלאַך פון ערפאַרונג,
אַראָפּגעפלויגן איינס צוויי דריי
פון זיבעטן הימל
אין טיפסטן אָפּגרונט אַריין.

שטייף ווי אַ מאַנעקען בין איך
געבליבן זיצן. הענט און פיס
צושפּרייט אין שטוינען,
ווי אַ קינד איבער דעם וואונדער פון אַ טיר,
און דאָס פּנים,
ווי ביים לעצטן לץ אין צירק,
אויף דער ערד.

# די רויטע דאָמינאָ

פרישע מילך און גוטער שלאָף
האָבן מיט נאַרהאַפּטע בייטשן
פאַרטריבן די פלאַפּלדיקע קנייטשן
פון מיין איינזאַם פּנים.
נאָר צוויי פאַדימדיקע פאַלדן
לויפן אַרום מויל
און זענען די רעלסן פון דער נשמה.
אָפּטמאָל זענען פריי די רעלסן
און זיי זעען דאַמאָלם אוים
ווי הייליק גאָלד.

און איבער אַלע דרייצנהונדערט
סודות פון מיין לעבן
הענגט מיין שמייכל,
ווי אַ רויטע דאָמינאָ
אויף די שנירלאַך צוויי פון גאָלד.

## דער אַפּאָסטל אין דער נאַכט

אַזאַ ליכטיק וואונדער איז געשען מיט מיר
די גאַנצע נאַכט.
אין דער פינסטער פון מיין איינזאַמקייט
האָבן בלויז געשיינט די טרערן,
אויפן שאָדן וואָס איך האָב געליטן,
ווייל די תבואה-פעלדער פון מיין גלויבן
שטייען דאַר און קוואַר.

און פּלוצלונג אַזאַ ליכטיק וואונדער.
איך בין יוחנן דער הייליקער,
אַן אויסגעמאָלענער אויף אַ לאַנגען פענסטער
פון אַ קליינער קירך
אין אַ ווייט פאַרוואָרפן דאָרף.
די זון פאַלט ווייכער
אויף די קעפּ פון קניענדיקע מענטשן,
ווען זי שלאָגט זיך אָן אָן מיין וויטראַזש.
אין וואָס עס איז מיר שווער אַלס איוב
אין דער וואַיענדיקער נאַכט,
דאָס איז מיר גרינג,
אַלס פאַרבנרייכער סאַנקטוס אויפן גלאָז,
און ווען עס קומט אַמאָל אַריין
אַ בלייכער ייד ווי איך
און שפּאַרט דעם מידן קאָפּ אָן
אָן די גראַטן פון אַ טונקעלער קאַפּעל,
פאַרוואַנדל איך מיין פּנים
אין אָן איינפאַכער גריזאַיל
און שמייכל צערטלאַך איבער אים
און איבער אַלע יונגע זוכנדיקע יידן,
און איך בין אים אַלצדינג מוחל
פון מיין גלעזערן האַרץ.

## מיין קליין געצעלט אין גרויסן פרילינג

מיטן מאָרגנשטערן איז דער פרילינג אויפגעשטאַנען
און מיט זיין גאָלדענעם קנאַפל
אָנגעקלאַפּט אָן דער האַרטער ערד.

איז דאָס גראָז אַרויסגעקומען,
מיט אַ ליכטיק גרינעם שמייכל זיך פאַרנייגט
און געפרעגט: וואָס איז?
דאַמאָלס האָב איך פּלוצלונג אין דער זון
דערזען מיין קליין געצעלט פון קליינליכקייט,
די שויבן אין די קלוגע פענסטער אויסגעהאַקט,
און אַ לעכערדיקער דאַך מיין איינציקע באַשיצונג.

האָב איך אָנגעהויבן וויינען
מיטן ערשטן פרילינגס-רעגן
אויף מיין לעבן — שטורם און נעפּל.
ביז דער שלייער פונם לעצטן ווינטער
האָט מיר אָפּגעווישט די טרערן,
און צום לעצטן מאָל פאַרצויגן
טייך און טייכל מיט אַ הויט פון גלאָז.

## פֿאַרוואָס עס קומט דער באָבען פֿרייד

פֿונם טויטן קאַלכאויוון האָט פּלוצים
אַרויסגעזעצט אַ לעבעדיקער פֿלאַם.
און מיט דער פּיין פֿון פֿייער
אין דער נאָז און אין די אויגן
איז מיר אויפֿגעגאַנגען די פֿאַרדינטע פֿרייד,
וואָס מיר האָבן דער באָבען צוגעטיילט.

פֿינף־און־זיבעציק יאָר איז זי געווען
אַ דינסט ביי גאָט.
געקאָכט פֿאַר אים, געבאַקן און געוואַשן,
דריי דורות קינדער פֿאַר אים אויפֿגעצויגן.
אין אירע אויגן מינגלט נאָך
די שיין פֿון שניי און גראָז.
און וואָס זי האָט געזען,
האָט זי געזען פֿאַר אים.

עס אָטעמט נאָך אין אירע אויערן
דער קלאַנג פֿון רעגן אויף זומערדיקע ביימער,
די פֿרומע רייד פֿונם יונגענמאַן
וואָס איז געווען איר חתן און דערנאָך איר מאַן.
און אַלדאָס גוטס און אַלדאָס בייז,
האָט זי געהערט פֿאַר אים בלויז,
פֿאַר זיין ליבן נאָמען.

די באָבע האָט געלעבט,
און זי פֿאַרדינט דערפֿאַר די פֿרייד פֿון אונדזער ליד.

הינטערן שלאָס פֿון אַ ווייט פֿאַרגאַנגען שווייגן,
ליגט די אָנונג,
אַז אַ וואונדערוועלט פֿון זיבן הימלען
ליגט פֿאַראויס פֿאַר איר.

נאָר מיר, וואָס אונדזער דערשראָקענע פרייד
וויינט יעדן פרימאָרגן
אויפן זוניקן געלעגער,
מיר געדענקען נאָך פון דער יוגנט
די פיין פון צו לאַנג לעבן.
און די נשמה וויינט, ווי דער ניגון
און דער האַנט פון אַ קראַנקן ווירטואָז,
פון צאַרטקייט און רחמנות צו דער באָבען.

דערפאַר טראָגן מיר איר צו
דעם בעכער ווייַן און דאָס ליד פון פרייד.
אַז ווען זי וועט נאָכן לעבן קומען אַהינצופאָרן,
אינם זילבערנעם רייטוואָגן פון טיפער עלטער,
זאָל זי אין דער נאָנט פון אים אַליין דערמאָנען זיך,
אַז מיר, דער יונגער וואַלד,
האָבן איר געגעבן שאָטן, דופט און צערטליכקייט,
איידער דער ווינט האָט זי אומגעבלאָזן
און אַרייַנגעלייגט אין ארון.

# אַ שפּאַציר מיטן אָונט שטערן

נעכטן זילבערצייט האָט דער אָונטשטערן,
צוזאַמען מיט די אָונט-פֿייגל און מיט מיר,
געווײנט אויף אונדזער אָונטלאָך פֿאַרגיין.

איך בין צוגעפֿאַלן צו דעם ווייסן דעמב ביים וועג
און האָרץ צו האָרץ געזאָגט מיט טיפֿן גלויבן:
נישט אמת, אַז די זון וועט מאָרגן אויפֿגיין.
נישט אמת. — פֿינקלט מיר דער אָונטשטערן צו.
און די ביטערגרינע בלעטער פֿונם דעמב
שורשען מיט דער שטילקייט פֿון די וואָלקנס:
אמת, אַז עס איז נישט אמת.

פֿרעגט דער אָונטשטערן: וועמען האָסטו ליב?
און איך ענטפֿער: בלויז דעם אמת פֿונם צער,
וואָס פֿינקלט אין דיין פּנים.

זאָגט דער אָונטשטערן ווייטער:
לייג אָוועק דיין קישן אויף דער האַרטער נאַכט
און שלאָף ביז גאָלדצייט, מידער מענטש.
איך האָב מיט פּיין דערציילט מיין לעבן
פּאָר אַ טויטער קלאַפּערשלאַנג ביים דעמב
און בין געטרייסט געוואָרן.
דער אָונטשטערן האָט פֿאַרשטעלט זיין פּנים,
דער ווייסער דעמב איז שטיל
און איך בין ווייטער איינזאַם.

# די נשמה פון מיין פנים

אויף אַ דעמב אין פעלד
האָב איך די נשמה פון מיין פנים אויפגעהאָנגען,
אַז דער ליבער ווינט, וואָס קען מיך,
זאָל אויף דער ליכטיקער לייטער פון זון
זי ברענגען פאַר גאָט.

אַלץ אין מיינע אויגן וואָס איז אמת
וועט מיין האַר דערקענען,
און דאָס זאַלץ פון מיינע אַפּלען
וועט ווי טוי צוגיין.
נאָר ביז דער ווייטער ווינט
וועט זיך פאַרנעמען אויפן וועג צו אים
שווייג איך שטילע תפילות ביי דער טיר פון גאָרטן,
וואָס וועט איבערמאָרגן אויפגיין,
און מיט דער תמימות פון אַ קינד אין נויט,
וואָס בעט צום ערשטן מאָל אַרויף,
גלויב איך, אַז אין אַלע היילן, וואו די פּיין מאַכט פינסטער,
וועט מיין שטרענגער האַר אַ שמייכל טון
און אומעטום וועט ליכטיק ווערן.

# הימן אין אַקראָסטיך

געלויבט זיי האַר פאַר אַל דיין גנאָד.
עס פאַרפייניקט מיך מיין שווער לעבן:
לאָז מיך תפילה טאָן מיט טינט אויף פאַרמעט.
ווי איז מיינע טעג און ווינד די נעכט,
יאָגנדיק דעם ווינט פאַרליר איך דיך.
ביז מיין לעצטער בליק וועט צאַנקען —
טאַטע, האַר, דערלייזער, — זיי געלויבט.

זיבן גראָע טעג וויינט אוים מיין וואָך,
יעדע נאַכט וויינט אוים אַ ניי געבעט.
יאָר איין, יאָר אוים, ווי טאָג נאָך טאָג באַגער איך דיך.
הערנדיק מיין אייגן האַרץ דערהער איך דיך.
איך וועל דיך געפינען און דערגרייכן, כאָטש
רופן וועל איך אייביק שטיל דיין נאָמען.

## געבעט פֿאַר דער שיף

האָר מיין האַר, זיי זענען קינדער נאָך,
זיי פֿילן נישט דעם גרויסן בראָך:
די שיף דאַרף אונטערגיין.

גאָט מיין גאָט, האַלט איין דעם ווילדן ווינט,
באַווייז זיי, אַז זיי זענען בלינד:
די שיף דאַרף אונטערגיין.

האָר מיין האַר, מעק אויס דיין גרויסן גזר,
דורך אַ נס באַווייז זיי די געפֿאַר:
די שיף דאַרף אונטערגיין.

גאָט מיין גאָט, דאָך דיינע נישט פֿאַרגעס,
נאָך איינמאָל רוף זיי אויס דעם נס:
זי וועט נישט אונטערגיין.

# די גליענדיקע לעמפּלעך האָבן געוויינט

קיינער האָט נישט געוואוסט
פאַרוואָס די גליענדיקע לעמפּלעך
אין אָוונט אויף דער רווישנדיקער גאַס
האָבן אָנגעהויבן וויינען.
ס'האָט קיינער נישט פאַרנומען דאָס געוויין,
חוץ מיר און דיר און אונדזער האַר.

פון די ליכטיקע פענסטער האָט זיך געצויגן
דאָס ווייסע געזאַנג פון די פאַרבן,
אַ גאָט-פאַרלאָזטער מענטש האָט געבעטלט,
אַן אָרעם קינד האָט פאַרקויפט
די לעצטע נייעס פון דער בערזע,
קאַפּעלושן אויף מענער און אויף פרויען-קעפּ,
האָבן גייענדיק אַראָפּגעפּלאַפּלט
אַלע סודות פון אַן אויסגעטראַכטער פרייד,
זיידענע זאָקן אין לאַקירטע שיך
האָבן שאַרנדיק דעם טראָטואַר,
געשטעלט אייביקע פראַגן דעם הימל.

און קיינער האָט נישט געוואוסט,
פאַרוואָס די גליענדיקע לעמפּלעך
האָבן אָנגעהויבן וויינען,
חוץ מיר און דיר און אונדזער גאָט.

## דריי מיידלעך אַרויסגעראַטעוועט
## און אַ חלום דערטרונקען

דריי מיידלאַך, אַזוי ווי דריי גאָלדענע פֿישלאַך,
זענען געשוואומען ביים ברעג פֿון אַ גאָלדענעם מאָרגן.
איך בין געזעסן אַליין אויף אַ שאָטן פֿון שיפֿברוך
און זשעדנע געציילט מיינע מושלען,
וואָס כ'האָב אין פֿאַרוואָלקנטע גאָטלאָזע טעג
געזאַמלט ביים ברעג ים מיט אַ געבויגענעם רוקן.

האַסטיק און עלאַסטיש נאָך די מיידלאַך נאָכגעשוואומען
איז מיין יונגער מיט געלעכטער־פֿלאַטערדיקער חלום.
מיין חלום — אין די קינדעריאָר מיין שפּייזער,
אין די יינגליאָר מיין פֿאַזש —
איז אַצינד מיין אָטעם און מיין טרייסט.

ווי אַ כוואַליע אויסגעפּוצט אין פֿראַנזן,
צאַרטע וואָלאַנסיען און סטענגעס,
יאָגט זיי נאָך מיין ווינט־געקושטער חלום
ביז דער טיפֿעניש פֿון יעדן לייכטזין.
נאָר ביים מינדסטן אָנריר און דערגרייכונג
שרעקן זיך די גראַציעס פֿאַר דער ליכטיקייט,
וואָס יאָגט זיי נאָך אין שפּאַן פֿון ליבשאַפֿט,
און רופֿן הילף און פֿרייען זיך אין פּיין,
וואָס קיינער חוץ דעם יעגער איז נישטאָ,
וואָס זאָל זיי ראַטעווען.

און מיט מי און מיט דער לאַסט פֿון ליבע
וואָס געדויערט אייביק, האָט ער זיי דערגרייכט
און מיט ריטערליכער גראַציע,
זיי דערפֿירט צו זוניק זאַמד און זיכערקייט.
און אַליין מיין חלום האָט אַ ווייל זיך אויפֿגעהויבן
און אַ רגע שפּעטער שווער און זענקרעכט,

ווי אַ טויטע מעווע פֿון דער לופֿט,
אַראָפּ, אַריין און נישט געוואָרן.
בלויז דאָס פֿינסטערע שמאַראַגדן-גרין
פֿון טיפֿן וואַסער, האָט מיט ברייטע טענער
אָפּגעקילט און אויסגעלאָשן
אַלץ ביי מיר אין האַרץ, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן,
מיט דער פֿרייד פֿון פֿאַרב און קלאַנג,
ווי אַ קאַרנעוואַל אין רוים.

## לויבליד אין פאַרגלייכונגען

אַ געזונטער דעמב
שטייט פעסטער פון אַ דאָרישן קאָלום,
אַ גראַדער גייסט
איז שענער פון אַ יאָנישער זייל.

דו ביזט העכער
פון מיין באַגער נאָך דיר,

און נענטער ווי דאָס גרין פון גראָז צום אויג,
איז מיין זעל צו דיין שוועל.

פרעמדער פונם פרעמדן ליכט
פון קינדער־טרערן,
איז מיין בלאָנקן
אין דיין טונקל קעניגרייך.

אַ וואָלקן און אַ מילב איז צו פאַרגלייכן,
צו פאַרגלייכן איז אַ שאָטן און אַ ליד,
נאָר דו אַליין . . .

# דאָס קאַנאַריקל האָט בנאמנות שיין געזונגען

(פינסטערע צייטן זענען אויפגעשטאַנען
פאַר דער ליכטיקער פאָעזיע).
קיינער גלויבט נישט אָן אַ בנאמנות,
אַז דאָס קאַנאַריקל האָט שיין געזונגען.
(קאַליברען, מעוועס און פלאַמינגאָס
מיגרירן דורך מיין ווייט געמיט).

ביים פרישטיק איז געשען די קאַטאַסטראָף.
דער עס־זאַל איז גראַנדיעז,
גענוג פאַר זעקס צי זיבן הונדערט געסט.
ראָקאָקאָ און ליכט־פאַרגאָסן,
פון די הויכע פענסטער הענגט אַראָפּ די זון
און פון די עסעס און די זשיראַנדאָלן מיניענדיק
עלעקטריש ליכט.

אַלץ אַרום, חוץ מיר, איז בירגערליך רעאַל,
אין דער האַנט אַ לעפל קאַשע,
אין מיין מויל דער טעם פון קינדהייט,
אין די אויגן: מאָרגן־טעלעגראַף.
און פלוצלונג שפּאַלט זיך דער הימל
פאַר מיינע ווייטע אויגן,
און אין אַ דיסטינגירטער ריי
גייט דורך די אַלטע דיכטונג.
מיין נשמה האָט זיך פריי צעבונטעוועט,
זי פליט אַרום דעם קליינעם אַבאַזשור
און רופט אַלאַרם:
די קלאַסיקער, די קלאַסיקער.
דער קעלנער הויבט אויף מיין סערוועטל פון דער ערד,
פאַרנויגט זיך טיף און ווייזט מיר אָן
דאָס שטייגל איבער מיר מיט דעם קאַנאַריקל,
וואָס האָט זיך בנאמנות שיין צעזונגען.
אַ וויכטיקער עמיץ קומט אַריין
און גייט פאַרביי מיין טיש.

(קנעפּלאַך פון אַ וועסט צעזינגען זיך דאָס ליד
פון די זיבעציקער יאָרן
פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט,
אַ פיגור געבויגן פאַר אַ דאַמע,
מיט אַ שטעקן ווי אַ שפּאַגע
אין אַ מאַנטל ווי אַ פּאַנצער
מאָנט ביי מיר אין שטומען ביישפּיל
די ריטערליכקייט פון מיטלאַלטער).

## אינם רינג

דריי די מטבעה און טרעף:
קאָפּ צי שלאַק.
די מטבעה איז קײלעכדיק
און קײלעכדיק דער טיש,
ווי די וועלט און ווי דאָס לעבן.
און וויפל בלאַסע שפּילער
מיר זאָלן דאָ ביים טיש נישט זיצן,
אייביק זענען מיר אַ קײלעכדיקע צאָל.
דריי די מטבעה און טרעף:
קאָפּ צי שלאַק.

## אַ קווינטל גאָלד און צענטנער בליי

פון אַ גראָען קוימען
אויף אַ שוואַרצן הויז אין פעלד,
שטעקט אַרויס אַ שטומער שטאַנדאַר
מיט דער פאָן פון איינזאַמקייט.

פינסטערער באַוואוינער פונם ווייטן הויז.
מיין אַליינזיין זוכט באַשיצונג
אינם שאָטן פונם פלאַטער פון דיין פאָן.
ביידע איינזאַם וועלן מיר צוזאַמען
נאָך איינזאַמער זיין,
ווי אַ קווינטל גאָלד מיט אַ צענטנער בליי.
דער שרעקט מיט באַהאַלטענעם פייער,
און דער מיט טעמפּער שווערקייט.

# דער ווייסער נעפּל

איז אָנגעקומען דער ווייסער נעפּל
און מיט זיין ווייסקייט אונדז פאַרשטעלט
די פאַרביקע וועלט.
און ס׳האָט דער נעפּל
נישט דערלאָזט אונדזערע טרערן
צו ווערן
דאָס פאַרבן-געזאַנג פון אונדזער טרויער.
אַלץ איז ווייס ביים צפון-טויער.

מיר האָבן אומזיסט מיט דער לעצטער דרייסטקייט
געגלאָצט אין דער ווייסקייט.
די פאַרהאַנגענע וועלט איז די שענערע וועלט
און ס׳געוויין פון באַגער איז דאָס טיפסטע געוויין.

און דער ווייסער נעפּל זילבער-ריין
האָט בלענדענדיק געשריגן:
די פאַרביקע וועלט איז אַ ליגן.

# דער שאָטן פֿונם חלום װעגן מאָרגן

אַ שטאַרער שאָטן פֿון אַ חלום,
שװוער װי דער מאַמעס ברוסט
ביי אַ זויגקינד אין דער האַנט,
איז געקומען פֿון אַ װייטן קראַטער־אינזל,
װאָס װאַשט זיך יאָרנװייז אַרוים פֿון ים,
און געבראַכט אַ רייסטער און אַן אָפּבילד
פֿון מיין נעפּלדיקן מאָרגן.

דער טאָג װאָס לייכט אַצינד
איז בלויז דער שװאַכער ברענענדיקער קין,
װאָס לייכט אַריין אין שװאַרצן לאַבירינט
פֿון טעג װאָס דאַרפֿן קומען.
און דאָס געװיין פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט
איז דאָרט דאָס ליד,
װאָס װאַשט אַרוים די ברעגן פֿונם תהום.
דער רייסטער זאָגט, כ'װעל מאָרגן
װידער האָבן אַן אױדיענץ ביים װיצע־קעניג,
און לויט אַ רייע אַלטע פֿאַרמעטענע דאָקומענטן,
אין אַ שופֿלאָד פֿון מיין קעניגליכער זעל,
װעל איך מאָרגן װידער עסן רייז מיט מילך.
און אויב איך װעל נאָך זעקס אַ זייגער
טריי זיין צו דער שעה פֿון פֿריער,
װעל איך װידער קריגן אַ קאָנצעסיע,
קלאָר געשריבן אויף אַ בלעטל קאָרע,
אַז איך מעג, װי אַלע מיינע יאָרן,
האַנדלען מיט דער װעלט אַרום מיר —
קויפֿן פֿאַר אַ גילדן און פֿאַרקויפֿן פֿאַר אַ צענטנער
גואַנאָ.

איך זיץ באַרואיקט און געלאַסן
אין מיין איצטערדיקער שעה,
װי אין אַ גאָנדאָלאַ אונטער מאַנדאָלין־מוזיק,

און פּאָר מיט פרייד און גלויבן
צו די ברעגן פון מיין מאָרגן.
נאָר דער שאָטן — פונם חלום
מיטן רייסטער און דעם אָפּבילד פון מיין מאָרגן,
און די קנייטשן אויף מיין פּנים
פונם לעצטן הערבסט,
זענען סצילאַ און כאַריבדיס
און איך בעט צו דיר מיין גאָט: גענאָד.

שטאָרער שאָטן — פון מיין חלום,
גיי צוריק צום וויטן קראַטער־אינזל
און זאָג דער מאָרגנדיקער זון,
אַז איך וועל אָנקומען.

כ׳וועל פאַרנאַרן אַלע מיינע נעכטנס
אויף אַ לעכערדיקער שלעפּשיף אויפן ים
און וועל זי זינקען.
אין מיין האַרץ איז אויפגעגאַנגען דאָס געלעכטער
איבער מיר און מיינע שוואַרצע קליידער.
אייל דיך שווינדענדיקער שאָטן,
זאָג דער זון, וואָס וועט ערשט מאָרגן שיינען:
איך וועל אָנקומען.

# אויף הלל גמזו'ס פעלד

דער האַגל־שטורעם נעכטן שפּעט נאָכמיטאָג
האָט דעם גאַנצן טאַבאַק אומגעלייגט.
(ווייסט איין גאָט נאָר וואָס ס'באַטרעפט דער שאָדן!)
איך, דזשעק בלאָשטיין און יהונתן בר־אברא —
אַלע דריי פאַרמאַטערט שוין
פון אויפשטעלן צוריק דעם טאַבאַק.
און בר־אברא, דער נישטגוטער זאָל אים נעמען,
גייט נאָך אום אַ גאַנצן הייסן טאָג
און זינגט אַראַבישע נגונים, וואָס פאַר'שכור'ן די הענט
און האַלטן אָפּ זיי פון געשווינדער אַרבעט.

צוויי־און־צוואַנציק אַקער פּרעכטיקער „שאָטן־געוואַקסענער",
אָבער וואָס קאָנען מיר דריי נישט געוואוינטע אויפטאָן?
און ווען די זון איז שוין באַלד הינטער קיבבי'ס באַרג,
פאַרדריסט אונדז, וואָס דער אַלטער גמזו
האָט אויף זיך צופיל גענומען.

(לומים דער נעגער איז היינט אויך נישט געקומען. —)
ווי ער היט עם זיינע אַנדערטהאַלבן אַקער אוגערקעס
און ס'שטיקל גערטנדל פון קראַפּיווע!)
— העי, בר־אברא, ווער גייט עס דאָרט ביים נייעם שייער?
— גמזו. שוין צוריק פון פּאָסט־אָפּיס.
מיט אַ בריוו אין האַנט דערנענטערט זיך דער אַלטער:
— אַ פריילעכע בשורה, קינדער.
מאָרגן קומען צוויי בחורים פון ניו יאָרק,
וואָס האָבן שוין ביי מיר געאַרבעט פאַראַיאָרן,
און וועלן בלייבן מן הסתם ביז איבער סוכות.

רירעוודיקער שטעקן מיר אַריין די שטעקלאָך
אין דער פייכטער און צעווייכטער ערד.

# די יידן און די נאָנעס

דער טאָג איז געווען גאָלדיק ליכטיק,
די גאַס וואו איך וואוין אַזוי שטיל;
מיין זון זעט מיר אויס גרוים און וויכטיק,
ווען ער רעדט מיט זיין שפּראַך פון איך וויל.

איך רעד מיט מיין שפּראַך פון מען טאָר נישט,
און האַלט מיך ביי מיינס „גיי אין פּאַרק".
כאָטש כ׳וויים שוין, אַז העלפן וועט גאָרנישט,
דאָך פיל איך מיך איינזאַם און שטאַרק.

נאָר אָט גייען לאַנגזאַם צוויי יידן
און נאָנעס צוויי גלייך הינטער זיי, —
כ׳בין נאָרוואָס געוועזן צופרידן
און שוין טוט די זעל אין מיר וויי.

איך טראַכט פון די אַלטע גבורים
און ס׳איז מיר דער טאָג שוין נישט העל;
די יידן צוויי טראָגן מחזורים,
די נאָנעס צוויי צלמים מיט קרעל.

און פּלוצלונג באַפאַלט מיך מיין גרויקייט,
איך זוך צו באַשיצן מיין זון,
און טראַכט שוין מיט פּיין און מיט רויקייט:
ווי ראַטעווע איך אים דערפון.

און כ׳בין שוין נישט מער אַזוי גלויביק
און פרעג שוין מיט צווייפל „אין פּאַרק?"
אַן איינזאַמער בלייב איך אויף אייביק,
נאָר כ׳בין שוין נישט מער אַזוי שטאַרק.

# טריט אין שניי

ביז די קני אין שניי גייען יעגערס צוויי.
ביקסן צוויי, ווי צוויי שפּאַציר־שטעק,
פֿאַרפֿרוירענע וואָנסן, ווי גראָז מיט גלאָז,
און פּיפּקעס מיט פֿייער און רויך.

ביי איינעם אויפֿן אַקסל אַ געשאָסענער טכויר,
און הינטער זיינע טריט מאַכט דאָס טריפֿנדיקע בלוט
קליינע רויטע בלימעלאַך אין שניי.
ביים צווייטן אויפֿן אָרעם
זיצט אַ ווערוויקל, וואָס לעבט נאָך,
מיט אויגן, ווי מיין טאָכטער,
ווען זי איז שלעפֿעריק און זאַט.
יעדער טראָט פֿון דיביידע יעגערס
אין דער קלאָרער ווייכער פֿלאַך,
מאַכט אַ וואונד אינם ווינטערס ווייסן האַרץ.

## דער ווינט בלאָזט שניי פון בוים

אויפן ווייטן הויך־פאַרשנייטן באַרג
שטייט אַ יונגער נאַקעטער וואַלד.
(אַ פּרעכטיק ווייס זיידן נאָדל־קישעלע
באַדעקט מיט זילבערנע
הימל־הויכע שפּילקעס).
די זון צושמייכלט זיך קאָמפּלימענטיש
צום מיידלשן וואַלד,
אַ פרעסטלדיק ווינטל לויפט פון בוים צו בוים,
ווי אַ בריווטרעגער מיט גוטע בשורות.
און אַ לאַנגע לאַנגע מינוט
רעגנט דורכן וואַלד מיט שטיקער שניי,
ווי טויטע, נאָר אויף אַ רגע לאַכנדיקע, ווייסע פייגל
וואָלטן אומגעפלויגן אָן אַ וועלט.

## אייז און שניי

עלף פאָליאַקן און וואָליקעס
זעגן אייז אויף דער אָזערע קיאַמעשאַ.
דריי דרום־רוסישע יידן,
וואָס רעדן מיט קמץ שטאָט אַ פּתח,
צעפּירן די קאַלטע דאָמינעס
אויף ברייטע פעסטע שליטנס
אין די אייז־קעלערן אַריין.

דער אומבאַדינגטער האַס
צווישן די זעגערס און די פירערס
ליגט פאַרפרוירן ווי די קיאַמעשאַ,
ווייל זיס איז די זומערדיקע אַרבעט
אין מיטן האַרבן ווינטער.

# אַ טאָסט

איך טרינק פֿאַר דעם, וואָס עס לעבט אין מיר.
און נאָכאַמאָל: פֿאַר דעם, וואָס עס לעבט אין מיר.
איצט נעמט די פֿולע גלעזער צו די ליפּן און זאָגט:
פֿאַר דעם, וואָס לעבט אין מיר.

פֿאַר די נעכט פֿון בליענדיקן צווייפֿל,
פֿאַר די טעג פֿון וועלקנדיקער פֿרייד,
פֿאַר די ערשטע רגע׳ס נאָך יעדן רגע־גליק,
פֿאַר יעדער פּאַטאַ מאָרגאַנאַ אינם לאַנד פֿון זוכן,
פֿאַר יעדן דונער, וואָס האָט געטראָפֿן
אין אַ בוים פֿון מיין גלויבן,
פֿאַר יעדן וועג, וואָס איך האָב אויסגעטראָטן,
פֿאַר אַלץ, וואָס האָט מיך געלאָקט און גענאַרט
פֿאַר די מושלען אויף די ברעגן פֿון מיין מוט,
פֿאַר די רינגען, פּאַסן, דרייעקן און קוואַדראַטן,
וואָס זענען דער פֿייערדיקער וועבשטאָף פֿון מיינע חלומות,
פֿאַר יעדער קרעל אויף דער שנור פֿון מיין זיין —
פֿאַר דעם וואָס לעבט אין מיר!

## ווי שפּעט איז?

ווי שפּעט וועט זיין אויפן זייגער
אין גרעניטש אין ענגלאַנד
ווען איך וועל, רבונו של עולם,
אַ בלייכער אין פּיין און אין זינד
מיך שטעלן פאַר דיר?

דאָס וויפלטע בערגל
פון האַרבסטיקע בלעטער,
וועט דער קערער פון סקווער
האָבן אויסגעקערט,
ווען דו וועסט באַפעלן,
אַז פאַרווישט און פאַרשוואונדען זאָל ווערן
דאָס לעצטע פון מיר.

גאָרטן-היטער, ווי שפּעט איז?

# מיין פּנים

רבונו של עולם, פֿאַרדעק און פֿאַרוואַנדל
מיין עניוו'דיק פּנים, אַ נס לאָז געשען
דער מאַרק זאָל דעם צער פֿון מיין תּפֿילה נישט זען,
וואָס שטייגט אויף דיין לייטער בשעת איך האַנדל.

עס לעבט אין מיר איצט נאָך דער נס פֿון דער מאַנדל,
וואָס איז אויף מיין סידור געפֿאַלן פֿון אויבן
און אַלעמאָל איז מיר אַ טרייסט דיך צו לויבן
און בעטן: באַפֿריי מיך פֿון ערדישן טאַנדל.

מיין פּנים צי אָן מיט אַ מאַסקע פֿון אייזן
ס'זאָל קיינעם קיין שאָטן פֿון גנאָד נישט באַווייזן
און האַרט זאָל עס בלייבן אין וואָכיקע טעג.

נאָר פֿרייטאָג פֿאַרנאַכט זאָל עס ווערן פֿאַרצויגן,
ווי קידוש-וויין איינגעהילט פֿון גוויים'ס אויגן
ביז שבת קומט, ווען ס'ווערט מיר קלאָרער מיין וועג.

# אויף די חורבות

דו מיין ליכטיקייט אין שיין פוןליידן,
האַלט מיין חרוב'דיקן גייסט צוזאַמען.
היט עס זאָלן נישט די שוואַרצע פלאַמען
פון גהינום מיך דערגרייכן, סיידן

קיינעם קען זיין לעצטער בראָך נישט מיידן
און דאָס גסיסה־ליכט אין מיין שוואַרצאַפּל,
האָט נאָך נישט דערגרייכט דעם לעצטן שטאַפּל.
אָפּגעברענט די הייליקסטע געביידן,

זיץ איך אויף די חורבות אַ מקונן,
וואַרט ער זאָל מיך פּאַר מיין צער באַלוינען,
איידער ס'טליעט אוים מיין לעצטער גלויבן.

נאָר ביז ער וועט מיין געבעט דערהערן
און מיין ליכטיקייט וועט לויטער ווערן
איז מיין זעל ווי שריפט אויף פייכטע שויבן.

# האָפֿנונג

האָפֿנונג מײַנע! אָפֿט, אין נעכט פֿון שוואַרצע שעה׳ען,
האָסטו דײַנע בלאָע ליכט מיר אָנגעצונדן,
און דײַן פֿרומע ווײַסע האַנט האָט אָפֿט פֿאַרבונדן
אַלדאָס שוואַרצע מיט דעם מאָרגנדיקן בלאָען.

פֿײַנליך פֿלעג איך וואַרטן ס׳זאָל אויף טאָג שוין גראָען,
און דאָס שוואַרצע פֿײַער זאָל שוין זײַן פֿאַרשוואונדן,
און ווען ס׳האָט מײַן פֿײַן דערגרייכט די טיפֿסטע גרונדן,
האָט דײַן אָטעם אָפּגעיאָגט די סטאַיע קראָען.

פּלוצלונג ביזטו איצט מיר פֿרעמד געוואָרן,
אָפּטמאָל קרײַצט מיך דורך אַ שרעק: מעג איך נאָך האָפֿן?
און פֿאַרצווייפֿלונג וויל אײַנגאַנצן דיך פֿאַרשטעלן.

האָפֿנונג, שטראָף מיך נישט, ווענד אָפּ דײַן מילדן צאָרן,
זאָל מײַן צער נישט מײַנען ביזט פֿון מיר אַנטלאָפֿן.
האָפֿנונג, מײַן נשמה בעט ביי דײַנע שוועלן.

# פאַר די דריי פענסטער

איך שטיי מיט ערפורכט פאַר די ברייטע פענסטער דריי
פון שטוב, וואו איך בין וואונדערליך געבוירן.
די שענסטע יאָרן האָב איך שוין פאַרלוירן,
און ס׳גליק, וואָס דאַרף ערשט זיין איז דאַכט זיך אויך פאַרביי.

עס שטייען פאַר מיר די קינדעריאָרן אין אַ ריי
און מאָנען דאַנק פאַר אַלץ, וואָס איז פאַרגאַנגען.
געמיינט אַן אַנדער פעלד האָט אַנדערע זאַנגען,
און טראַכט אַצינד מיט פיין צי ס׳איז געווען כּדאַי.

אין יעדן פענסטער שטייט אַ וואַזע בלומען,
ס׳האָט קיינער נישט געוואוסט, אַז איך וועל קומען,
און זיכער נישט דער גוי, וואָס וואוינט איצט דרין.

די שטוב מוז איצטער זיין, ווי דריי סאַלאָנען.
גאָט, וויפל קינדער ס׳האָבן היינט באַלאָנען.
איך וויים נישט וואו איך בין, נאָר כ׳וויים איך בין.

# די גאַסן פֿון דער היים

די הײַזער האָבן זיך פֿאַרנויגט, די שטיינער מיך געגריסט,
ווען איך בין אויף די גאַסן פֿון דער היים געגאַנגען,
מײַן האַרץ איז מיר ווי מאַרמעלאַד אין אַ קינדס מויל צוגאַנגען
און איך זע קלאָר אויף אינגלאַכ׳ס פּנים׳ער: מײַן גליק פֿאַרדריסט.

און ווידער טראַכט איך: ס׳לעבן איז אַ מדבר גרויס און וויסט,
פֿאַרלאָזט אַ היים און בויסט אַ נײַע — רײַכער, שענער,
און ווי דײַן הויז ווערט גרעסער ווערט דײַן צאָל אַלץ קלענער,
ביז וואַן דו זעסט, אַז אַל דײַן מי און פּײַן איז גאָר אומזיסט.

און האָב איך אָנגעטראָפֿן ערגיץ אַ באַקאַנטן,
אַ פֿרײַנט מיר פֿרעמד, צי אַ נשמה׳דיק פֿאַרוואַנדטן,
וואָס האָט געאײַלט זיך ס׳לעבן זײַנס אַנטפּלעקן מיר אויף גיך,

דאַן איז מיר ווידער יעדער שטיין געוואָרן טײַער.
און איך האָב אָפּגעטעמט קינדישער און פֿרײַער,
ווען כ׳האָב דערזען אַ צערטליך ייִנגל גאָלדיק־בלײַך ווי איך.

# די אַלט־נייע צייט

ווי בראַנד־טייער ברויט און צוקער איז די צייטן,
די טראַמוויייען אָפּגעבליאַקעוועט און קליין.
מיט די נאָענטסטע אַפּילו בין איך איצט אַליין,
אַ רחמנות אויף אַ וועלט, וואָס מוז זיך בייטן.

וויפל צער די שילדן זינגען פון די קלייטן,
שענסטע שיינקייט פון אַמאָל איז מער נישט שיין,
אין געלעכטער פון די ליבסטע רינט געוויין
און די גרינגסטע ווערטער טראָגן שווערע קייטן.

ס'איז מיר אומקלאָר וואָס איך ברענג דאָ, פרייד צי טרויער,
אַז מיין שטילע הילף זינגט גאַסן־לידער
און אַ זקן פאָלגט אַן ווערטער, וואָס אַ יינגל הייסט.

צווישן מיר און גאָט איז איצט די וועלט אַ מויער,
און דער גרינגסטער גלויבן מאַכט מיך מידער.
באַנען און דער ברום פון שיפן זענען איצט מיין טרייסט.

# אַ חבר אַ חסיד'ל פון אַמאָל

כ'געדענק דיך אַ חסיד'ל שמואל'יקל ברענער,
דערנאָך אַ סטודענטל שוין פּוילישלאַך שמוליק,
אַצינד ביזטו פראָסט אַ משומד, אַ זשוליק,
באַרעדסט די חברים און מיינסט דאָס איז שענער.

קיינמאָל נישט געוועזן קיין צו גרויסער קענער,
פון קלוגשאַפט ביזט אויך נישט געוועזן קיין מוסטער,
אַצינד ביזטו נאַרישער, טעמפּער און פּוסטער,
און אַלע מאָל קליין, ביזטו איצטער נאָך קלענער.

ס'איז גוט, וואָס עס האָט גראָד דעם אָוונט געדעגנט,
ווייל ס'איז מיר אַ שאַנד, וואָס איך האָב דיך באַגעגנט
און מער ווי אַ פּיין, וואָס כ'האָב מיט דיר גערעדט.

גאָט ווייסט, אַז עס איז נישט מיין שטאָלץ אָדער צאָרן,
בלויז פּיין, וואָס עס איז פון אַ חבר געוואָרן,
און פּיין, וואָס עס בלוטיקט דורך דיר מיין סאָנעט.

# דאָס גראָז פון יענער שיינקייט

איך זוך אַרום דאָס גראָז פון יענער שיינקייט,
וואָס כ׳האָב פון ווייט אויף שריט און טריט פאַרפלאַנצט,
נאָר דאָ וואו ס׳האָט מיין יינגל-פרייד געטאַנצט,
שטייט איצטער מיטליעריק מיין אַליינקייט.

אַ וואַנדער-לעבן וויינט איצט אויף מיין ריינקייט,
נאָר אַלץ וואָס אייגן ווערט מיר ווידער פרעמד.
און מיט דעם קלאָגליד: ס׳איז דאָס לעצטע העמד,
פאַרשענק איך לעבנס-אָפּפאַל פון מיין קליינקייט.

דו ווייטע צייט, וואָס קען איך פון דיר וועלן,
מיין שאָטן וועט דיך סוף כל סוף פאַרשטעלן,
פאַרשווינדן וועט מיין קינדהייטס לעצט געביין.

און איצט בלויז קען איך דיר מיין ודוי געבן,
דעם גאַנצן אמת פון אַ האַלבן לעבן:
די וועלט איז אָרעם און מיין האַרץ איז קליין.

# נאָך דרייצן יאָר

אויב שיינקייט, אמת זענען בלויז אַבסטראַקטן,
ווי ס׳האָט דיין שווייגן נאָך די דרייצן יאָר גערעדט,
דאַן וואָס חוץ אונדזער טויטער ליבשאַפט איז קאָנקרעט,
און וואָס קען בליען אויפן זאַמד פון פאַקטן?

געאַקערט האָבן מיר אויף פרעמדע טראַקטן,
איצט שטייען מיר ווי שאָטן קעגן שאָטן שטום,
מיט האַס פון ליבשאַפט קוקן מיר זיך שטאַר ארום
און לעזן שטום באַשולדיקונג לויט אַקטן.

אונדז ווייזט זיך אוים: אָט גליט דער סאַלאַמאַנדער,
נאָר ס׳שוואַרצע שווייגן ביטשט אונדז בייז פאַנאַנדער
און שווער געפינען מיר צוריק די וועגן.

צוריק באַזונדער — וואָס קען אונדז דערמאָנען,
אַז וועלט איז וועלט, חוץ טאָג וואָס איז פאַראַנען
און חוץ די ברכה פון אַ מילדן רעגן.

# אַ ייד פאַר דער קירך

קאַטוילישע קירכן מיט אָפענע טירן
און מאַניענדיק ליכט פון אַלטאַר אין דער טיף,
די שטיגן פול בעטלער מיט פאַפּסטליכע בריוו —
ס׳קען מער מיך מיט שרעק צי מיט רייץ נישט פאַרפירן.

די הייליקע פענסטער מיט פרומע קאָלירן,
דער ריח פון ווייררויך, די קילקייט פון רוים,
כ׳ווייס גאָט איז אין הימל און דאָס אַלץ איז שוים,
און כ׳ווייס אַז אַ סאַנקט איז אַ קירך צו באַצירן.

נאָר ס׳ברעכט זיך און פאַלט אין מיין גלויביק געמיט
און פינסטער באַגרייף איך, אַז איך בין אַ ייד,
אַז איבער מיר וואַכט ווער און הערט מיך און זעט.

ס׳אַנטפּלעקט זיך און לייכט אויף דער סוד אין מיר העל:
אין שטעפּאַנס-דאָם, ווין, אינם קייזערס קאַפּעל,
קניט איצט נאָך אין פיין מיין פאַרוואָגלט געבעט.

# געזאַנג פון מיין צייט

# דריי אין אַ שיפֿל אויפֿן ים

די שטערן האָבן גענידערט נענטער צום ים
און זענען אַנטקעגנגעקומען אונדזער בענקען:
אין אונדז האָט טיף געגליט דער ברידערליכער פֿלאַם,
ווען די כוואַליעס האָבן אונדז גערופֿן זיך טרענקען.

דער אָפּגרונט האָט אונדז אין טיפֿסטע אַנגסטן געלאָקט
און ס'האָבן געוויינט אין אונדז אַלע שענסטע יאָרן:
דאָס ליד פֿונם ים האָט אונדז אַלע דריי געיאָגט,
ווען אין אַנגסט עס האָט אונדז אויסגעטריקנט דער זכרון.

ווי איז דער הימל צוריק אַרויף אין דער הויך
און ווי אַזוי נאָך זענען מיר געבליבן לעבן:
יעדן פֿון אונדז איז צעשווימען זיין ליד ווי רויך,
ווען דער הימל האָט זיך נאָך אַמאָל אונטערגעגעבן.

ס'וועט קיינער קיינמאָל נישט קענען די טיפֿע נאַכט,
וואָס האָט געלויערט הינטער אונזער הימל דעם פֿאַרשטעלטן;
און פֿלוצים האָט דער אָפּגרונט אונדז זיך אויפֿגעמאַכט
און פֿון ס'ניי געעפֿנט אונדז די לעבעדיקע וועלטן.

## ניאַגאַראַ וואַסערפאַל

אויבן זאַמלט זיך דער ווילדער טייך און פאַלט
אין גרינע בענדער פון צוגאָסן גלאָז,
אונטן עפנט זיך דער הימל און צושפּאַלט
יעדע כוואַליע אויף קרישטאָל און גראָז.

ווי שמאַראַגדן-צווייגן פון אַ בוים וואָס שרייט,
איינגעפלאָכטן אין די צעפּ פון שוים,
פאַלט די וואַסער-וועלט פון בלאָען רוים
און ברומט דעם אָנזאָג אויף אַ ווייסער צייט.

## פרייד און שטאָלץ

מיין שטאָלץ טראָגט אַ מעשענע קאַסקע
און רייט אויף אַ זילבערן פערד,
מיין הימל איז היינט אויף דער ערד,
מיין פרייד טראָגט אַ זיידענע מאַסקע.

היינט בין איך פון יענע וואָס וואָגלען,
פאַר׳משכּנ׳ט מיין שטאָלץ און מיין פרייד,
דאָס שאַרפשטאָל אַריין אין דער שייד
און אָפן די זעק און די לאָגלען.

## קינדער און די לבנה

אַ רעדל קינדער האָבן היינט ביימאָג
געבראַכט צו קבורה די לבנה,
און מיט די פּנים׳לאַך צו גאָט, פאַרלאַנגט
די אָפּגענומענע מתּנה.

דאָס שפּילצייג האָט פאַראייניזאַמט מיטגעוויינט:
די לאָפּעטקע, די ליאַלקע און דאָס ליים.
צובראָכן און אַנטווישט אין מיטן טאָג,
זיינען מיר אַוועק צו גאָט אַהיים.

## שווייגן

שעה׳ן דערהויבן פון שווייגן
באַשיינען פאַרשוויגענע רייד:
קעמלען באַלאָדן מיט פייגן
דערמאָנען פאַרגענגליכע פרייד.

שעה׳ן דערנידערט פון שווייגן —
אַ הייליקער קוואַל שליסט זיך צו:
שניי אָנגעלאָדענע צווייגן
דערמאָנען אָן אייביקער רו.

## דאָס אייביקע באַגערן

טאַטע, קויף אַ טעלעסקאָפּ. —
קינד, גלאָז קען דיך נישט דערהויבן.
גלויב בלויז קינד דיין נאַקעט אויג,
בוי נישט אויף קיין גלאָז דיין גלויבן.

טאַטע, כ'וויל די שטערן זען. —
קינד, כ'האָב אויך באַגערט די שטערן.
און די טרייסט פאַר מיין אַנטוישונג
איז מיר איצט דיין ניי באַגערן.

## פריילינג

היינט אין דער פרי איז געקומען צו רייטן
דאָס גאָלדענע גראָז אויף דער ערד,
און איך האָב מיין ליכטיקן גורל פון ווייטן
דערזען און דערהערט.

ס'שוועבן מיר פריידן ווי פייגל אַנטקעגן
מיט אַנזאָג אויף זוניקע טעג.
ס'נידערט אַ מילדער, אַ טויאיקער רעגן
און פרוכפּערט מיין וועג.

## אויפשטאַנד

פויסטן האַמערן אין טויערן,
אינם שלאָס איז אַלץ נאָך שטיל.
קולות עגבערן די מויערן,
ווילן אָנט נישט וואָס ער וויל.

טויזנט יאָר די זון באַהאַלטן,
נייע מאַכט וואַכט אויף און ברומט.
עפּנט, פינסטערע געשטאַלטן,
ליכט פון קאַלטע זונען קומט.

## דער בלינדער בעטלער

אַ פינסטערע האַנט האָט אים
מיט שטאָל פאַרנייט די אויגן:
אַ גראָשן האָב איך אים דערלאַנגט
און ווייטער געצויגן.

מיין אויער דאַרף טויב זיין, שטום מיין מויל
צו קענען זיין צער אייך מאָלן;
ווער עס איז אים שולדיק מער,
דער זאָל באַצאָלן.

## טראַגעדיע

דער זיידע האָט דאָס קינד געהאַלטן,
און מיט בראָך פון טיפסטער פּיין
קוקט ער אינם קינד זיך איין:
ווי דעם קינד און וויסט דעם אַלטן.

ס׳איז ביידן איבעריק דאָס לעבן,
הילף אַנטרונען אָן אַ שפּור, —
ער אַ גנב, זי אַ הור:
טויט וועט אַלעמען פאַרגעבן.

## די מילב

אַ גרויסע מילב האָט אין דער נאַכט
אַרום מיין ליכט געפלאַטערט,
פון לעבן און פון ליכט פאַרמאַטערט
האָט זי זיך פאַר גאָט געבראַכט.

אַ מילב מיט וויינענדיקע הענט
בין איך אין הונדערט נויטן,
איך שטאַרב טעגליך טויזנט טויטן
און ווער זיבן מאָל אַ טאָג פאַרברענט.

## קינדער מיט פויסטן

העכער אויף די ווייסע טרעפּ
שטייגן קינדערס ערשטע טריט.
פּעסט די פויסטלאַך, הויך די קעפּ,
רייסן זיי די גרויסע מיט.

נענטער צום פאַרפירנעם טראָן
שטייגט די ריינע קליינע וועלט:
ס'קומט די ווייסע מחנה אָן
און די נאַכט ווערט וויים פאַרשטעלט.

## אַ פּראָסטע פּאָר

ער אין שוואַרצן שלוסראָק
מיט געשטרייפטע הויזן,
זי אין פאַלשע פוקסן,
לייווענטענע רויזן.

ביידע — טעמפּע צירונג
פון דער שיינער וועלט:
היינט אין גאָטס געבורטסטאָג
האָט זיך אַלץ פאַרשטעלט.

## אַ גרויסער מענטש איז אַוועק

טרעט איצט שטילער אויף די טעפּיכער די ווייכע,
ס'האָט דער שוואַרצער מלאך דאָ געפּאַכעט רויט,
עמיץ האָט אין לעצטער אַנגסט באַגערט דעם טויט,
זיצן מיר דערפאַר פאַרשטיינערטע און בלייכע.

אויפן פענסטער די נשמה אין גלאָז וואַסער,
און דער שפּיגל מיטן פּנים צו דער וואַנט,
ווען עס גלעט דעם רוים די אומגעזעענע האַנט,
ווערן מיר אין אַנגסט פאַרשטיינערטער און בלאַסער.

## נייע וועלט

ליכטיקע האָפנונגען קומען ווי שוואַנען,
צייכענען ווייסע עלאַסטישע פרייד.
ווען וועלן גרינען די ליימינע לאַנען,
ווען וועל איך וויסן מיין קלאָרן באַשייד?

לויטער און לויטערער קומען די פריידן,
בראָנזענע וואָלקנס צוגייען אויף ליכט.
כ'וועל זיך מיט אַלעם פאַרגאַנגענעם שיידן,
בלוט פון דער מאָרגנזון טריפט מיין געדיכט.

# גלויבן

די פּיין פון די וועלטן
איז נעפּלדיק געל:
ווער וועט מיר פאַרגעלטן
פאַר טראָגן מיין זעל.

איך פּרואוו צו פאַרוועבן,
וואָס גאָט אַליין רייסט:
די לאַסט פון מיין לעבן,
מיין גלויביקן גייסט.

# איבערגאַנג

אַ לאַנגער טיגער-מאַנטל מיט אַ גרינעם קנאָפּ
האָט צוגעדעקט איר מעלאַדראַמעדיקע פּרוכט.
דער אייגענער, וואָס האָט ביינאַכט געקושט איר קאָפּ,
האָט שטיל דעם אויפגאַנג אין איר צאַרטן בויך געפלוכט.

די יוגנט פון דער וועלט לעבט איבער שווערע פּיין,
זי גלויבט נישט, אַז איר פלאַנץ וועט שאַפן טיפע פרייד.
ווי אַ מיראַזש בלויז וועט די פרייד פון מאָרגן זיין,
דערפאַר בלויז אומרו, איבערגאַנג און לויזע רייד.

## שמיד דאָס ליד

היינט פֿאַרטאָג האָט אָנגעהויבן בליען
יעדער קוסט אין פֿראָנט פֿון אונדזער הויז.
איידער ס׳פּליט מיין ליד פֿון האַרץ אַרויס,
ווייס איך, ס׳וועט צו דיר שוין נישט דערפֿליען.

און ווי לאַנג איך זאָל מיין ליד נישט שלייפֿן,
וויפֿיל זאָלסט נישט זען די וועלט וואָס בליט,
ווייס איך, אַז די פּיין וואָס שמידט מיין ליד,
וועסטו שטענדיק מאָרגן ערשט באַגרייפֿן.

## מיינע טיפֿן

די אויבערפֿלאַך פֿון מיינע טיפֿע לידער,
קען דיך ווי דער שפּיגל פֿון אַ טייכל נאַרן.
דאָך מיין ליד טראָגט ווייסע פֿרייד ; זאָל דיך ניט אַרן,
ווען דו וועסט אַמאָל ביי מיינע ברעגן מידער.

דורך דער אויבערפֿלאַך דערגרייך איך מיינע טיפֿן.
זעט דיר אוים מיין ווייטער ברעג, אַ צו געהיימער,
ווייס, דאָרט וואַקסט מיין גראָז פֿון פֿרייד און מיינע טרויער בוימער.
גלויב און שמייכל, וועל איך דיך אַריבערשיפֿן.

## ווינט פון לעצטער רו

איך האָב ליב דאָס ליכט דורך פאַרביקע וויטראַזשן,
ס'ווייט מיט היימליכקייט פון דעם וואָס איז געווען.
אָבער דאָס וואָס קומט ערשט — צוקונפט, קען איך זען
בלויז ווי נעפּעליקע, גאָלדיקע מיראַזשן.

הער איך גלאָקן פון א ווייטן אָנזאָג קלינגען,
מישן זיי זיך אוים מיט קלאַנגען פון אַמאָל.
אויסטערלישע ווינטן טרייבן מיך פון טאָל.
ווינט פון לעצטער רו, נאָר דו וועסט מיך באַצווינגען.

## דער פאַר'משפּט'ער לערער

די קינדער האָבן שווער פאַר'משפּט זייער לערער.
ער לאָזט אַראָפּ דעם אַלטן קאָפּ, קען גאַרנישט זאָגן,
און מוז מיט שטומער פרייד זיין משפּט טראָגן,
ווייל גאָט אַליין וואָלט זיכער אים פאַר'משפּט שווערער.

און ס'הויבט זיך אָן זיין שטומע פרייד אין האַרץ פאַרברייטן,
די וועלט וועט זיך נישט אייביק וואַלגערן ביי שוועלן,
ס'וועט פרייד און שיינקייט נאָך פון יעדנס האַרצן קוועלן,
די קינדער וועלן נאָך גערעכטיקייט פאַרשפּרייטן.

## אַלטע ליבע

געהאַט זיין גורל אין איר האַנט
און מער פון אים געליטן.
די ליבע האָט געריטן
אויף איר אָרים האַרץ געשפּאַנט.

פאַרביי אַ גאָלדן יאָר און צוויי,
פאַר אים אַ שלעכטער סימן.
זיין גורל וועט באַשטימען
איר לעבנס ערשטער שניי.

## גלויבן אין קאַמף

אונדזער לעבן וואַיעט אין די הינטערגאַסן,
רויך און אָרימקייט פאַרביטערן די לופט,
זעלטן ווער ס'דערהערט די ריינע שטים וואָס רופט
צו ליכטיק איינצל-לעבן דורך די מאַסן.

דורך די אַלטע ווערטער נייע ווינטן ווייען,
נאַכט צורינט, די זון גייט אויף אין מאַרגנגלי,
דורך געזאַנג, דורך טיפן גלויבן און דורך מי
בויען מיר די ברייטע, ליכטיקע שאָסעען.

## קלאָרע וועש

עס שמעקט מיט פרישער לייוונט אין מיין שטוב,
דער ריח פייניקט, ווײַל וואָס דערמאָנען:
מיר דוכט זיך — פרישע ערד ,אַ קאַלטן קוב,
כ'ווײס, איך שמעק תכריכים אין אַ גרוב.

אין לייוונט אָבער איז אויך פרייד פאַראַנען,
וואָס רופט צו ברויט מיט וואַסער, פרייע לאַנען.
עס ברענט דאָס וואַנדער־האַרץ און רופט פאַרלעש,
און איך באַנוגן זיך מיט קלאָרער וועש.

## רעזאַ כאַן

האָסט אָנגעטאָן די קרוין, דו פינסטערער קאַלמיק,
מיין האַרץ האָט אויף אַ ווײַל זיך אָפּגעשטעלט.
מאַכסט פינסטער אויף אַ טייל פון אונדזער וועלט
און טרייבסט די נייע צייט יאָרהונדערטן צוריק.

גיסט נייע מאַכט דעם סצעפּטער און דער אַלטער קרוין:
דאָס פאָלק איז אַלץ נאָך גלויביק ווי אַ קינד,
דיין גנאָד און גוטסקייט וועט זיי האַלטן בלינד,
דערפאַר זאָל אונטערגאַנג אין אויפגאַנג זיין דיין לוין.

## טויטער פויגל

דער פויגל אויף איר אַטלעסענעם הוט
האָט טרויעריק און מיט בענקשאַפט זיך פאַרגאַפט,
זיין לעבן האָט אַזויפיל פרייד פאַרשאַפט,
אַז טויט כאָטש איז אים אָנצוקוקן גוט.

ער בענקט נאָך וואַלד. כאָטש טויטערהייט דאָרט זיין,
די פרוי גלאָצט נאַריש, ווי אַ ליים-געשטאַלט,
זי ווייסט נישט אַז זי טראָגט אַ טויטן וואַלד,
אַז ס'זיצט איר אויפן קאָפּ אַזויפיל פּיין.

## ווי דער טייך צום ים

פון לויטערקייט פון ליכט,
וואָס רינט אין שטילע צווייגן,
גייט אויף מיין קליין געדיכט
פון רו אין מאַרטער-שווייגן.

די רו טריפט שאַרפן סם
אויף רויטע לעבנס-קוויטן,
גייט, ווי דער טייך צום ים,
צו אונטערטעניקייטן.

## די גסיסה פון אַ ריז

דיין זילבערקאָפּ איז ווי די חורבה פון אַ ריז:
בלויז פּייכטער טרויער פון אַ מעווע איז נאָך דאָ.
ווער ווייסט צו ביזט געווען אַ פּאַראַדיז,
צו בלויז אַ פּרעכע קראַקענדיקע קראָ.

ווען ס׳ווערט אין לעבן שפּעט, מאַכט מער נישט אויס
אַ וואַסער פויגל ביזט אַמאָל געווען —
דיין וועלט ווערט קליין, איין זין בלויז לייכט נאָך גרויס:
צו האָסטו אונדז און אונדזער צייט דערזען.

## וואַלד־פאַנטאַזיע

דער רייכער סאַמעט פונם טייך אין וואַלד
איז ווי אַ קישן פאַר מיין זעל אין פּיין,
און יעדע אויסטערלישע טרוים־געשטאַלט
איז ווי פאַרגאַנגענהייט, וואָס דאַרף ערשט זיין.

עס ווערן וואַלד־ און וואַסער־גייסטער נאָנט,
ווען נאָנטע ברידער־מענטשן ווערן ווייט,
די אַלטע קינדער־זעל וואַכט אויף און מאָנט
בלויז שיינקייט און פאַרשפּילונג אָן באַטייט.

## מאָרגן קומט דאָס פאָלק

איך האָב אויסגעפּוצט דאָס פענסטער,
מאָרגן קומט די שיינע וועלט.
היינט איז יעדער דיכטער אָרעם,
מאָרגן קריגט ער רום און געלט.

איך האָב אויסגעקערט די שטיגן,
מאָרגן קומט דאָס פאָלק צו גיין.
כ׳וועל מאַכן טיי, דאָס פאָלק וועט ליינען,
און ס׳גאַנצע פאָלק וועט מיך פאַרשטיין.

## די פליכט פון ליכט

מיר שטייען אַלע דריי ביים ראַנד,
וואו אונטן ליגט דאָס שפּעטע לאַנד —
אין שרעק פאַר צייט איז אונדזער שאַנד.

דריי שטערן קומען אָן אין האַלבער נאַכט,
דאָס ליכט האָט אונדז צו שאַנד געמאַכט.
האָסטו דער ערשטער אויפגעוואַכט ?

דאָס ליכט פון שטערן גייט אין קרייז,
און לעבן איז בלויז שטרעק און שפּרייז —
ווער דאַרף פאַר פליכט פון ליכט באַווייז ?

## האַרוואַרד קאַמפּוס

דריי יינגלאַך גייען ווילד אין גאַס,
אָן צוים און צינגל — רויע רייד און שפּאַס.
צוויי וויקינגער, אַ כהן אין דער מיט —
די מאָרגנוועלט קומט אָן, ווי כ׳בין אַ ייד.

דער ירדן פליסט אין אייזלאַנד, אין מיין פרייד,
דאָס בלוט פון יוגנט פילט דאָס און פאַרשטייט.
ס׳ווערט רעטזעלדיק אין קלויסטער און אין שול,
די וועלט ווערט בּיסלאַכווייז מיט יידן פול.

## דיין וועג איז אויבן

דער יונגער פורמאַן האָט געזאָגט: ביינאַכט וועט שנייען.
עס האָט געשנייט. — און ס׳וועט אַ זאַווערוכע ווייען.
עס האָט געוויט. — די בראָך איז קלאָר און מיר פאַרשטייען.

דער שליאַך איז ווייס, ס׳ווערט שווער דער וועג, האַלב־טויט די רעדער.
די וועלט פון גראָז און זייד איז וויט, — נאָענט: שטאָל און לעדער.
אין מיטן ליד צו גאָט פאַרצווייפלען האַנט און פעדער.

נאָר ליכטיקער פון פרישן שניי איז יונגער גלויבן.
עס ווערט דער טאָל דיר ליבער, ווען דיין וועג איז אויבן.
בלויז שווייג אַ וויל און גלויב, און אַלץ אין דיר וועט לויבן.

## ראַפּסאָדיע פֿון שלום

גערקומען צו רייטן אַ מויז אויף אַ קאַץ
מיט שווערד און מיט שטאָלענע שפּאָרן,
אַ קינד האָט געפּויקט אין אַ מעשענער טאַץ,
די זון איז צובראָכן געוואָרן.

דער פֿרילינג זאָגט אייביק וואָס מאָרגן וועט זיין,
און שטאָל איז פֿאַרהאַמערטער חלום.
פֿון ליכטיקן גלויבן און נעכטיקער פּיין
גייט אויף די ראַפּסאָדיע פֿון שלום.

## דאָס ערשטע גראָז

די נאַרציסן האָבן אויפֿגעוועקט די פּיאַלקן:
דריטע וואָך אין מערץ! — בין איך אויך אויפֿגעשטאַנען.
גרינג דאָס לעבן, גרין דער דיל, לאָזור דער באַלקן —
אהאַ, קינדער, כ׳האָב געוואוסט ס׳איז פֿרייד פֿאַראַנען.

שליטנס אויפֿן בוידעם, לאַמטי־ידל־דידל,
פֿון די בלאָטע־ווינקלען לאַכן קלאָרע גראָזן.
די נאַרציסן זינגען, פּיאַלקן שפּילן פֿידל,
קינדער ווערן יינגער, בערן ווערן האָזן.

## לאָז וועלקן דיינע זאָרגן

אויף מאָרגן, טאַטע, פייף איך,
די וועלט קומט סיי ווי סיי,
דיין טיפן צער באַגרייף איך,
דאָך וועט דיין צער פאַרביי.

לאָז וועלקן דיינע זאָרגן,
וועט אויפגיין טיפע פרייד.
מיין היינט איז נעכטנס מאָרגן
אַנטקעגן אַלע רייד.

## אין דעמבן־שפּאַציר

די לינדנאַלעע איז נישט גרוים,
כ׳שפּאַציר זי אין איין געדאַנק.
דער פרילינג זיצט אונטער אַ באַנק
און קוקט אויף פאַרליבטשאַפט אַרוים.

ס׳איז טונקל אין דעמבן־שפּאַציר,
און כ׳וואַרט אויף דיר לענגער פון לאַנג.
די רויז, וואָס איך האַלט גרייט פאַר דיר,
זי וואַרט שוין מיט שטורעם און דראַנג.

## מיין נידעריק הויז

אין טרויער זיצט דאָס קעצל מיטן קינד
פאַרהאַנגען מיטן טישטוך הינטערן טיש,
זיי הערן ווי די זון שטראַפט אוים דעם ווינט,
זיי זעען ס׳ליכט פון פריידאונלייד־געמיש.

די וועלט אין דרויסן הינטערן טיש איז גרוים,
די מענטשן טראָגן טרויעריקע שיך —
זיי גוט און פאַרש נישט אין מיין נידעריק הויז,
ווייל מיין איז קאַץ און טרויער, ס׳קינד בין איך.

## די אַלטע ווערבע

די אַלטע ווערבע האָט זיך איינגעבויגן
און בייז אַריינגעקוקט צו מיר אין שיפל,
געפּאַרשט דאָס נייע ליכט אין מיינע אויגן
און חוזק׳דיק געפרעגט: העי, יונג, פאַר וויפל?

איך האָב געקוקט אַריבער אירע צווייגן
צום דעמב, וואָס שיצט זיין שאָטן פון אַ רעגן,
געענטפערט מיט אַ שטאָלץ פאַרעכטלאַך שווייגן,
און אָפּגעשטופּט מיין שיפל פון די ברעגן.

## קיסר און קוילן־גרעבער

ווען דער קיסר פֿאָרט פֿאַרביי
אויף דער מאַי־פּאַראַדע,
איז מיר פֿריילאַך סיי ווי סיי,
כ'קיי מיר שאָקאָלאַדע.

נאָר דעם קוילן־גרעבערס זעל,
אונטער סאַזשע בלאַסער,
מאַכט מיר טרוקן אין דער קעל,
דורשט נאָך סאָדע וואַסער.

## דאָס פּנים אין שפּיגל

דער מענטש אין טיפֿן שפּיגל האָט געוויינט,
פֿאַר וואָס עס הענגט אויף אים דער שיין פֿון טרויער;
אין פּיין פֿון אָפּשפּיגלונג האָט ער געמיינט,
אַז צווישן זיך און פֿרייד איז שפּיגל — מויער.

רעפֿלעקס איז ווידערקאָל, מיין ליבער איך,
ווי ווידערקאָל דאָס ליים פֿאַר פֿרייד פֿון מאָרגן.
דורך שאָטן און דורך קלאַנג דערגרייכסטו זיך,
נישט דורך פֿאַראייביקן די וועלט אין זאָרגן.

## דער אַלטער נעץ פֿון טרויער

די וועלט איז מער נישט אונטער שלאָס און ריגל,
נישט מענטש, נישט גאָט, באַוואַכן זי אין שרעק;
דער מענטש טראָגט לידער, זין און ציגל,
גאָט ברענגט אונדז גראָז און פֿירט דעם שניי אַוועק.

דער אַלטער נעץ פֿון טרויער איז צוריסן,
די מידע מעלאַנכאָליע ווערט אַליץ מידער;
דער איז אַ מענטש פֿון אמת טיפֿן וויסן,
וואָס ווייסט דעם זין פֿון ציגל און פֿון לידער.

# שפעטערע ליריק

# צווישן דיכטער

אין נעפּל פון ציגאַרן רויך און רייד פון שאַך,
צערינען אָפּט די ליכטיקסטע געדאַנקען.
איין שפּילער שלאָפט, דער צווייטער נישט אײַנגאַנצן וואַך,
דריי פּליכעס ווי דריי עלפאַנט-ביינער בלאַנקען,
און קיינער טראַכט שוין דאָ נישט, נאָר מען רעדט אַ סך.
פּאָעטישע פאַנטאַזיע-פלאַמען צאַנקען,
מען לעבט אויף באַרג, אויף מיניאַטורע פאַנדן,
ווי אין אַ ברוינעם נעפּל-טאָג אין לאָנדאָן.

די ליבשאַפט בלאַנקעט זיך אַרום האַלב-קראַנק פון האַס
און האָפּט אַ דיכטער-האַרץ וועט זי דערהערן,
נאָר דיכטער, אַלץ נאָך ליריש און פאַרשמאַכט און בלאַס,
מיט רייד ביים קאַווע-טיש און דיכטנדיק אין גאַס,
באַקעמפן בלויז דעם הונגער ווי די בערן,
און ס׳בלייבט אַלץ די מיסטעריע צו דערקלערן,
פון וואַן עס שטאַמט דער הויכמוט ביי פּאָעטן
זיך אײַנצושטילן הונגער מיט סאָנעטן.

צוזאַמען זיצן דאָ געראַנגל און געמיט,
און פלאַנען אייביק וועלטן-עפּאָפּייען,
און אייביק איז בלויז יעדן דיכטער׳ס אייגן ליד.
נאָר ס׳קאָן אַ וואָרט אַמאָל אַזוי דערפרייען,
אַז מען פאַרגעסט שוין גאָר, אַז מ׳איז פון ווערטער מיד,
מען וויל די מאָרגנדיקע וועלט פאַרזייען.
עס מאַכט נישט אויס פון וועלכער זייט צי ריכטונג,
אַבי די וועלט זאָל אויפבליִען פון דיכטונג.

אַזוי־אָ זיצן מיר ביים טייך פון לויזע רייד
און קוקן אויפן ווייטן ברעג און שטרעבן,
אַז לויטערדיק זאָל ווערן יעדן זיין באַשייד,
און די פאַרנאַסיער זאָלן נאָך דערלעבן
אינגיכן יענע זוניק זינגענדיקע פרייד,
ווען דיכטער וועלן טראָגן הויך און נחת שעפּן,
און די פּראָפאַנען וועט מען אײַנפאַך קעפּן.

# אַלץ פאַרגייט

איז דאָס לעבן אַ שפּיל,
וועט עס לוסטיק פאַרביי:
אַלץ פאַרגייט אין דער שטיל!

צי דו זוכסט דיר אַ ציל
אָדער נישט, סיי ווי סיי
איז דאָס לעבן אַ שפּיל.

פאַרשוווענדסט שכל, געפיל,
אָבער איז דאָס כדאי?
אַלץ פאַרגייט אין דער שטיל.

יעדע טיפקייט פאַרהיל,
ווייל ווי לאַנג דו ביזט פריי
איז דאָס לעבן אַ שפּיל.

מאָלסטו מעל אין דער מיל,
מוזטו זייען אויפסניי,
אַלץ פאַרגייט אין דער שטיל.

ווען דיין בלוט איז שוין קיל
און דאָס האַרץ ווערט ווי בליי,
איז דאָס לעבן אַ שפּיל?
אַלץ פאַרגייט אין דער שטיל!

## ביטערע שטימונג

וואָס פאַרגאַנגען איז פאַרגאַנגען:
קענסט עס קיינמאָל נישט דערלאַנגען,
ווי דעם שניי וואָס איז צוגאַנגען —
מיר איז טרוקן אין מויל.

אַלץ פאַרזיגלט אָן אַ זיגל:
הויל הילכט אָפּ דאָס פּוסטע קריגל,
ס'וויגט זיך נאָך מיין ליידיק וויגל —
ווינטן שפּילן אַ גרויל.

פון די ווייטע צפון וועלטן
בלאָזן זאַווערוכעס קעלטן,
וואו מכשפות שוואַרצע שעלטן —
קללות שוואַרצע ווי קויל.

הער זיך אויף אין דרייען בוקן
פאַר געשפּענסטער וועלכע שפּוקן
ביז דער מאַרך ווערט דאַר און טרוקן —
הערסט די וועלף אין געהויל?

## אליהו הנביא

די ליכטיקע טיר איז אָפן אין דער נאַכט אַריין
דער שטראָם פון הייליקייט ציט פון דער פינסטער.
באַשטראַלט פון ציטער-ליכט,
איז שטיל אַריינגעקומען דער געהיימער
און ס'ציטערט אויף דער ווין אין בעכער אויפן טיש.

## דו

וואו ביזטו, דו?
איך בענק
נאָך רו.

געדענק:
די ערד,
זי דעקט
אַלץ צו.

זאָל זיין!
פיין
וועקט
נאָך וואו.

זאָג, דו,
זיי מיין,
ברענג רו.

## וואָס קומט מיר אוים

וואָס קומט מיר אוים
פון רעדן גרוים,

פון זוכן פרייד
דורך טויזנט רייד?

עס איז די וועלט
אַזוי געשטעלט,

אַז דער וואָס האָט
איז שיר נישט גאָט,

טאָ וואָס קומט אוים
פון רעדן גרוים!

## דער שיינער ייד אין פּאַרק

דער שיינער ייד איז זיך געזעסן ברייט
אין פּאַרק און האָט געבלעטערט ברייט אַ צייטונג.
די זון שיינט און אַ פרילינג-ווינטל ווייט,
ער לעזט און ס'איז אים קלאָר, אַז ער פאַרשטייט
דאָס וואָרט, דעם זאַץ, דעם זין און די באַדייטונג.

ער מישט און בלעטערט דורך די ווייטע וועלט,
ער רייזט אין לענדער, פליט אַריבער ים'ען,
און וואונדערט זיך, ווער ס'האָט אַריינגעשטעלט,
אַז זיין געבורטס-שטאָט נויטיקט זיך אין געלט,
פון וואַנען ס'קאָן אַזאַ ידיעה שטאַמען.

אָט ערשט נאָך פרישטיק און דער ייד איז זאַט
און זשעדנע יעדע קלייניקייט צו וויסן,
און טיפער נאָך פאַרטיפט ער זיך אין בלאַט,
ראָמאַן, מודעות, נייעס פון סענאַט,
ביז זיין געדאַנקען-נעץ ווערט דורכגעריסן.

דער שיינער ייד וואַכט אויף און קוקט זיך אום,
און ס'איז אים שווערלאָך זיך צוריק געפינען,
זון, זון, ער קוקט זיך זשמורענדיק אַרום,
זיין שאָטן ליגט אַ זאַטער אין דער קרום
און אַלץ אַרום האָט אָנגעהויבן גרינען.

## געבענטשטער רעגן

אָן אמת גוטן יידם געפיל
איז ראָד-שפּריי פון אַ וואַסערמיל ;
עס איז געבענטשטער רעגן,
אויף טיפע וואַסער-וועגן.

# קדושים

# קדושים

רייס אויף, נשמה, דעם מאַרטירער קוואַל
וואָס האָט זיך דאָרט יאָרטויזנטן געזאַמלט
און זינג דעם פינסטערן פּאַנאַנדערפאַל
פון פאָלק, וואָס האָט זיין שליחות אָפּגעשטאַמלט.

די זון גייט אויף און אונטער און מען שעכט:
מאַן, ווייב און קליינע קינדער, ווי די שאָף;
דער תליון זינגט זיין ליד פון מאַכט איז רעכט,
און גאָט איז נישט צו וועקן פון זיין שלאָף.

עס יאָגן אונדז ווי וועלף די בלאָנדע הינט,
מיט שטאָלץ פון קאַלטן צפון, שנייאיק ווייסן;
און ס׳האָט אונדז איינגעשרויפט אַווירבלווינט,
אַז ס׳איז פון אים זיך נישט אַרויסצורייסן.

אין לעצטער פּיין, דאָ ברעכן מיר צוזאַמען:
דער מדבר קומט מיט זיינע פערציק יאָר.
איצט טוליען מיר זיך צו דער ערד דער מאַמען
און וואַרטן ביז די הימלען ווערן קלאָר.

# על משכבי בלילות

## א

על משכבי בלילות . . . ווען ס׳הארץ איז אַ שטיין,
און עס ווילן די בילדער פון גרויל נישט פאַרגיין;
ווען פאַרשאַרפט ביז צו פּיין איז אין נאַכט דיין געהער
און דו וואונדערסט זיך בלויז וואָס אַ שטיין האָט אַ טרער,
לייכט מיר אויף אינם חושך אַ פייער־געשטאַלט,
וואָס גליט אויף און פאַרגליט און דערהויבט זיך און פאַלט,
און דערמאָנט מיך און מאָנט מיך אַ חוב פון מיין בלוט,
ביז עס קרעמפּען זיך הענט אין אַ מאַכטלאָזער וואוט.

## ב

ווער ביזטו, זאָג ווער,
דו ענן־געשטאַלט,
וואָס האָסט איבער מיר
אַזאַ פייער־געוואַלט?

די וואונד פון אַ דור,
וואָס באַגערט אַ באַטייט?
דער צוואַנג פון מאָמענט,
צי דער פאַקל פון צייט?

נאָר דער ענן צורינט
אין מיין שטייניק געוויין,
בלויז לבנה און ווינט
זעען צו דאָס פאַרגיין.

## ג

וואַך איך אויף אין דער נאַכט,
ווי יאָרטויזנטער אַלט,
און מיין טריפנדיק ליכט
זוכט די פייער־געשטאַלט.

א פּאַרפּלי, אַ פּאַרוויש,
שטומע וואַנט קוקט אויף וואַנט,
ווי איך זעץ מיך ביים טיש
מיט אַ ספר אין האַנט.

און די טרייסט קומט אַריין
אין דער נאַכטיקער שטונד,
געווען איז אַ וואונד
און געלאָזט בלויז די פּיין.

ד

און פאַרטאָג, ווען עס גליען די הימלען אין בראַנד
און צעשטראַלן דעם זונאויפגאַנג איבערן לאַנד,
טראַכט איך שטיל ביי מיין פענסטער, מיט בליקן אַרויף:
על משכבי בלילות . . . שעפּ רו און וואַך אויף.

## אין לה מנחם

אומעטום וואו אין,
דאָרט ווערט:
ס'ווערט אַ יאָ אין ניין
דערהערט.

שרה בעט אַ קינד?
זי האָט:
הערט דאָס מדבר־ווינט?
ניין, גאָט!

חנה איז אַליין:
נישטאָ?
אומעטום וואו אין
ווערט יאָ.

איז אַליין דאָס לאַנד
ביים ים:
שטרעקט ער אוים זיין האַנט
ווערט עם.

ס'וועט נישט דויערן לאַנג,
דו ווייסט:
ווערט פון מיין געזאַנג
די טרייסט.

חורבן? אוים געוויין!
האָסט ערד:
אומעטום וואו אין
דאָרט ווערט.

## די וואָס געדענקען

איך זינג דאָס געזאַנג איצט פֿאַר די וואָס געדענקען:
פֿאַר זיי איז נאָך היים זייער לאַנד פֿון געבוירן,
זיי לעבן דורך נעכט אין אַ גליענדיק בענקען,
געוועזענע פֿרייד איז פֿאַר זיי נישט פֿאַרלוירן.

די איינזאַמע פּיין ווערט זיי קיינמאָל נישט מילדער:
ווי שטאָל דער זכרון וואָס לאָזט זיך נישט בייגן,
זיי זעען נאָר פֿײַנלעכע, היימישע בילדער,
די וועלטיקע ווייטקייטן ווערן זיי אייגן.

אין לענדער פֿאַרוואָרפֿענע, דרום און צפֿון,
אין שטעט און אין שטעטלעך, אין פּאַמפּאַס און פּריירעס,
דערמאָנען זיי זיך ווי זיי זיינען אַנטלאָפֿן
פֿון לענדער פֿאַרפּעסטעט מיט סם פֿון גזירות.

דאָרט זיינען נאָך טייערסטע, נאָנטסטע פֿאַרבליבן:
מען קאָן נישט פֿאַרגעסן דעם טאַטען, די מאַמען,
חברים, וואָס האָבן ביים באַן זיך פֿאַרקליבן
און בענקען ווי זיי איבער לענדער און ים׳ען.

אין האַרץ פֿונם האַרץ איז אַ בענקשאַפֿט פֿאַרזעסן,
וואָס פּייניקט און מאָנט ביי דעם צאַרטן זכרון
אין ביטערסטע טעג פֿון פּיין נישט צו פֿאַרגעסן
פֿאַרוואָגלטע נאָנטע, פֿאַרגאַנגענע יאָרן.

זיי לויפֿן און האַוון און לעבן אין קרייזן,
און זאַמלען און ברענגען און פּאַקן צום שיקן:
דאָס מוזן זיי זיך אַליין טריישאַפֿט באַווייזן,
די אייגענע בענקשאַפֿט אין זיך צו דערדריקן.

זיי זיינען פֿון ביטערסטער נויט די באַפֿרייער,
געבענטשט זיינען זיי, ווייל זיי גיבן און שענקען;
אין זיי גליט אַן אייביקער, הייליקער פֿייער:
געפּרייזט און געבענטשט זיינען די וואָס געדענקען.

# אַ ייד אין דייטשלאַנד 1945

## אייביקער יאָרצייט

צינד אָן ווי יאָרצייט ליכט די לידער
און טריף זיי ביז צום גסיסה־פלאַם:
ווייל אָן מצבות די מיליאָנען ברידער,
ווי ס׳וואָלט זיי נאָר פאַרצוקט דער ים.

דאָ ווערט נישט מער אין בראָך געזונגען,
מיט מיסט איז צוגעדעקט דער רויב:
דו זעסט נישט מער קיין פייער־צונגען,
אפילו נישט פון אַש דעם שטויב.

נישטאָ קיין מאָס די בראָך צו מעסטן,
די חורבות שטייען שטום און שוואַרץ:
דו קוקסט אין פיין אויף שלאַנגען־נעסטן
און וואַנדערסט אום מיט דורשט אין האַרץ.

דו ווילסט דיך אין דעם מיסט נישט ראָיען,
באַגרייפסט נישט וואָס מיט זיך צו טאָן;
דו ווילסט נאָר פאַלן צו דער ערד און וואָיען:
ערד, גיב אונדז אָפּ די זעקס מיליאָן.

# אַלעקסאַנדערפלאַץ אין בערלין

ווי רונד אַרום דער שוואַרצער חורבן גאַפט!
די בראָך קוקט שיקזאַלהאַפט פון יעדער גאַס:
קיין דאַך, קיין מויער האָט נישט מער קיין האַפט;
ווי אַלץ איז דאָ פאַרפעסטעט פונם האַס.

דער האַס האָט אין זיין נעץ צונויפגעבראַכט:
אַ שטיין, אַ ביין און זשאַווער פון אַ ביקס;
דער הונגער פעכנעט פון דער פעסט ביינאַכט
און ענטפערט אָפ דער מאַסע טעגלעך: ניקס.

ווי בעטלעריש עס וויינט די קעניגשטראַס,
וואָס בעראָלינאַ׳ס טרוים איז אויסגעשעפט;
איר אָרט איז איצט אַ נאַסער גרוב אין גאַס,
ווייל מיט פאַרשלעפטע איז זי אויך פאַרשלעפט.

די קוילן-וואונדן אויף איר פעדעסטאַל
דערציילן האַרלעכקייט פון גרויסע טעג:
די מערץ-טעג ניינצן-ניינצן, ווען אַ שטראַל
אין קאַמף פאַר אויפגאַנג האָט באַלייכט איר וועג.

איצט פעלט די גרויסע, קופערנע געשטאַלט;
מען זוכט איר מאַטן, גרינלעכן געביין:
נאָר אַלץ צוקרישלט זיך און אַלץ צופאַלט,
פון ציגל ווערט נאָר זאַמד און שטויב פון שטיין.

וואו איז דאָס גאָלד פון ווערטהיים און פון טיץ?
דער שטאָלצער האַנדל איז פאַרלענדט פון בראַנד;
אין פאָרך און פראַך איז אַלץ פון ענטפער-בליץ,
בלויז שוואַרצע סחורה גייט פון האַנט צו האַנט.

אין וויסטקייט שטייט די פאָליציי-קוואַרטיר,
צום לערער-הויז שלייכט צו אַ ברוינע קאַץ;
די גרויסע בראָך וואָס הייסט: נישט מיר נישט דיר,
גייט אויף ווי פעסט פון אַלעקסאַנדערפלאַץ.

נישטאָ קיין ליבשאַפט אין אַ חורבן-ליד
און ליד פון שנאה האָב איך נישט געגאַרט:
פון קללות ווערט בלויז די נשמה מיד
און אָן רחמנות ווערט דאָס האַרץ פאַרדאַרט.

# נקמה

נקמה איז אַ קליינע טרייסט:
זי מאַכט דאָס האַרץ אַ צענטנער בליי,
זי שפּייזט מיט סם דעם מענטש וואָס ווייסט
און מאַכט אים פון זיין פּיין נישט פריי.

נקמה זינגט נישט אויס קיין ליד,
זי איז פון ביטערניש אַ קוואַל:
און ביזטו פון דיין דור אַ ייד
איז דיר נקמה האַרב ווי גאַל.

## עדות אין נירנבערג

דאָס וואָרט איז אויף זיין צונג און מוזט עס גלייבן,
דאָס מעסער בלישטשעט אין זיין האַנט, כאַטש נעם עס:
ער קען זיך מער פון בלוט־טייך נישט דערהייבן,
ער טרינקט זיך אינם זומפּ פון טויטן אמת.

אַזויפיל און אַזויפיל אומגעקומען,
דער מלאך המות האָט מיט זיי געפּאַכטן,
געקעמפט מיט זיי, געזיגט און צוגענומען:
און כך וכך האָט ער אַליין געשאָכטן.

ער שילדערט, אין דעטאַל זיין טויט־צושטייער,
מיט רייד, באַצייכנונגען און אינסטרומענטן;
ער רעדט מיט גייסטערהאַפטן, קאַלטן פייער:
אַן אַדוואָקאַט צו זיכערע קליענטן.

ער רעדט פון איבערלעבונגען, געפילן,
פאַרשטייפט, ווי אָפּגעשניטן פון אַ תליה:
ווי האָט זיך דאָס אַזוינס געקענט צושפּילן
אין אונדזער טרערן־טאָל פון שאול תחתיה?

ער האַלט זיך צווישן אויסלייזער, שליחים,
און ס׳קערן זיך אין אומקום די געדערים:
זיין פּנים איז ווי פאַלדן פון תכריכים,
דערמאָנט אַן חבר׳שאַפט מיט קבר־ווערים.

אין וועלכן אָפּגרונט איז דער שד געוואָרן,
ביי וועמען צוגערויבט געשטאַלט און פאָרעם?
דאָ זיצט דאָס בלוט, דער חליף און דער צאָרן
און שעכט אויפסניי די מתים אין די קברים.

## שפּאַציר אין ראָטענבורג

פון אַלע יידן בין איך איצט דאָ איינער
און גיי אַרום אַזוי פאַרגאַפּט, פאַרוואונדערט ;
עס הילכן מיינע טריט פון אַלטע שטיינער :
ביזט דאָ געווען אין דרייצענטן יאָרהונדערט.

ווי אין אַ גסיסה נעם איך מיך דערמאָנען
דעם אמת וואָס די שטיינער-טריט דערציילן :
די טויט-סמנים זיינען נאָך פאַראַנען
און קיין יאָרהונדערט קען זיי נישט פאַרהיילן.

מיר גייען אויף די מיטלאַלטער-יידן,
וואָס צאָלן צינז אין גאָלד מיט אַלטע מינצן,
מיט זיי דער מהר״ם אין פּיין צופרידן :
קרבנות אַלע פון די רויבער-פּרינצן.

ווי האָט די בראָך די שטאָט געקענט פאַרמיידן
דורך די יאָרהונדערטן פון שוואַרצן שטורעם :
און ווי אַזוי איז פון די יידנס ליידן
נישט איינגעפאַלן נאָך דער תפיסה-טורעם.

דער קייזער-שטול, דאָס ראָטהויז, טאַנץ-הויז שטייען ;
דער טורעם וואו ס'איז דער מהר״ם געזעסן.
און ס'קענען נישט די דורות וואָס פאַרגייען
ר' מאיר ברב ברוכ'ן פאַרגעסן.

# אַמעריקע

# יידישע פּיאָנערן

## א

ווי שטומע פייגל פון דער גאָרער וועלט,
וואָס שפּרייטן פליגלען אויס, ווי מענטשן הענט,
אַנטלאַנג און אויף און אָפּ דעם קאָנטינענט,
האָט איר געבראַכט דעם וואַנדערערס געצעלט.

און קוים דאָס בײדל נאָר אַוועקגעשטעלט,
צעטרייסלט שוין פאַרפאַלגונג־ווינט די ווענט,
און אַלץ וואָלט ווידער שיער געווען פאַרלענדט,
ווען ס׳ליכט פון פרייהייט וואָלט נישט אויפגעהעלט.

דער ים איז מיר שוין היימיש ווי אַ טייך,
ווייל וואַנדערברידער טראָגט ער דורכאַנאַנד ;
פּיאָנערן יידישע פון נייעם לאַנד,
אין טיפער רעווערענץ דערמאָן איך אייך.

בלייב מיר געהאָרכזאַם און געטריי מיין ליד,
און זינג : קאָלאָמבוס איז געווען אַ ייד.

## ב

אַלצאיינס פון שפּאַניע צי פון פּאָרטוגאַל,
דורך האָלאַנד צי דורך וועלכן אַנדער לאַנד,
געלאָפן זייט איר פון אַ וועלט אין בראַנד,
ווי טויבן פון אַ ברענענדיקער שטאַל,

מיט הונגער־שפּאַרבערס אין אַן איבערפאַל.
ווען יעדער האָט פאַרלאָזט זיין היים און שטאַנד,
און אַ געבלוטיקטער, צו שפּאַניע׳ס שאַנד,
געטרונקען ביזן דנאָ דעם כוס פון גאַל.

אין ברויז אויף ים׳ען, ווער האָט אייך געהערט,
ווען איר האָט דורכגעקרייצט און דורכגעקווערט
די ווייטסטע ים׳ען אויף דער גאָרער וועלט :

מיט בראָך אין האַרץ און אַ נשמה־רים,
אין זעגל־שיפן לייכט, ווי שאָל פון נים,
ביז וואַן דער נייער טאָג האָט זיך געשטעלט.

ג

דאָס פֿייער פֿון פֿאַרצווייפֿלונג האָט געברענט,
דער טייוול טאַנצט אַ ראָד, דער ייִד אין מיטן.
און ווידער מאַרטער, פּיין און בראָך געליטן,
אַז גאָט האָט שוין פֿאַרבראָכן זיינע הענט.

דאָס בעסטע האָבן טויט און שמד פֿאַרלענדט;
אָן ווידערשטאַנד, און פֿרום, ווי מענאָניטן,
האָט קיינעם נישט דער שטורעם אויסגעמיטן,
עס האָט זיך בלויז אין גראַד פֿון פּיין געווענדט.

נאָר בלויז דער גורל האָט אייך נישט פֿאַרראַטן,
ווען יענע צייט האָט אייך געשפּייזט מיט סם,
ווען איר האָט קאַפּיטאַנען און פּיראַטן
אין יאוש נאָכגעפֿאָלגט אויף יעדן ים.

די צייט איז גרויס געווען און ליידן־רייך:
געבענטשט איז די עראינערונג אין אייך.

ד

אַוועק די טעג פֿון זון און שיינעם וואָרט:
דער גרויסער מאָר איז אייך געוואָרן קליין;
דער מאָר האָט זיינס געטאָן, דער מאָר קען גיין:
און יעדער פֿעלדז האָט זיך גערירט פֿון אָרט.

ווי פּלוצימדיק איר זייט אַוועק פֿון דאָרט,
ווען שפּאַניע׳ס גלאָריע, ליבליכקייט און חן,
האָט זיך פֿאַר אייך פֿאַרוואַנדלט אין געוויין:
אין ענגשאַפֿט יעדע שיף אין יעדער פּאָרט.

אָ, וויפֿל מאַרטער, פּיין איר האָט געזען,
אין קעלערן און אויף אָטאָדאַפֿעען:
געברענט, געשטרעקט, געפֿערטלט און געקעפּט;

נאָר ס׳איבערבלייבעכץ האָט געזוכט אַ וועג,
אַ ווייטן, פֿרעמדן, מאַניענדיקן ברעג,
ביז זעכצן שיפֿן האָבן זיך דערשלעפּט.

# אייב לינקאָלן און דער יידישער סאָלדאַט

דאָס ווייסע הויז ליגט איינגעהילט אין נאַכט,
אַ ווינטל פון פּאָטאָמעק גלעט די ווענט:
נאָר בלויז דער פּרעזידענט אין נאַכט־העמד וואַכט,
גייט אום אין שטעק־שיך און ער ברעכט די הענט.

זיין אומרו שטייגט, אים נעמט קיין שלאָף נישט מער,
עס עגבערט אים דער שקלאַף, דעם האַרם געוואַלט:
אין טיפסטער פיינליכקייט גייט הין און הער
די היימישע און קנאָכיקע געשטאַלט.

זיין יעדע האַנט האַלט פעסט פון העמד אַ לאַץ,
און ער גייט אום פאַרלוירן אינם זאַל,
ווייל אים איז נעענטער כאַטע ווי פּאַלאַץ,
און אים איז פאָלקס־פּיין ביטערער ווי גאַל.

ס׳פאַרפאָלגן אים די בילדער פון אַ שלאַכט,
וואָס זיין נשמה האָט אין פּיין געזען;
נישטאָ פאַר אים קיין טרייסט אין שווערער נאַכט:
וואָלט נאָר דער בירגער־קריג פאַרביי געווען.

נאָר אָט דערנענטערט זיך אַ סעקרעטאַר,
וואָס האָט באַוואַכט זיין ליבן פּרעזידענט;
מיט שטילע טריט דערנענט ער זיך צום האַר:
אַ מענטש באַגערט אייך. יעדע רגע ברענט.

אייב לינקאָלן איז אין גאַנג געבליבן שטיין,
ער האָט דערפילט, אַז עמיץ איז אין נויט:
גיי זאָג דעם מאַן, איך וויל אים גלייך דאָ זען!
ער האָט דערשפּירט: ס׳איז לעבן אָדער טויט.

אַט שטייט פאַר אים אַ שלאַנקער אַלטער ייד,
די אויגן שווער פאַרטרערט פון שפּעטער נאַכט,
דאָס קול געבראָכן און זיין האַלטונג מיד:
דער שאָטן פונם טויט האָט אים געבראַכט.

אַ טעלעגראַם פון מאַסאַטשוסעטס בעי,
אָן אַנגסט-רוף פון אַ פאָטער פאַר זיין זון,
וואָס איז סאָלדאַט אין לינקאָלנ׳ס אַרמיי.
עס מוז דער פּרעזידענט פאַר אים וואָס טון.

זאָגט לינקאָלן הויך: קומט נעענטער פון דער טיר.
דער אַלטער ייד קריגט מערער מוט און רעדט:
ער ווערט באַשולדיקט אַלס אַ דעזערטיר,
אַנטלאָפן צו דער מאַמענס טויטן-בעט.

עס קוקט אים אָן מיט פּיין דער פּרעזידענט,
און אומבאַהאָלפן בלייבט ער שטיין, אָן רייד:
עס איז אין קריגס-מיניסטער איצט געווענדט.
ער קען נישט מוחל זיין, עס טוט אים לייד.

די דעזערטירן זיינען שוין צופיל.
אַ סוף! מען קען זיי נישט פאַרגעבן מער:
אויב יאָ וועט דאָך אַנטלויפן ווער עס וויל!
נישטאָ קיין שטראָף איז אויך נישטאָ קיין שטער.

דער אַלטער ייד, דער שתדלן, שטייט אין צער.
ער זעט דעם טויט, דאָס בלוט אין אים פאַרפרירט:
ער ווייסט, פאַרטאָג ווערט אויסגעפירט דער גזר.
ער נעמט זיך אָן מיט מוט און אַפּעלירט:

אָ, שטעלט אייך פאַר, אַנטשולדיקט, ס׳טרעפט מיט אייך,
איר הערט די מאַמע שטאַרבט, זי בעט אייך זען,

און דאָ, מען לאָזט נישט פריי, כאָטש שטאַרב דאָ גלייך.
וואָס טראַכט איר, דאַמאָלס, וואָלט מיט אייך געשען?

דאָס פּנים פונעם פּרעזידענט לייכט אויף,
אַ טרייסל מיט דער גריוועס ווי אַ לייב,
ער שמייכלט קלוג און טיף און קוקט אַרויף:
איצט איז ער פּראָסט און פּשוט — אַנעסט אייב.

ער פילט מיט יענעמס פּיין און יענעמס נויט,
גיך לויפט ער צו צום סעקרעטאַר אין טיר:
זיין טעלעגראַם שטעלט אָפּ די האַנט פון טויט.
אזאַ מין זון איז נישט קיין דעזערטיר.

נאָך יאָרן האָט זיך לינקאָלן דערוואוסט,
אַז ביי קאָלד האַרבאָר, אין דער גרויסער שלאַכט,
פאַרוואונדעט, און אַ פאָן אַרום זיין ברוסט,
האָט יענער פאַר אַ קרבן זיך געבראַכט.

אַ טיפע פרייד האָט זיך אין אים צעוויגט,
פאַר זיין רחמנות׳דיקער, גוטער טאַט:
ס׳איז ווערט געווען. די יוניאָן האָט געזיגט.
און כבוד אויך דעם יידישן סאָלדאַט.

## ראַטגערס סקווער 1950

די יאָרן פון מילך פאַר אַ סענט,
פון אויסגעטריקנטן פאַנטאַן,
פון ייד מיט ניי־מאַשין אין הענט,
דאָס איז דאָ היינט שוין נישט פאַראַן.

דער גאַנצער דור איז אַוועק,
דאָס בילד איז שוין לאַנג מער נישט שטאַרק :
אַ דור זיך צולאָפן אין שרעק,
גלייך ס׳וואָלט דאָ געוויאַנעט דער פאַרק.

דער בטלן בלויז קנייטשט נאָך דעם שטיין,
דער ציטונגסמאַן, שרייבער, פאָעט,
ס׳איז יעדער שוין אַלט און אַליין
און שטרעקט זיך פרימאָרגנס אין בעט.

דער פאָרטאָריקאַנער איז גאַסט,
די אָרימקייט אַלטע באַנייט,
זיין דחקות און עלנדקייט פאַסט
צום סקווער נאָך פון נויט נישט באַפרייט.

אַ, לאַנג וועט דאָ הענגען די בריק
פון טיפע זכרונות אין פיין,
חלומות אין וואַנדער צוריק
באַלעבן דאָס איצטיקע זיין.

די עלטער אין פרוי און אין מאַן,
אַ לעצטער דור זיצט אויף דער באַנק ;
אין הימל שרייבט אַן עראָפּלאַן
דעם ניגון פון לעצטן געזאַנג.

# דער פאָלקס־פּאַרטייזיקער

(אויפֿן טויט פֿון ריכטער בראַנדעיס)

גערעכטיקייט! דיין ליכט מיט שוואַרץ פאַרשטעלט,
ווערט איצטער טריבער נאָך די טריבע וועלט.

אַוועק אַ ליבע, פירנדיקע האַנט,
אַ לינקאָלן געשטאַלט פון לינקאָלן לאַנד.

די וועלט האָט זיין געבורט־געוויין דערהערט
אין בלאָען גראָז פון דער קענטאַקער ערד,

וואו ס'זעט דער רעלסן־שפּאַלטער, גאָטס באַשאַף,
די וועלט פון ווייסן האַר און שוואַרצן שקלאַף.

און ער האָט איינגעאָטעמט יענעם דופט
פון בלאָען גראָז און קאַמפּס־לוסט אין דער לופט:

געלערנט זיך זיין מוטיק אין געפעכט,
צו בלייבן יושר'דיק און זיין גערעכט.

קאַמף פלאַמט ווען ער איז נאָך אין קינדער־וויג,
די קינדער יאָרן דורכן בירגער־קריג;

און אין זיין בלוט שטראָמט איין געזעץ און גזר:
אַז מענטש איז אייביק מענטש, נישט שקלאַף און האַר.

זיין יוגנט פליסט אין הארבער תורה אָפּ,
אין בלויז געזעץ וואָס היט דעם בוכשטאַב אָפּ:

ווייל יעדן קומט זיין רעכט און יעדן זיינס,
און שווער איז אָפּצוטיילן מיינס פון דיינס.

און ווען דער מאָסן־צאָרן האָט געקריצט,
האָט ער דאָס רעכט פון אַלעמען באַשיצט:

ווייל פאַר געזעץ און רעכט איז יעדער גלייך,
אפילו דער וואָס איז צו גרוים און רייך.

נאָר פּלוצים קומט דער טיפער איבערברוך,
און ער זעט איין פון גרוים־געשעפט דעם פלוך:

אַז אַלץ וואָס מעכטיק און גיגאַנטיש דריקט
דעם קליינעם מענטש, וואָס ווערט פון דעם דערשטיקט.

אַזוי גייט אויף פאַר אים דאָס נייע ליכט,
אַז בענטשונג דאַרף צושטראַלן פון געריכט:

און איין באַגער גייט אויף אין אים דערפון,
אַז דער דערשלאָגענער זאָל זען די זון.

און זיין נשמה נערט זיך אין געהיים
מיט דורות־חלום פון אַ פאָלק און היים:

דער חלום האָט אים קיינמאָל נישט פאַרבלייכט,
ארץ ישראל דורך אַמעריקע דערגרייכט.

און איצט ווען חושך האָט זיין ליכט פאַרשטעלט,
און טריבער ווערט פאַר אונדז די טריבע וועלט,

פעלט אוים די ליבע, פירנדיקע האַנט,
די לינקאָלן געשטאַלט פון לינקאָלן לאַנד.

# זיס לאַנד פון פרייהייט
## "Sweet Land of Liberty"

א פּאָעמע אין זיבן געזאַנגען

### וואַרשע

אַ קינדהייט בלאַנקעט אום אַ זוניקע
אויף פרילינג־גאַסן זון באַפלעקט:
אַ שאָטן האָט די צייט אָפּטרוניקע
מיט נאַכט פון אָפּגרונט צוגעדעקט.

די צייט איז מער ניט קיין דערלאַנגענע,
כאָטש ס׳גליט נאָך יענע זון און שיינט:
די קינדער־יאָרן די פאַרגאַנגענע
זיי שוועבן איבער וואַרשע היינט.

די גאַסן יענע ברייטע, ליכטיקע
גיי איך היינט אום מיט יאָרן אַכט:
די טעג און נעכט נאָך אַלץ דורכזיכטיקע,
אַ גאָלדיק יינגל זון־פאַרטראַכט.

דער בחור זינגט מיט טענער ברוסטיקע
מיט יונגער פרייד אין שטילן הויף:
און שטיפט אין נעכט מיט יונגען לוסטיקע,
ווען ס׳לעבן גייט אים ליכטיק אויף.

דאָרט שוועבן אום נאָך מיינע שטרעבונגען,
כאָטש לאַנג שוין איז די שטאָט צושטערט:
און ס׳וויינען יוגנט־איבערלעבונגען
געוויין וואָס ווערט נישט מער דערהערט.

אין יונגער אומרו אַ געפאַנגענער,
אין רונדער פעסטונג מיינע טעג:
דער שניי ליגט קלאָר אַ נישט־צוגאַנגענער
ווי רמז ליכט אויף ווייטן וועג.

אין וואַנדער־וועג מיט אַכצן־יעריקע
בלייכט אוים די אַלטע ווייטע היים:
היינט טראַכט איך וואַרשע, זינג אַמעריקע,
די יאָר פאַרביי ווי טריט אין ליים.

## ווין

די יונגע טעג האָבן געזונגען,
די רויטע נעכט האָבן געלאַכט:
די שטעפאַנ׳ס דאָם גלעקער געקלונגען
און האָבן מיך עלטער געמאַכט.

דאָס פרייריקע האָט זיך דערוויטערט,
די נייע צייט האָט צאַרט געשפּילט:
אַזויפיל געזאַנג ווערט געלייטערט
און גאָט ווערט ליכטיק דורכגעפילט.

כסדר עס שטייגט און עס נידערט,
און פלאַמיק גליט דער האָריזאָנט:
געזאַנג פון גלויבן האָט פאַרברידערט,
געשריי פון בלוט האָט צינז געמאָנט.

געזונגען האָט צער אין חלומות,
די וועב־שטולן האָבן געוועבט:
דאָס האַרץ זוכט אין אַלע מקומות,
געצווינגענערהייט, נאָר געלעבט.

אַ פלאַטערונג שוועבט און אַ ווייאונג,
אַן אומקלאָרקייט טונקלט דעם זין:
די בליקן אין האַרליכער זעאונג
אין טאַנץ פונם וואַלצער אין ווין.

## אינסברוק

הייליקע בילדער אויף מויערן,
בערג שניי אין ווייסער פרייד,
ספקות און ביטערניש לויערן:

זינגענדיק גליוורן רייד —
גאָרן די געטער צושמעטערן.
קרבן פון ריינקייט איז גרייט

שטעלן זיך קעגן די וועטערן;
שאָרנדיק גיין אין די טאָלן,
בויגנדיק בערג צו באַקלעטערן.

די מיל פון די יאָרן וועט מאָלן,
אויגן צו הימלצו פרעגנדיק,
פאַר אַלץ וואָס קומט אָן גרייט צו צאָלן;

טרינקען דאָס לעבן אַנטקעגנדיק.
נאָר וואָס געוועזן ליגט פאָראויס:
ברכות, ווי טויען, מילד־רעגנדיק

זינגען פון טיפקייט אַרויס.
די ערד און דעם הימל באַוועגנדיק,
קומט קאַמף און די מעשה איז אויס.

## פּאַריז

שטיל זיצט דער דענקער פון נאָטרדאַם:
זיין צונג ווי פון חוזק אַ פּייפל,
ער לאַכט פון מיין הייליקסטן פלאַם,
פון מיר און פון מיין צווייפל.

הויך זינגט נאָך אין מיר דאָס געבאָט:
און גאָלדיק פאַרלאָקן מיראַזשן,
וואוינט אַלץ אומעטום נאָך מיין גאָט,
צי לאַכט ער בלויז אין די וויטראַזשן.

דאָס לעצטע ליד פון פלייש און בלוט,
פאַרטונקלט פון יוגנט די ליידן,
נישט קלאָר איז וואָס שלעכט איז, וואָס גוט,
עס שטורמען אויף כחות פון היידן.

## לאָנדאָן

בראָנזענע נעפּלען פאַרהילן,
פּיינליך איז זיך צו דערהויבן:
אויפן פראָבירשטיין דער ווילן,
נישטערט נאָך גלויבן.

שלענדערסט אין טיפן באַגערן,
נעכטן און מאָרגן פאַרהוילן:
גאָרסט נאָך אַן אָנהאַלט אין ווערן,
גלייך ס׳איז באַפוילן.

טונקעלע אַנונג, פאַרלאַנגען,
שיפקייט פון באַרג ווערט אַלץ שיפער:
אין זיך די סומנע געזאַנגען
עגבערן טיפער.

בראָנזענע נעפּלען ווי רייפן
רינגלען דיך איין ווי אין שווינגען:
שפּעטערדיק ליכט צו באַגרייפן
פּלאַצן די רינגען.

## אַטלאַנטיק

די זון צינדט דעם שום מיט פלאַם,
ווי פּערל דין:
אַרום און אַרום דער ים,
שמאַראַגדן גרין.

דער הימל האָט אָנגעקלאָגט
מיין ים־געצעלט.
אַ וועל אויף אַ וועל געיאָגט,
אין טיפער וועלט.

דער רויש פון דער יוגנט־שלאַכט
איז איינגעשטילט:
דער רייפער מאַן האָט דערוואַכט
און ניי געצילט.

ספקות און פּיין באַגלייט
צום גרונט אַ שטיין:
אומגלויבן זינקט איין, פאַרגייט
אין וואָס געווען.

אַ סודותדיק ליכט גייט אויף
צו נייער וועלט:
פון לעבן דער צייט-פאַרלויף
ווערט קלאָר באַהעלט.

ס׳לעבט אייביק אין מיר דער שטאָם,
איך ווייס איך בין:
אַרום און אַרום דער ים,
שמאַראַגדן גרין.

## אַמעריקע

פון דיר און צו דיר מיין געזאַנג,
די גאַנצע נשמה און טרייהייט:
חלומות און בענקשאַפט פון לאַנג
פאַרביטן אויף גליאיקער פרייהייט.

פון דיר און צו דיר גליט דאָס ליד
אַריבער בערג, ים׳ען און טאָלן,
זאַמד, פּרעירים, אָן אונטערשיד,
די ליכטיקע צוקונפט צו מאָלן.

פון דיר און צו דיר גייט די שטים,
דערהויבענע ווערטער צום לויבן:
אַריבער די פעלז-בערג צו אים
צו האַלטן אין פעסטקייט מיין גלויבן.

פון דיר און צו דיר מיין געבעט,
אָן צווייפלען און אוראַלטע מורא׳ס:
דאָס טיפערע אויג פילט און זעט
די ווייטע און זיכערע דורות.

# רייזע אין מעקסיקע

# סאָקאַלאָ

דער קאָנסטיטוציע סקווער אין מעקסיקע

טאָלטעקן שטעקן אַרויס די קעפּ פֿון סקווער:
די זון וועט אויסגיין. יאָרטויזנטער ווערן מער.
אַזטעקן מעקן אָפּ דאָס פּנים פֿון היינט:
געשיכטע איז געוועבט פֿון שונאים און פֿריינט.

צוויי הונדערט פֿופֿציק יאָר די קאַטעדראַל:
זי טורעמט הויך ווי פּאָפּאָקאַטעפּעטל;
די שלאָפֿנדיקע פֿרוי זעט דעם פֿאַנאַנדערפֿאַל,
און שלאָפֿט אין שניי, ווי אין אַ שניי־ווייס בעטל.

די קאַטעדראַל, די גרעסטע אויפֿן קאָנטינענט,
מיט פּרעפֿלעריי פֿון גאָלד־בראָקאַטנע וועסטן,
האָט אויך אַ יעזוסן פֿון ליים דעם גרעסטן,
מיט אויסגעשפּרייטע, בלוטנדיקע הענט.

ווי איינער זאָגט: אַי ייִד, וואָס קומט אַרויס!
איך האָב ווי דו געוויינט אויף טויזנט בראָכן,
און האָב זיך בלויז די הענט און פֿיס פֿאַרשטאָכן:
וואָס טויג דאָס טראַכטן און דאָס רעדן גרויס.

אויף קני אין אונטערטעניקייט אַ מאַן, אַ פֿרוי,
זיי קניען גלייך ווי גאָט וואָלט דאָס געוואָלט:
זיי זעען נאָך אין ווײַרויך טעג פֿון גאָלד,
און זיינען גרייט דאָ אויסצוגיין אַזוי.

די קאַטעדראַל איז אַלט. גלאָק איר געווער.
רחמנות קלינגט נאָך אין די פּושקעס שיין;
דער טעמפּער גאַפֿט און הערט און וויל פֿאַרשטיין:
די קאַטעדראַל שטייט אויבנאָן אין סקווער.

אין ליווערפּול קאָכט, ווי אין מעיסים איז שטיל:
קאַטעדראַל איז עפּעס אומבאַגרייפלעך,
די וואַנט פון ליווערפּול איז בלאַנק און שטייפלעך,
און יעדע וואונדערט וואָס די צווייטע וויל.

ס'איז שווער צו גלייבן אין דער אַלטער וועלט:
טאָלטעק, אַזטעק, שפּאַניאַל צי סאַפּאָטעק,
מוז אַלץ אין נויט און בראַך און פּיין אַוועק?
עס גלייבט זיך שווער אין ליווערפּול און געלט.

דאָס ברויט מיט פּוטער פונם סאָקאַלאָ,
דער ברויז פון אויפגאַנג אין פּאַנאַנדערפאַל,
די האַרבע אַלטע וועלט, וואָס איז נאָך דאָ,
איז לענג פונם פּאַלאַסיאָ נאַסיאָנאַל.

די רחבות קוקט, דער עבר טוט אַ ווייע,
און דורות שפּילן דיר אַ סערענאַדע;
ס'איז אַלץ דאָ פּשוט ווי אַן עפּאָפּייע,
נאָר ס'זינגט מיט אויבערוועלט ווי אַ באַלאַדע.

דער פרייהייטס-גלאָק. באַלקאָנען. גריטאָ. וואָך.
דו גאַפּסט פון אַלע זייטן און דו גלויבסט:
דיר זיינען קלאָר יאָרהונדערטן פון שמאַך,
נאָר שלינגסט אַראָפּ דאָס וואַרגעניש און לויבסט.

און אינעווייניק ברויזט ווי פּראַמעטעי,
דיעגאָ ריוועראָ, שליידערער פון בליץ,
פון קירך אַרויסגעריסן פּיין און וויי,
מיט טראַגישקייט, מיט שאַרפקייט און מיט וויץ.

אַלץ וואָס עס זאָגט די קאַטעדראַל און זינגט,
און וואָס די פּושקעס בעטן אויס פאַר זיך,
און אַלץ וואָס יעדער וועספּער-גלאָק צעקלינגט,
פאַרלייקנט דיעגאָ מיט אַ צויבער-שטריך.

נעץ פון רעלסן. אינזעלע פון פלאַנצן.
פאַלמען, טראָפּיש גראָז און ראַשיקער פּאַרקער;
פּופּצנטער סעפּטעמבער, גריטאָ, טאַנצן:
אַ וועלט פון קאַמף פאַר פרייהייט איז דער סקווער.

סאַראַפּעס פאַרביקע און פייערווערק,
און קינדער באָרוועסע אין שפּיל אין שלענג:
עס פלאַצן אויף פאַר גראַשנס הונדערט מערק,
געדרענג, און ווייסט נישט מער וואו ברייט וואו לענג.

צו טיפער פאָלקס־נויט פירן אַלע וועגן,
טרעגער ביי די ראָגן לויפן אוים און איין:
פרימאָרגנס לויטער זון. נאָכמיטיק רעגן.
און דער יאָרהונדערטן לייטערט זיך אין פּיין.

אין דאַטומס, דורך אַ רייע שווערע יאָרן,
דערגייט אַ פאָלק פון טיפעניש פון צייט:
ווי לאַנג ער טראָגט די שלאַכט־טעג אין זכרון,
קען זיין אויפגאַנג שוין נישט זיין זייער ווייט.

פון אַט דער ערד אין סקווער, אין בראָך און צער,
ווען קרבן מענטש איז אויפן פאָלק געהאַנגען,
איז אין זיין אורקראַפט שטייניק אויפגעגאַנגען
דער מילשטיין פון אַזטעקישן קאַלענדאַר.

טאָלטעקן שטעקן אַרוים די קעפּ פון סקווער:
די זון וועט אויסגיין. יאָרטויזנטער ווערן מער.
אַזטעקן מעקן אָפּ דאָס פּנים פון היינט:
געשיכטע איז געוועבט פון שונאים און פריינט.

---

כמעט אין יעדער שטאָט אין מעקסיקע איז פאַראַן אַ צענטראַלער סקווער: סאָקאַלאָ.
די טאָלטעקן זיינען געווען די ציוויליזירטסטע ראַסע, וואָס האָט אַמאָל געלעבט אין דעם אוראַלטן מעקסיקע, נאָך זיי זיינען געקומען די אַזטעקן און מאַיאַס.
פּאָפּאָקאַטעפּעטל און די שלאָפנדיקע פרוי, זיינען די צוויי העכסטע וואולקאַנישע בערג נעבן דער שטאָט, און זיינען אייביק באַדעקט מיט שניי.
ליווערפּול איז דער מאָדערנער דעפּאַרטמענט סטאָר אין מעקסיקע סיטי.
די סאַפּאָטעקן — אַן אוראַלטע ראַסע.
גריטאָ — אויסרוף.

## אָרעמע גאַסן

דאָ פלאַקערט נאָך דער פלאַם פון אָרעמקייט און בראָך,
מיט שייטער־צונגען פון אַ פאָלק אין פּיין און שאַנד;
דער ביטער און דער נעמער גייען האַנט אין האַנט,
און בייטן אוים אויף רענדלעך יענעמס הונגער־וואָך.

די אַלטע, רויע ליידנשאַפטן ברענען נאָך
אין פּנים׳ער און הערצער אין אַזטעקן־לאַנד;
מעסטיס, קרעאָל און מעקסיקאַנער, אַלץ ביינאַנד
שפּילט אַלץ אויף טויט און לעבן מיטן טייוול שאָך.

גאַס איין גאַס אוים ווערט גאָר די בעטלער־האַנט נישט מיד,
פון טראָטואַר אַרויף פאַרפאָלגט דיך בעטלער־ליד,
און טראַכסט: וואָס האָט די היענע אייביקייט דערפון.

אַ קינד אין שאַנד: אַ גלויביקער אין גסיסה הינקט:
אַן אויסגערינען אויג מיט אַ גיטאַרע זינגט:
און נאָנט איז דיר די וואונד געטריקנט אין דער זון.

# בעטלער ביי קירכן

דאָ הענגט פון הימל נאָך די שוואַרצע בריק
פון פינסטערע יאָרהונדערטן אין פּיין,
ווען צלם האָט געטראָצט אין רוים אַריין
און מיטלאַלטער האָט פאַרוואָרפן שטריק.

דאָ פּרעפּלען נאָך די גלעקער הייליק גליק,
און אויף אַלטאַרן טריפלט האָסטיע־וויין,
מען רוימט דעם פּאַטערל די סודות איין,
און צלמים בייטשן נאָך די צייט צוריק.

נויט, בראָך און אומגליק, שדים־שוועסטער דריי,
וואָס רייטן ווי מגפות פראַנק און פריי,
דורכקרייצן גאַסן, סאָקאַלאַס און מערק.

אַ בלינדער זינגט מיט קול פון בליי,
דער מיטלאַלטער גייט ווי בלינד פאַרביי,
און שטום און אייביק טורעמען די בערג.

# וואַרטנדיק אויף קוילן

ווער האַלט די וואַרעמקייט פון פאָלק אין האַנט,
דעם אוצר פון אַ שטיקל שוואַרצער קויל,
אַ ביסן שפּייז צו קאָכן פאַרן מויל,
און וואַרעמען דעם גוף אין שטוב ביינאַנד.

ווער איז דער גאָט פון פייער דאָ אין לאַנד,
דער נייער פּראָמעטעי פון קענדל קויל,
וואָס זאָגט ווען ס׳זאָל דעם פאָלק זיין וואַרעם וואויל
און ווען זיך טוליען צו אַ קאַלטער וואַנט.

דער גאָט פון פייער וואַרט, ווייל ער פאַרשטייט,
אַז קופּער־געלט און קענדל זענען גרייט,
און אויך די פרוי מיט פּיין אין איר געזיכט.

די שרענגע מיט די פּוסטע קענדלעך שטייט:
אַזאַ מין אומגערעכטער אומעט ווייט
פון די וואָס גאַרן וואַרעמקייט און ליכט.

# דער פּיראַמיד פֿון דער זון

אין זון פֿאַרפּלייצט שטייט שטאָלץ דער פּיראַמיד:
אַ וואָלקן האָט אַ קינד פֿון שטיין געהאַט;
די מיילן רינגלען אים ווי אַראָמאַט,
און אַ יאָרהונדערט איז אַ קייטן־גליד.

דאָ ווערן די יאָרטויזנטער נישט מיד,
די ווינטן ווערן קיינמאָל גאָרנישט זאַט
פֿון שטויב פֿון שטיינער, זאַמד־פֿאַרשמאַכט און מאַט:
דאָ זינגט דער ווינט נאָך אַ פֿאַרקלונגען ליד.

אַזוי שטייג איך אַרויף דאָ צו דער זון,
און חלום שטייגענדיק אין ליכט דערפֿון:
דער וועג צו גאָט פֿירט גלייך צום קוואַל פֿון ליכט.

נאָר אויפֿן העכסטן שטאַפּל שווינדט דער מוט,
ווייל אויבן דער מזבח זינגט פֿון בלוט,
און ביזט נאָך ווייטער פֿון גאָטס אַנגעזיכט.

# צוואַנציק סענטאַוואָס

אַ קלונג אויפֿן בופֿעט פֿאַר גוט באַדינען,
אַ דאַנק פֿאַר אויספּוצן די מאַטע שיך,
נעם העלפֿט אַ רעשט ווען דער קאַמיאָן פֿליט גיך
און גיב זי דעם גיטאַרע־זינגער דרינען.

קענסט דאָ און דאָרט אַ קליינע טרייסט געווינען:
קאַרניטאַס פֿון אַ הייסער גאַסן־קיך,
אַ גלעזל קרעספּאָ צו דערקוויקן זיך,
נאָר מער ווי פֿון איז אויף איר צו געפֿינען.

די ווייטע הויכן פֿון די צוויי וואולקאַנען,
די עקספּאַנסיווקייט פֿונם פּיראַמיד,
דער צוים פֿון קאַקטוס איז דאָ אויך פֿאַראַנען,
און קענסט דאָ הערן מאָנטעזומאַ׳ס ליד.

קוק אָן דאָס פּנים פֿון די צוואַנציק סענט,
און זע ווי גאָט הענגט, לעבער אין די הענט.

## דער קלויסטער פון דער אינקוויזיציע

אַלץ העכער אויפן באַרג דער וועג צום וואַלד,
צום הויכן סודות׳דיקן וואַלד דעם אַלטן,
וואו ס׳ליגט אין שוואַרצן שאָטן טיף באַהאַלטן
דער קלויסטער ווי אַ ריזן־גרויל געשטאַלט.

וואָס האָבן מענטשן דאָרטן דורכגעלעבט,
אין נעפּלדיקן הימל־וואַלד דעם קאַלטן,
וואו ס׳בלאָנקען גייסטערהאַפט נאָך איצט געשטאַלטן,
געהילט אין שוואַרצן טוך פון נאַכט געוועבט.

די ווענט פון קלויסטער האַלטן אין דערציילן
דאָס אומגליק און דעם בראָך פון זיינע היילן:
די אינקוויזיציע רעדט מיט שלאַנגען־מויל.

דער לאַבירינטן קעלער איז אַ נאַסער,
עס קאַפּעט נאָך פון ווענט דאָס מאַרטער־וואַסער,
און ווי אַ טיגער שטשירעט נאָך די גרויל.

## טאָרעאַדאָר

דיין פּרעכטיק לעבן האָט דעם גלאַנץ פון ליגן,
וואו אַלץ קומט העררליכער און שטאַרקער פאָר:
דו ציסט אין קאַמף דאָס בלוט דער ערשטער, נאָר
געדענק, אַז שטאָל האָט האָרן איבערשטיגן.

דער שטומער אָקס וואָלט קיינמאָל נישט פאַרשוויגן
דיין בייפאַל פונם רעוועדיקן כאָר,
ווען נישט דיין פאַלשע פּראַכט, אָ טאָרעאַדאָר,
וואו שטאָל און רויטע זייד פאַרהעלפט דיר זיגן.

דיין קאַמף איז נישט קיין גלייכער מיטן שטיר;
דו אים ביזט רעטעניש, נאָר נישט ער דיר:
דו האָסט דאָס ליכט, ער פינסטערניש פון רויט.

דו אָטעמסט גראַציע, שאַרפזין, טויט־פאַרלאַנג,
ער אָטעמט גסיסה, בלוט און אונטערגאַנג,
און דו נעמסט בייפאַל דאָרט וואו ער נעמט טויט.

# פּאָעמעס

# אַ דערטרונקענער

ער האָט אַזוי באַדאַרפט אַ פריינט ווי ס'דאַרף אַ מענטש אַ העמד:
ווייל אַלץ וואָס נאָנט דעם אַרטיקן איז אים געווען פרעמד.
נישט איין נאַכט פלעגט ער מעסטן מיט די טריט די לאַנגע בריק,
וואָס איז די גרעסטע אין דער וועלט, די גרעסטע, סאַראַ גליק.
געקומען פון אַן אַלט פאַרוואָרפן שטעטל אינם תהום,
אַ שטעטל וואו דער הונגער-מלאך גייט אין גאַס אַרום,
וואו יעדער האַלדז איז אויסגעדאַרט אויס זשעדנעקייט נאָך ברויט,
אַ שטעטל וואָס באַשטייט פון יידן, גויים, הינט און טויט:
וואו הינט ווערט מער, און מינדער יעדעס יאָר די יידנס צאָל,
אַ שטעטל וואָס איז ענליך צו אַ גרויס פאַרלאָזט שפּיטאָל.
פון דאָרט איז ער אַהערגעקומען זיבן יאָר צוריק
און האָט געבראַכט אַן אָפן האַרץ און בענקעניש נאָך גליק.
און וואָס איז גליק? וואָס מערער אַרבעט אין דעם נייעם לאַנד,
צו קענען גיך דעם טאַטען דאָרט דערלאַנגען ברייט די האַנט.
אַרויסהעלפן די נאָנטסטע גיך, דאָס שלעכטס זאָל גיך פאַרביי,
און אָנהויבן אין נייעם לאַנד אַ לעבן אויף דאָס ניי.
און גליק איז אויך דער שענסטער טרוים, וואָס צערטלט זיין געדאַנק,
צו האָבן זיין געליבטע דאָ דאָס גאַנצע לעבן לאַנג.
שוין זיבן יאָר. געקומען מיט אַ ברודער זאַלבענאַנד,
מיט האָפנונג און אַ קעסטל, איינס אין האַרץ און איינס אין האַנט.

דאָס האַרץ איז ברייט און אָפן, נאָר דער וועג צום גליק איז שמאָל:
דער וועג צום גליק אין לאַנד פון גאָלד גייט אָפט דורך שטיין און שטאָל.
די וועלט-שטאָט האָט אים אויפגענומען ווי אַ האַנט-געצייג,
דאָך צוגעזאָגט אים ימ'ען גליק, צום סוף פאַרכאַפּט אין שטייג.
ווי רייך אין אוצרות איז דאָס לאַנד, ווי ווייניק ער באַגערט,
דאָך יעדער טאָג אין נייעם לאַנד האָט אים דאָס בלוט פאַרצערט.
צו האַמער, נאָדל אָדער אָל איז ער נישט צוגעוואוינט:
ער קען איין זאַך, וואָס ווערט אויף ד ע ר וועלט לײדער נישט באַלוינט.
צו מסחר טויג ער נישט, און לאַנד און לייטן קען ער נישט,
און טראַכט ער וועגן דעם, ווערט אַלץ אין קאָפּ צונויפגעמישט.
נו, פלאָגט זיך שטיל די זעל, דעם גוף דערהאַלטן מוז מען דאָך,
דאַן טראָגט אויף זיך דער מענטש פאַר ברויט און רו דעם שווערסטן יאָך.

האָט ער בייטאָג געאַרבעט, ווי ער וואָלט געקנאָטן ליים,
דאַן פלעגט ער זיצן גאַנצע נעכט און שרייבן בריוו אַהיים:
איר זאָלט נישט זאָרגן, כ'אַרבעט לייכט, איך עס גוט און שפּאַציר,
און נאָך אַ חודש, נאָך אַ וואָך און איר וועט זיין מיט מיר.
אַזוי האָט ער געטרייסט די טאַטע מאַמע אין דער ווייט,
ווייל טיף אין האַרץ האָט ער געגלייבט נאָך אין אַ גוטער צייט:
אַ צייט, ווען ער וועט מער נישט דאַרפן ליידן אין געהיים,
נאָר אויפטאָן עפּעס גוטס פאַר זיך און זיינע אין דער היים.

די צייט ביים וועבשטול רוט נישט אָפּ. עס רוישט איר שטול און וועבט
תכריכים פאַר דעם מענטש וואָס טרוימט, ווי פאַר דעם מענטש
וואָס לעבט.
און ער האָט לעבן נישט געקאָנט, נאָר טרוימען וואונדערשיין:
און פיינליך פלעגן טרוים נאָך טרוים צערינען און פאַרגיין.
אַ שטילער מענטש, ווי קען ער לעבן דאָ אין לאַנד פון האַסט?
ער פילט זיך, ביי אַ רייכן טיש אַן איבעריקער גאַסט.
ער ווייסט, ס'איז דאָ גענוג פאַר יעדן תבואה אויפן פעלד,
נאָר קאָסעם האָבן די, וואָס קאָנען לעבן אויף דער וועלט.
נאָר אומבאַמערקטערהייט האָט ער פאַרלוירן זיינע האָר,
און לעבנדיק מיט גליק אין טרוים פאַרשפּילט די יונגע יאָר.
נאָר אָפט האָט ער געטראַכט: ווען רבקה'לע זאָל איצט אים זען,
ווער ווייסט צי ס'וואָלט מיט אים דאָס ערגסטע נישט געשען.

און איינמאָל האָט אַ לאַנדסמאַן אים דערציילט אַזוי זיך, גלאַט,
אַז ס'האָט די שטילע רבקה'לע חתונה געהאַט.
ער האָט דערביי געשמייכלט און מכלומרשט נישט געגלויבט,
און האָט איר חן און שיינקייט פאַר דעם לאַנדסמענטש אויסגעלויבט.
נאָר שפּעט ביינאַכט פון יענעם טאָג ווען ער האָט דאָס געהערט,
האָט ער געפילט, אַז ס'לעבן זיינס איז לעבן מער נישט ווערט.
אין אים האָט דאַמאָלס אַ געדאַנק צום ערשטן מאָל דערוואַכט,
וואָס האָט דעם שלאָף אים אָפּגערויבט אויף יענער גאַנצער נאַכט.

דער יונגער ברודער פלעגט אים פאָלגן יעדע זאַך אויף בלינד:
ער איז געווען דאָך יינגער פיל, כמעט נאָך גאָר אַ קינד.

ער האָט אַמאָל דעם יינגל צוואַנציק ציימונגען געקויפט
און אים געזאָגט: גיי לויף אַזוי ווי יעדעם יינגל לויפט.
און אומגעלאָפן איז דאָס יינגל פון דער פרי ביז נאַכט,
און האָט מיט שוויים־פאַרדינטע קופּער־סענט אַהיימגעבראַכט.
אַ יינגל אין די פופצן זעכצן, שיין געוויקסיק, שלאַנק,
נאָר בלויז די אויגן האָבן אויסגעזאָגט, אַז ער איז קראַנק.
ער האָט קיין וואָרט פון זיך דעם ברודער קיינמאָל נישט געזאָגט,
ער האָט זיך אויף דעם מינדסטן וויטאָג קיינמאָל נישט באַקלאָגט:
נאָר טיף אין יונגען האַרץ ביי אים האָט אַ פאַרלאַנג געגליט,
נאָר איין פאַרלאַנג, וואָס פייניקט אים טאָג איין טאָג אויס און ציט.
דאָס איז געווען דער פאַרלאַנג די אַלטע היים צו זען.
וואָלט נישט געווען דער ים, וואָלט ער אַהין צופוסנס גיין.
ביי טויזנטער פאַרהיילט זיך גיך פון היימאַט־וויי די וואונד,
נאָר ער איז ווי אַ קראַנקע שיף אַראָפּ צום שוואַרצן גרונט.
דאָס טרעפט נישט זעלטן דאָ אין לאַנד מיט קינדער פון דער וויים,
צו טראָגן היים־וויי אין דער ברוסט און שטאַרבן פאַר דער צייט.
אויס בענקשאַפט נאָך דער וויימער היים האָט אויסגעצאַנקט אַ זעל:
עס האָט געפילט דער עלטערער דאָס האַרץ זיינס אין דער קעל.

אַזוי איז ער פאַרבליבן גאָר אַליין אין פרעמדן לאַנד,
און אָפּגעוואוינט זיך מיט דער צייט צו דריקן וועמענס האַנט.
ער האָט מיט ביטול צוגעזען ווי פיל פון זיינע פריינט,
ערשט נעכטן נאָך דערשלאָגענע, עשירים גרויסע היינט.
ווי יעדער האָט אַ צוועק אין לעבן, יעדער האָט אַ וועג,
און טוט וואָס אים באַצאָלט זיך גוט, נישט דאָס נאָר וואָס מען מעג,
ווי יעדער איינער שטרעבט צו וואָס און רייסט זיך אין דער הויך:
נאָר זיינע לעצטע האָפנונגען צורינען אים ווי רויך.

ער האָט געזען ווי יונגע לייט, די קנאָספּן פון דער וועלט,
פאַרשווענדן זייערע פרילינגס־טעג אין יאָגעניש נאָך געלט,
און מענטשן גראָע שוין, וואָס האָבן דוכט זיך אַלץ דערגרייכט,
זיי זעען אויכעט אוים, ווי ס'וואָלט די רו זיי אויסגעווייכט.

ווער ווייסט צי טאַטע מאַמע דאָרטן לעבן איצט נאָך גאָר:
אויב יאָ נאָך, מוזן ביידע זיין באַקרוינט מיט ווייסע האָר.

מיט וואָס און ווי קען ער פֿאַרזיסן זיי די לעצטע טעג,
ווען בלויז צוזשטערטע יונגע יאָרן זענען זיין פֿאַרמעג.
ס'איז אמת ער איז יונג, דאָך אָפּגעלעבט; געזונט, דאָך מיד,
און ס'קען אים נישט דערפֿרייען מער דאָס פֿרייענדיקסטע ליד.
עס רוישט אים אין די אויערן דער פּילדער פֿון דער שטאָט,
די טעג און נעכט פֿאַרברענגט ער פּוסט און לעבט אויף גאָטס באַראָט.
און לעבט מען אַזוי פּוסט און פּאַס, ווי לאַנג איז דען דער שיר?
לאַנג פֿאַר דער צייט קומט אָן דער טויט און קלאַפּט אָן דרייסט אין טיר.

און איינמאָל שפּעט אין הייסן תמוז, אין אַ ווייסער נאַכט,
אין גיין פֿאַראומערט אויף דער בריק, האָט ער אַזוי געטראַכט:
אַ שאָד וואָס איך האָב נישט דערגרייכט צו וואָס איך האָב געשטרעבט,
איך האָב דאָך נישט געלעבט נאָך רעכט און האָב שוין אָפּגעלעבט.
אַ שאָד. מיין לעבן וואַקלט זיך, ווי ס'שיפֿל דאָ ביים ברעג,
און מעגליך ס'וועט זיך אָפּרייסן און אין דער נאַכט אַוועק.
פֿאַרוואָס האָב איך אַזוי געלעבט: ווער ענטפֿערט מיר: פֿאַרוואָס?
אַ שאָד וואָס אויף מיין קבר וועט נישט וואַקסן ס'מאָל קיין גראָז.
אַ שאָד וואָס איצט איז נאַכט און ס'לעבן מיינס איז אויף דער וואָג,
אַז שטאַרבן איז דאָך שענער אין אַ מיטן העלן טאָג.
אויך דאָס מיר נישט באַשערט. מסתמא דאַרף דאָך אַזוי זיין.
אַ שאָד אַ לעבן וואָס פֿאַרגייט, אַ שאָד וואָס ס'איז גראָד מיין.

מיט גאָל אין האַרץ צום לעצטן מאָל האָט ער זיך קלאָר באַקלערט,
און זיכער איז, אַז ס'לעבן זיינס איז לעבן מער נישט ווערט.
זיין פֿינסטער מזל. הימל, טייך, און אויף דער בריק קיין הונט:
אַרויף צום הימל קען ער נישט, ער שפּרינגט דערפֿאַר צום גרונט.
דעם בעסטן מענטשן אויף דער וועלט פֿאַרשעלט ער נאָך אַפֿריר:
ווער ס'וועט מיך וועלן ראַטעווען זאָל זינקען גלייך מיט מיר.
ער שפּרינגט. אַ פֿליוך. און רייפֿן אויפֿן טייך און גאַרנישט מער:
דאָס האַרץ איז אים געווען אַזוי ווי טויזנט שטיינער שווער.

1916

# דאָס פאָלק פון ספר

## א

פון נעפּל טויכן־אויף די ערשטע האָרדעס,
ווי אַריער ווילד, מיט הונגער אין די מאָרדעס,
מיט בלייכע פּנימ'ער און שוואַרצע בערד.
ס'גייט אויף דאָס ערשטע שפּינוועבס פון לעגענדע,
אַז בלויז אַן איינהייט פירט די גאָרע גרענדע.
דערווייל בלויז פּויערים וואָס ווילן ערד,

און פּאַסטוכער. און ס'ווערן שאָף און רינדער
אַלצאיינס געציילט ווי מאַן און ווייב און קינדער;
ס'גייט אַלץ אין צאָלן; איינער בלויז — דער האַר.
אַנשטאָט אַלימפּ מיט זינגענדיקע געטער —
דעם סיני'ס ספר — שטיינערנע צוויי בלעטער,
ווערט שרעק דער גלויבן און מען לויבט דערפאַר.

מען נעמט געזעצן אָן, אין בראַנד געציילטע,
און טיפער גלויבט מען אַז מ'איז אויסדערווײילטע,
אַ ציר אין ראָס פון פעלקער איינגעפּאַסט;
זיין הייליקייט באַשיצט פאַר אים מיט שפּיזן,
גלייך פאָלקס־באַפרייער זענען זיינע ריזן,
און איצט איז קלאָר, אַז ער איז בלויז די לאַסט.

## ב

ווי הייליק נעכטן שטייט, נישט אומצואוואַרפן:
אויף ווערבעס הענגען די פאַרשטומטע האַרפן,
דעם כוס זכרונות טרינקט מען מיטן שוים.
און ווען דער טרויער הויבט שוין אָן פאַרשעמען —
מיט בלויז אַ שוואַכער שווערד, אַליין, פאַר ווענען
מיט בלויז אַ נס האָט מען געפאַכטן רוים?

פאַרטאָג, ווען נעפּלען נעמען זיך צוקריכן,
באַקליידט אין קלייד און שטייגער פון די גריכן,
איז נישט דער גוף אַליין אין פרעמד געוואַנט,

נאָר אויך די זעל, אַ בלינדע, ווי אַ סאָווע
אין מיטן טאָג, און וויינט ביינאכט: יעהאָווע!
און ס׳קלאָגט די לינקע אויף דער רעכטער האַנט.

דאָס אייביק שטאַרקסטע איז די צאָל, איז איינער.
מעג יעדער אָפּגאָט שטאַרקער זיין, קען קיינער
נישט ביישטיין אים, צוזאַמען צי אַליין.
דאָך הערשט ווירוואַר, מען קען זיך נישט געפינען,
טייל מחנות בלייבן, אַנדערע אַנטרינען,
און ער בלייבט ער, מעגסט יאָ צי נישט פאַרשטיין.

ג

ווען בבל האָט געגרינט שוין און גערויזנט,
און זרבבל׳ס צוויי־און־פערציק טויזנט
מיט בויערקראַפט אַריבער שוין דעם פרת,
האָט טיף אין שווערן בלוט מיר אויפגעוואַכט
אַ גלויבן: טיר און טויער אויפגעמאַכט,
אָן צוים דער גייסט, ווען גוף אָן יאָך און שלאָס.

איין דורשט בלויז האָט געטרוקנט מיר דער גומען:
דער אָנהויב פון דער ליכטיקייט זאָל קומען
און בלייבן מיט די אויסדערוויילטע זין,
מיט די וואָס קומען בויען און פאַרפלאַנצן,
וואָס צינדן די נשמות אָן, אינגאַנצן
פאַר אים, וואָס ער אַליין ווייסט דעם וואוהין.

נאָר בוי אַ נייעם הימל און באַוואוין אים,
ווען קריכנדיקע פלאַנצן פון שומרונים
דערקריכן צום גריזים. אַלץ איז קליין:
זיך נאָכאַמאָל אין יאָך פון גייסט פאַרשפּאַנען;
אָן אויפלייכט: נאָך אַ קריגל אויל פאַראַנען —
און ווידער אין דער פינסטערניש אַליין.

ד

אין טיפער פינסטערניש, אויף וויסטע וועגן,
עקשנות בליענדיק פון טרערן־רעגן,

און יעדער שליאַך מיט שפּיז פון קרייץ פאַרשטעלט,
האָט שטום זיין לאַסט באַשווערט די מידע אַקסן
די ביטערקייט ווי קראָפּיווע געוואַקסן,
און ביסלעכווייז פאַרשפּרייטן מיר די וועלט.

אַזוי ווי נאָך ביים אָפּגרונט פון די צייטן,
ווען קיינער קען נישט זען וואָס ס׳קען באַטייטן
די גלוסטונג צו אַ זיבן־שלייער־טאַנץ, —
ווי טיפּוס־פּלעקן לאָזן זיך דערקענען, —
האָט אונדז דער גאָלדגעץ אָנגעהויבן ברענען,
די שאַנד פון קאַליגולאַ׳ס אָראַגאַנץ.

און ווער קען אויף דער ערד אַ בראַנד פאַרמיידן,
ווען ס׳ברענען די שטורקאַצן פון די היידן,
און דער וואָס גלויבט איז בלויז אַ בוים אין וואַלד;
די וועלדער ברענען און די וועלט גייט־איבער,
פון טאָלן ווערן בערג, פון טייכן גריבער:
אין ערדיש בלוט פאַררינט דיין גאָטס געשטאַלט.

## ה

ער קען די פּיין פאַר אים אונדז נישט פאַרגעלטן.
ס׳האָט בראַנד פאַרלענדט די הייליקע געצעלטן,
און אַלץ פאַרנידעריקט ביז אַש און זומפּ.
טיילמאָל נאָך אויפגעפלאַמט וואו ביי אַ פויער
אַ האָלאָוועשקע פון צוגליטן טרויער,
דערנאָך ליגט שווערד און אַקעראייזן שטומפּ.

דער פויער בענקט נאָך ערד, נאָך שאָף — דער שעפער;
נאָר אַקער, פלאַנץ און פּאַשע — מיט אַ ספר;
בוי־אויף די טאַט, ווען ער איז בלויז דאָס וואָרט.
דער יאָג־הונט שרעק האָט אונדז געמאַכט סמנים,
דאָס אַקעראייזן — צייט — געקאַרבט דאָס פּנים,
איז פרייד געוואָרן — וואַנדל אָנשטאָט אָרט.

דער הייד דער מלך קען די האַנט נישט שטאַרקן,
און, וועלוועלער פון פערד אויף שקלאַפן־מאַרקן,

איז שווער די זעל געזונקען צו דער ערד.
בלויז טיפע ווערטער אַנשטאָט פלאַכע לאַנען,
און פרייד און זיכערקייט, אַז ס׳איז פאַראַנען
אַן אויג וואָס זעט אַלץ, און אַן אויער הערט.

ו

דאָס ספר! קען אַ בלאַט דערפון פאַרטייטשן
דעם פלום פון צייט, דעם סווישטש פון בייטשן,
דעם טיגערס קראַפט, די הייליקייט פון טראַכט?
צי בליט אַ ספר פרילינג, ווערקט סוף זומער,
און ס׳ווייסט וואָס ס׳זעט דער בלינדער, טראַכט דער שטומער,
און בלוטיקט אומשולד? ווײנט אַ ספר? לאַכט?

דאָס ספר! הייליקייט און וואַנזין רינען
אין רינשטאָק צייט, און ס׳איז נישט צו געפינען
קיין פאָלק, קיין קיסר אָדער פראָסטן מאַן,
וואָס זאָל זיך זינגענדיק אַליין באַלאַסטן
מיט לאַסט פון ליכט פאַר בלאַנדזשענדיקע מאַסטן
פאַר ווער ווייסט וואָסער ווענסיז ווייטן שפאַן.

בלויז איך און דו, מיר אייביק גרויסע־קליינע,
ווי הלל לויטערע און הייליק ריינע,
דורך ים און בראַנד מיט אים פון אָרט צו אָרט:
אַמאָל ווי פאַקנטרעגער פאַר זיין נאָמען,
און אָפט ווי מבול־טויבן פירן זאָמען,
פאַרגלויבט: ס׳וועט ערגיץ אָנקומען זיין וואָרט.

ז

אַזוי דור איין דור אויס, אין בלייכע מאַסן
דורך וואַלד און פעלד און ענגע געטאָגאַסן,
דעם חלום אין די אויגן איינגעפאַסט
ביי בלייכע קינדער פון געיאָגטע טאַטעס
מיט בערד, אין קאַפּטאַנעס מיט געלע לאַטעס,
הכנעה׳דיק צי שטאָלץ — אַלצאיינס געהאַסט.

און קיין שום כשוף־רענדל קען נישט קויפן
דעם אויפשטייג צום געברען פון שייטערהויפן,
ווען אברים ברענען און דער גלויבן לעבט,
ווען גלויבן לייכט אין פינסטערניש פון היילן,
וואו שרעק־פאַרשטומטע זיצן און דערציילן
דעם נס פון צייט, וואָס זיצט ביים שטול און וועבט

אַ שטערן־דעקטוך פאַרן וויטן מאָרגן;
ווען יעדער פרייט זיך, קיינער וועט נישט זאָרגן
וואָס ס׳קען נאָך ווערן פון דער שפּעטער וועלט.
אַזוי דור איין דור אוים מיט טיפן גלויבן,
אַז פלוצלונג וועט די מענטשהייט זיך דערהויבן
און שטעלן זיך וואו גאָט האָט זי געשטעלט.

## ח

און נאָך די לאַנגע שטיינערדיקע וועגן,
אַליין ביים לעצטן שיידוועג, וועמען פרעגן
דעם וועג, און וועלכן וועג, וואָס פירט וואוהין?
אַז מיר אַליין די זוכער, מיר די בויער,
און מיר די שליסער פונם לעצטן טויער
פון שלאָס, וואו פרייד נאָך האָט אַ זין.

נאָר אייביק בלייבט דאָס טיפסטע אָן אַ נאָמען,
ס׳רינט באַרג־אַרויף דאָס בלוט פון אונדזער זאָמען
און ווערט אַ שטראַל פון יענעם קלאָרן ליכט,
וואָס וואַנדלט אין דער לויטערקייט פון קרייזן,
פון וועלכע ס׳קען זיך אונדז נאָך ער באַווייזן,
און פרייד זאָל לייכטן פון זיין אָנגעזיכט.

אַרויף, אַרויף דורך נעפּלען, שניי און האָגלען,
מיט לעצטע טראָפּנס אין די דאַרע לאָגלען,
פאַרשמאַכטע גומענס בלויז געטרייסט מיט רייד;
און כאָטש אין ערגיץ לייכט נישט אויף קיין צייכן,
וועט עמיץ דאָך דעם טורעם נאָך דערגרייכן,
וואו ס׳מיניעט צער פאַרוואַנדלטער אין פרייד.

# דעם יונגן רבי ישמעאל בן אלישע'ס
# וואַנדערונגען אין די הימלען

### א

שווער און פּיינלעך צו געדענקען:
גאָלד צי פּייער יענע רינגען,
אויפגעטויבט ווי מענטשלעך בענקען,
דורות צי מלאכים זינגען?

וואָלקנס האָבן טיף גענידערט,
תּפילות זיינען אויפגעגאַנגען:
ערד און הימל זיך פאַרברידערט?
אָדער איז אַ וועלט פאַרגאַנגען!

דאָס איז ע ר דאָרט אָנגעקומען
שטיל, ווען די מלאכים דרימלען:
זיין געוויין האָט דורכגענומען
דורך און דורך די זיבן הימלען.

שווער דאָס וויסן, פּיין דאָס מיינען,
וואו בלויז נעפּל האָט ממשות:
הער איך ר׳ ישמעאל'ס וויינען,
ווען איך וויין אין בין השמשות.

### ב

זיין שיינקייט איז געווען נישט אָפּצומאָלן:
דער בליק פול צער פון פּיינלעכע רעיונות,
געקומען פון די טיפסטע לײדנס-טאָלן
אויף פליגל פון די גרימלעכסטע נסיונות.

געדיכטע וואָלקנס האָבן זיך געטורעמט
און ער האָט קיינעם נישט געקענט געפינען:
ער האָט די זיבן הימלען הויך געשטורעמט,
נאָר בלויז זיין קול האָט ער געהערט צערינען.

ער האָט דערזען אַ רויך, דערשמעקט אַ ריח
אין איינער פון די טיפע הימל־ווייטן:
מיכאל, זעט ער, שטייט פאַר אַ מזבח
און ברענט קרבנות. וואָס זאָל דאָס באַטייטן?

„די וועלט פון וואַן דו קומסט איז היינט אַ שלעכטע,
און גאָט האָט ליב די האַרלעכסטע מתנות:
דאָס בין איך פאַר אים מקריב די גערעכטע,
ווייל גאָט האָט ליב צדיקים פאַר קרבנות.״

ער וואָרט נישט מער אויף וואָרט פון אַלדערהויכטן,
ווייל קלאָר איז אים דער גזר פון אַלע וועלטן:
אַ ליכט האָט ר׳ ישמעאל׳ן באַלויכטן —
ס׳איז קלאָר, אַז צדקות וועט מען נישט פאַרגעלטן.

ער וואַנדערט ווייטער, נאָר עס ציט צוריק אים,
ער גרייכט פאַרבאָרגענע קדושה־הויפן,
אים ברענט דער סוד: קרבנות פון צדיקים!
ער זוכט אַ וועג פון הימל צו אַנטלויפן.

ג

פאַר אים גייט פּלוצים אויף אַזאַ מין ליכט,
ווי זיבן זונען וואָלטן אים געבלענדט:
אַ לויטערקייט פון פייער, אומגעריכט,
אַנטפּלעקט אים צוויי דערבאַרעמדיקע הענט.

ער זעט די הענט, און פרעגט נישט נאָך געשטאַלט,
זיין ערפורכט זאָגט אים וואָס די שטילקייט מיינט:
ער זעט דעם טראָן, די הענט, דעם שפריי וואָס פאַלט
און לויטער הערט ער ווי כביכול וויינט.

„מיין זון ר׳ ישמעאל, דו הער זיך איין,
דו הער זיך איין, דו הער זיך איין:
איך, גאָט, דאַרף איצט האָבן די ברכה דיין,
די ברכה דיין, די ברכה דיין.״

„רבונו של עולם, ווי קען דאָס זיין?
ווי קען דאָס זיין, ווי קען דאָס זיין?
אַז דו זאָלסט באַדאַרפֿן די ברכה מיין,
די ברכה מיין, די ברכה מיין?"

„אַז וואָס זאָל איך טאָן?
די עצבות איז שווער:
בענטש מיך, מיין זון,
און פֿרעג מיך נישט מער."

אַ פּחד האָט אים לויטער אויפֿגעציטערט
און ר' ישמעאל האָט אָנגעהויבן בענטשן:
ער האָט געבענטשט פֿון אימה טיף דערשיטערט,
נישט אַנדערש ווי עס בענטשט אַ מענטש אַ מענטשן.

„האַר, דער ווילן זאָל אין דיר אַריין:
רחמנות זאָל דיין צאָרן גובר זיין.
דיין גוטסקייט זאָל דיין שטרענגקייט בייקומען אַצינדער,
און נאָר מיט חסד, האַר, גיי אום מיט דיינע קינדער.

„זיי האַרב און שטרענג, נאָר אָן סכנות,
און שטענדיק, שטענדיק מיט רחמנות."
דאָ הילן איין די הענט מיט גנאָד די וועלט,
נאָר פֿייער־פֿאַרהאַנג האָט זיי גיך פֿאַרשטעלט.

ד

ווער וועט איצט אַרויפֿגיין
אויפֿן טראָן פֿון טרייסט?
עפּעס וועט נאָך אויפֿגיין
וואָס דער מאָרגן ווייסט.

ווער וועט איצט אַריינגיין
צום האַר פֿון זון באַהעלט,
אַז קיינער זאָל נישט איינגיין
פֿון הונגער און פֿון קעלט?

ווער וועט פאַר די מינים
זיך שטעלן קעגן גזר,
קומען מיט תחנונים
צום רחמים׳דיקן האַר?

צי צום נישט דערגרייכטן,
נעפּל ווי געדיכט,
וועט פאַר דיר נאָך לייכטן
קלאָר דאָס העכסטע ליכט.

ה

ער וואַנדערט הימל אויס און הימל איין,
פון די צדיקים׳ס גורל טיף צעבראָכן:
ווי קען אין הימל אייביק שבת זיין,
ווען אויף דער ערד איז שטענדיק אין דער וואָכן.

פאַרוואָס זאָל שטענדיק הילכן דאָ געזאַנג,
די יום טוב פייערן אָן אויפהער גליען:
ווען דער מאַרטירער־וועג איז שווער און לאַנג
און ס׳העלפט נישט קיינעם אויף דער ערד זיין מיען.

אַזויפיל צער האָט איינגעזאַפּט די ערד:
צו וואָס די מי פון געטלעכער יצירה?
קיין לעצט געשריי האָט קיינער נישט דערהערט:
ווי קענען די מלאכים זינגען שירה?

ו

זע צו, ווי שטרענג עס גייט אין יום הדין,
ווען קודשא משפּט אָפּ די גאַנצע וועלט:
בטחון איז אַ גרעסערער געווין,
ווי אוצרות פּערל, דימענטן און געלט.

דו קוק זיך איין מיט קלאָרן בליק און זע,
און שעץ אָפּ די פאַרוויקלטע סימנים:

ווייל דער וואָס קען נישט תורה שבעל פה,
טראָגט אייביק אום אַ שטומען צער אין פּנים.

און דער וואָס קען נישט תורה שבכתב,
און האָט נישט קיין אמונה גאָר אין גאַנצן,
ווי יעדער וואָס איז עובר אויף אַ לאו,
וועט מוזן מיטן מלאך דומה טאַנצן.

נאָר גוט און וואויל איז דעם וואָס קאָן און ווייסט,
ער דאַרף נישט זיין קיין נביא און קיין מלך דוד:
אין תורה שוין געפינט ער זיך זיין טרייסט,
ער וועט שוין זען אין פריידן דעם כסא הכבוד.

די טויזנט פריידן וועלן אים באַגליקן:
דער אָנבליק פון זיין אַלערהעכסטן זיץ,
צום כסא הכבוד אַלע הענגל-בריקן,
דער אָנהויב פון חשמל, די וויג פון בליץ.

אופנים-בריק, גלגלים-בריק, זיין בריק,
אויף וועלכער ער דערנענטערט זיך צום שטול,
דער אָנהאַלט פונעם ווינט, זיין הין צוריק,
די קראַפט פון ליכט וואָס מאַכט די הימלען פול.

„אין דעם באַשטייט מיין גרויסע הערלעכקייט,
דער ווייט-צעשטראַלטער אָפּגלאַנץ פון מיין פראַכט:
אַז מיינע קינדער ווייסן אייביקייט
און קענען מיך דורך טרויער און דורך נאַכט״.

ז

צום שוועל פון מקדש מיט די זיבן היכל׳ען
האָב איך אויף פליגלען פון באַגער געשוועבט:
און שוועבנדיק דערזען מלאכים שמייכלען,
אין ליכטיקן געפלאַטער אויפגעלעבט.

נאָר פלוצים איז דאָס שמייכלען זיי פאַרשוואונדן,
זיי האָבן פרעמד מיט צאָרן מיך באַטראַכט,

מיט סטרונעס פון פאַראַכטונג מיך געבונדן
און אָפּגעלאָזט: אַ יתום אין דער נאַכט.

אַזוי האָב איך דורך נעץ פון צאָרן־אויגן
דעם לעצטן היכל, זיבעטן, דערגרייכט,
אין אונטערטעניקייט זיך איינגעבויגן:
מיין גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיך אויסגעווייכט?

געביטער פון דער וועלט, הער מיין בקשה:
איך בין אין שרעק און אַנגסטן, העלף מיר שוין,
באַשיץ מיך פון קפּציאלן דעם רשע,
אין זכות פון אהרן׳ען וואָס טראָגט דיין קרוין.

און גלייך קומט אָן מטטרון מיר אַנטקעגן:
„ברוך הבא! מיר זיינען פאַר דיר גרייט.״
ער פירט מיך שיצנדיק אויף הימל־וועגן,
די ריזן־פליגל האַרלעך אויסגעשפּרייט.

ח

„וואָס זוכסטו אין די הימלען, ר׳ ישמעאל?״
„איך וויל דעם רייטוואָגן פון קודשא זען.״
ווען כ׳האָב דערזען די שרפים אָן אַ צאָל,
איז עפּעס נישט פון דער וועלט מיר געשען.

די אויגן־בליצן האָבן מיך געמאַטערט
מיט שטרענגען הארבן אָנזאָג אויף געבאָט:
מיט הייליק פייער האָבן זיי געפלאַטערט
און אָפּגעהיט דעם רייטוואָגן פון גאָט.

אין טיפן אויפברויז האָב איך מיך געשראָקן
מיט שרעק פון אייביקייט וואָס גליט אין מיר:
אין ציטער, אַז עס זאָל מיך נישט פאַרלאָקן
צום אונטערגאַנג אָן אויפגעפּראַלטע טיר.

נאָר דאָ האָט גאָט אַליין זיך אויפגעצאָרנט
און אָפּגעהילכט האָט זיין געשטערטע רו:

די כרובים און אופנים שטרענג געוואָרנט
און זיי באַפוילן: מאַכט די אויגן צו!

עס האָט גענומען פלאַטערן און שאָרכן,
ווען שווערער שלאָף האָט מיך נאָך איינגעהילט:
די כרובים האָבן אים געמוזט געהאָרכן
און זייער בייז געפלאַטער איינגעשטילט.

„ער איז מיר נאָנט, ישמעאל, איז מיר טייער,
איך וויל נישט ער זאָל ציטערן פאַר שרעק:
איך האָב אים לאַנג געהייליקט אין מיין פייער,
לאָזט אים צורו און פליט פון אים אַוועק."

האָב בּיסלעכווייז צוריק דערשוועבט צום לעבן,
אַרוים פון בלאָער בין השמשות שעה:
מטטרון האָט מיר זין צוריק געגעבן,
און כ׳פיל מיין לויבגעזאַנג איז ווידער דאָ.

„אָ, האָר, מיין האָר, ווי לאָזטו אויף מיר לויערן
די עקדישן אין יעדן שטילסטן אָרט?"
און ער האָט מיר צעעפנט זיינע טויערן
פון חכמה, כוח, הייליקייט פון וואָרט.

אַזוי האָט אים מיין אָפן הארץ באַגעגנט
מיט לויב פאַר זיינע מעשים און מיט דאַנק:
און זילבער-קלאַנגען האָבן זיך גערעגנט
פון לייבן און פון לעמפערטן געזאַנג.

ווען עמיץ האָט געפרעגט: „ווער איז ישמעאל?"
האָט גלייך מטטרון אָנגעזאָגט מיט פרייד:
אַ זון פון ליידנדיקן פאָלק ישראל!
ווייזט אים דעם רייטוואָגן! און אָן שום רייד!

## ט

מטטרונ׳ס בליק האָט מיך אַזוי באַצווינגען,
גלייך ער אַליין וואָלט קענען אַלץ פאַרגעלטן:

אָרום האָב איך געהערט מלאכים זינגען
און איינגעזאַפּט דעם צער פון אַלע וועלטן.

ער האָט מיך צערטלעך אויף זיין שוים געהאַלטן,
נאָר ס׳האָבן מיך געשראָקן זיינע טרערן:
ער האָט פון מיר שוין נישט געקענט באַהאַלטן
דעם גורל וואָס פון פאָלק ישראל וועט ווערן.

„גאָטס רעכטע האַנט! וואָס ווינסטו, מעג איך פרעגן?״
„שטיי אויף און שווייג און קום וואו כ׳וועל דיך פירן.״
און ער האָט מיך דורך זון און הימל־וועגן
דערפירט צום היכל מיט די זיבן טירן.

ער נעמט אַ פּאַרמעט, שוין פאַרבלייכט אַפילו,
ער מישט און בלעטערט מיט פאַרטרערטן פּנים:
און ווי ער ראָלט דעם פּאַרמעט, די מגילה,
דערזע איך דאָרט פיל פינסטערע סימנים.

איך זע דער פּאַרמעט איז מיט פּיין באַשריבן:
ער ראָלט אים צו, איך בעט זיך ביי אים: עפן!
און פרעג, ווען כ׳זע די פיינען אָנגעקליבן:
די אַלע בראָכן וועמען וועלן טרעפן?

„דעם פאָלק ישראל!״ ענטפערט ער מיט טרערן:
„זיי קומט פאַרוויסטונג, הונגער, שאַנד, פאַרשמאַכטונג,
ווייל די וואָס ווילן נישט זיין וואָרט דערהערן,
די צאָלט ער אָפּ מיט בראָך און מיט פאַראַכטונג.

נאָר ווען זיי וועלן לויבן אים און פרייזן
און אים געדענקען דורך דער פּיין פון יאָרן,
ערשט וועט ער ווידער וואונדער זיי באַווייזן
און וועט די בראָכן אַלע זיי פאַרשפּאָרן״.

און ווי איך האָב מטטרונ׳ען פאַרלאָזן,
האָט לאַנג נאָך מיר געקלונגען אין די אויערן:
דער ווינט פון וויסטעניש וועט אַלץ צעבלאָזן,
דער חורבן וועט נאָך לאַנג און לאַנג געדויערן.

י

איך האָב אין הימל לאַנג געשוועבט, געלאָפֿן
פֿון אַלץ וואָס איז אין פֿאַרמעט קלאָר געשטאַנען,
ביז כ׳האָב דעם מלאך הדרניאל׳ן געטראָפֿן
מיט אָנזאָג, אַז עס איז אויך טרייסט פֿאַראַנען.

ער האָט מיך שטיל געפֿירט מיט צאַרטן פֿליגל,
אויף פֿרייד פֿון גאָלד און גרינע הימל-וועגן:
איך האָב געזען די האַנט מיט זאַלבן-קריגל
און טויזנט הימל-פֿריידן אונדז אַנטקעגן.

מלאכים אין די לופֿטיקסטע געווענדער,
מיט איידלשטיינער, פּערל אין די קרוינען:
זיי מישן וויין פֿון ווייטסטע הימל-לענדער,
וואו די נשמות פֿון די טרויבן וואוינען.

ס׳איז וויין פֿאַר די צדיקים! און געווירצן
צעטראָגן ווייט דעם ריח פֿון גן עדן,
דעם וועג אונדז צו די אוצרות צו פֿאַרקירצן,
און ברומגעזאַנג פֿון בורא וויגט אונדזביידן.

איך וויל מיך פֿאַר דעם מלאך נישט פֿאַרשעמען,
נאָר דאָך איז פֿרעגן אים מיר איינגעפֿאַלן:
„די אַלע קרוינען זיינען דאָ פֿאַר וועמען?״
„פֿאַר עם ישראל!״ ענטפֿערט ער אין שטראַלן.

נאָר איין קרוין, זע איך, לייכט ווי זיבן זונען
אויף קאָפּ פֿון מלאך אַ מיט ליכט באַהויכטן:
„פֿאַר וועמען?״ האָב איך פֿרעגן זיך געפֿונען.
„פֿאַר מלך דוד!״ ענטפֿערט ער באַלויכטן.

איך בעט דעם מלאך מיט אַ טיף באַגערן:
ער זאָל מיר נאָך אַמאָל זיין גנאָד פֿאַרשפּרייטן
און זאָל מיך גנעדיק לאָזן זען און הערן
דעם מלך דוד׳ס גרויסע הערלעכקייטן.

אין צאַרטקייט לאָזט ער אויף זיין שוים מיך זיצן
און רעדט צו מיר מיט ליבשאַפט און מיט כבוד:
„דו זעסט ווי ס׳פליען דורך די זיבן בליצן?
דאָס נעמט מען אויף מיט ליכט דעם מלך דוד.

און שרעק דיך נישט וואָס ביסט אַהער דערגאַנגען:
מלאכים גוטע וועלן דיך באַגלייטן,
וועסט הערן דוד׳ס האַרלעכסטע געזאַנגען,
וועסט זען דעם מלך פאַר די אייביקייטן.״

איך זע ווי דוד קומט פאַראויס, דער מלך:
זיין קרוינונג וועט אונדז אַלעמען באַלוינען.
און הינטער אים אַזויפיל קרוינען צייל איך,
נאָר זיינע שפּרייט מער ליכט ווי אַלע קרוינען.

אין שטראַלן קומט דער מלך אָנצושוועבן,
זיין פייער־שטול דאַרף מער אויף אים נישט וואַרטן:
מלאכים שטראַלן פול מיט געטלעך לעבן,
מע האַלט דעם אָטעם אויף געזאַנג געגאַרטן.

און דוד זינגט פון הייליקער יצירה:
עס זינגען מיט: בית דוד, בית ישראל!
און אַלע שאַרן זינגען מיט די שירה:
געבענטשט זיי, ביסט געבענטשט, מיין זון ישמעאל.

# מאַסן קבר

### א

קאַלט און פינסטער, ברידער!
וועמען רופן פריינט?
וועמען זינגען לידער
פונם שוואַרצן היינט?

וואַנד אויף וואַנד געווירן
רייניק זיי און וואַש:
ווער האָט נישט פאַרלוירן?
יעדער גראָבט אין אַש.

קומען מיט געזאַנגען?
לידער וועגן זיך?
ווען די אויגן באַנגען
צו די בערג מיט שיך?

זיינען מיר נאָך ברידער?
קענען מיר נאָך פריינט?
קומט צו קבורה, לידער
פונם טויטן היינט.

יעדער אבר גליווערט
דאָ אין טרערן־טאָל:
מענטש אין מאַסן קבר,
דו הייב אויף דיין קול.

### ב

מיך האָט גלייך פון חדר
אָנגעיאָגט אַ ווינט
אונטער גרויסע רעדער:
וועמענס בין איך קינד?

ווער האָט מיך פאַרטראָגן
אין דעם קבר דאָ?
איך וועל אים פאַרקלאָגן:
קמץ אלף אָ.

דער וואָס האָט מיט בייטשן
מיך פאַרשמיסן שאַ,
דער זאָל מיר פאַרטייטשן
פתח אלף אַ.

שווין צו שפּעט צו היילן,
אָנהייב איז דער סוף;
איך וועל אַלץ דערציילן:
אלף ביזקל תו.

ג

הער, ברודערל דייטשל, אַ בעל־עגלה:
גאָט האָט היינט מיין שחרית נישט דערהערט.
דיין די שמחה, דיינע די בהלה:
העלף מיר זינקען גיכער אין דער ערד.

האָסט ברודערל דייטשל, מיך שלעכט באַגראָבן,
גאָט האָט היינט מיין שחרית נישט דערהערט:
ווילסטו דאָס ברויט פון אוקראַינע האָבן,
שיט אויף מיר צו נאָך אַ לאָפּעטע ערד.

לאָך, ברודערל דייטשל, היינט וועט דיר גליקן,
גאָט האָט היינט מיין שחרית נישט דערהערט:
איין לאָפּעטע ערד וועט מיך גיכער דערשטיקן,
כ׳וועל אויפגיין סוף זומער מיט ברויט פון דער ערד.

זע ברודערל דייטשל, איך קען זיך נישט בוקן,
גאָט האָט היינט מיין שחרית נישט דערהערט:
אַן אייזיקער צפון־ווינט זאָל דיך פאַרצוקן,
דייטשלאַנד זאָל ווערן אַ לאָך אין דער ערד.

ד

פאַרשניטענע בריסטן,
די חרפּה אין בלוט,
ערד צו באַמיסטן:
אַלץ ווערט גוט.

געווערים אין די קברים
פון ווערים און ליים;
געסט צו סדרים:
ווער גייט אַהיים?

ה

דייטשל אויפן וועג קיין סטאַלינגראַד,
מיט דעם הויכן מערדער־היטל:
די געשיכטע דייטשלאַנדס וואַרט דיך אָפּ
מיט אַ פינסטערן קאַפּיטל.

דייטש, דיין שעה פון זיג פליט גיך פאַרביי:
שוין צוריק? איך אָטעם נאָך!
לעב זיך אויס אין מאָרד און קיילעריי:
אין דיין גורל וואַקסט דיין בראָך.

דייטשל מיט מעדאַלן אויף דער ברוסט,
ווי דו שענדסט און מאָרדסט און רייסט:
ערשט אין קבר האָב איך זיך דערוואוסט
דעם סם־גערוך פון דייטשן גייסט.

ו

טויטע טויבן, ווערים לאַבירינטן,
שמאַטעס תורה אויף אַ טויטן הינטן:
בראָך וואָס קען שוין גאָרנישט מיינען.
ווער קען וויינען?

קדיש קידוש, גליווערדיקע בלוטן,
אברים אויר, בראַנדיקע מינוטן:

אַטעם, הימל, וואָס קען דאָס נאָך מיינען!
ווער קען וויינען?

ז

אַ מאַמע? אַ טאָכטער?
די שיינע חרפה פאַרווײַלט נישט.
געשענדט? פאַרלענדט?
די נאַקעטע חרפה דערציילט נישט.

אַ דייטשל? זאָג! שריי אויס אין טויט.
דו ביזט שוין פריי פון אַלע מורא׳ס;
איך זאָג מיר צו אי ווײַן אי ברויט:
איך וועל מיך נוקם זײַן אין אַלע דורות.

אַ מאַמע? אַ טאָכטער?
די בראָך ווערט דערוויטערט:
נקמה? נחמה?
ס׳ווערט גאָרנישט געלײַטערט.

ח

ריטשקעלעך פאַרטריקנטע ווי קרעלן:
וואָס קענען איצט די קליינע קינדער וועלן?
ברויט אין וואַרעמער מילך?
יאָ, מאַמינקע, דאָס וויל איך.

אָבער דו לעבסט דאָך נישט מײַן קינד.
דו לעבסט אויך נישט מאַמע.
מיר ליגן צוזאַמען
אין זון און אין ווינט.

ט

רחל? ניין. ירמיהו? ניין.
נישטאָ דאָ, אויף דער ערד:
מ׳האָט נאָך אין די הימלען נישט געהערט
אַזאַ געוויין.

בית המקדש? ניין. שפּאַניע? ניין.
עס האָט נאָך דער מקונן
נישט געטון דאָ וואוינען
אויסצואוויינען דאָס געוויין.

### י

איבער פעלדער גייען אויף מענטשלעכע רויכן,
רויב פון ווייסע ווערים אין דער פעטער ערד,
שטייגן אויף צו פּאַראומרייניקטע הויכן:
דינער אַש פון אומקום שפּרייט זיך אומגעשטערט.

ווי רייך איז דאָס מיסט וואָס באַמיסטיקט די פעלדער,
די קאָסע פון טויט וויל שניט-צייט דערלאַנגען:
אין נעכט פון יאָמער הילכן אין די וועלדער
גילגולים פון פאַרגאַנגענע געזאַנגען.

די קברים עפענען די גאָלדענע טויערן,
עס פאַרקלינגט דעם וואַלד אַן איבער-ערדישער ברום:
קיינער האָט נאָך אים נישט געהערט אַזוי טרויערן.
לויטער עצבות וויינט: די ערד איז שטום.

### יא

אַי, ברידער!
לאָזט מיך צורו מיט אַלע לידער:
גיט מיר אַ פּעלצל צו פאַרגעסן
וואָס די קאַלך-אויוונס פרעסן.

איך בין אַלט שוין טויזנט יאָרן:
פליען טויבן פאָרן, פליען טויבן פאָרן.
גיט מיר אַ גלעזל הייסן רומיאַנעק
און שיקט מיך אהיים קיין מאַידאַנעק.

# דער לעצטער סאָציאַליסט

די לעצטע רייכסטאַג זיצונג אין קראָל אָפּערע הויז אין בערלין

דאָ זיינען היינט פאַרשטומט די צויבערקלאַנגען
פון אָפּערע, פון העלדישע געזאַנגען!
אי בראַמס אי באַך אי וואַגנער — אַלע שטומען,
די היטלער באַנדע איז אַריינגעקומען.

שוין גלייך אינדרויסן, אין די פּאַדערזאַלן,
איז אויף די ווענט אַן אימה אָנגעפאַלן.
דער שפּיגל מיט מלאכים׳לאַך באַפליגלט
האָט נאָך אַזויפיל האַס ניט אָפּגעשפּיגלט .
אויף זייערע ערטער קענען מער ניט רוען
די ווייסע מאַרמאָר-ביוסטן און סטאַטוען
און יעדער שטיין פּילט פּיין איצט, יעדער איינער,
פון שאַרפן האַס, וואָס קען צוקרישלען שטיינער,
און אויך די ברייטע טרעפּ און די געלענדער
איז פריקרע פון די פיס און הענט פון שענדער.
זיי לאָזן זיך אַריין די שוואַרצע העצער,
פאַרנעמען חוצפּה׳דיק די שענסטע פּלעצער.

וואו ס׳פּלעגן שמעקן פאַרפומירטע דאַמען,
גייט אויף אַ האַס, וואָס קען אַ וועלט פאַר׳סמ׳ען.
די גאָלד באַצירטע ווענט, די ווייכע פּלושן,
די שטילע לאָזשעס מיט דעם סוד פון קושן,
די פּרימאַדאָנעס אויף די אַלטע בילדער,
די אַטמאָספערע פון מוזיק-געפילדער,
דער הענגלייכטער מיט די טויזנט פאַרבן,
אַלץ פילט עס ווערט דערשטיקט פון האַס — צום שטאַרבן.

און אויף דער בינע, אַנשטאָט העלדן-פּרויען,
די באַנדע רויבער פונם פאָלקס פאַרטרויען.
פון אידעאַלן מענטש — נישטאָ קיין סימן,
בלויז שענדער פונם פאָלקס פאַרטרויטע שטימען.
אַנשטאָט אומשולדיקע שטאַטיסטן-קריגער —
די בלוט-באַפלעקטע באַנדע שוואַרצע זיגער.

און עס שטייט אויף דער פירער פון דער האַרדע,
און עפנט זיין מיט גיפט פאַרמאַכטע מאַרדע:
„מיר האָבן היינט דערלעבט די גרויסע זאַכן
נאָך לאַנגען רוף, אַז דייטשלאַנד זאָל ערוואַכן.
ס'איז אונדזער טאָג; דער שונא דאַרף ערפאַרן,
מיר האָבן נאָך די האַרטקייט פון באַרבאַרן.
דער גיפט פון פרייגעדאַנק איז שטרענג פאַרבאָטן,
און מיר פאַרנעמען זיך אים אויסצוראָטן!"

און יעדער גיפט-געשריי פאַר סענטימענטן
ווערט אונטערבראָכן פון אַפּלאָדיסמענטן.
ער שיסט מיט דעמאַגאָגישע ראַקעטן
און סמ'ט די לופט, וואו ס'דופטן נאָך בוקעטן.
און אין דעם ווילדן בייפאַל-שטורם דעם בלינדן,
האָט זיך זיין חוצפה שטאַרקער נאָך געצונדן,
ביז ענדליך מיט די פויסטן הויך דערהויבן
וויל ער דאָס פאָלק פון יעדן רעכט באַרויבן,
און ער שרייט אוים מיט שטשירנדיקע ציינער:
„עס מוז אין דייטשלאַנד איצט רעגירן איינער!
פיר יאָר באַדאַרפט דאָס פאָלק נישט קיין פאַרטרעטער,
און ווער עס זאָגט פאַרקערט איז אַ פאַררעטער.
איך וויל איר זאָלט אַצינד די מאַכט מיר געבן,
און ס'וועט קיין שונא דאָ אין לאַנד נישט לעבן!"

עס שטורעמען די בראַוואָ-פּאַטשערייען,
און רעכטס און צענטער הערט נישט אויף צו שרייען:
„דערלייזער, פירער, דו דאַרפסט נאָר פאַרלאַנגען,
מען וועט דיר דייטשלאַנד אויף אַ טאַץ דערלאַנגען!"

נאָר לינקס, אין שטומער איינזאַמקייט פאַרבונדען,
פון מענטשליך רעכט באַרויבט און אָפּגעשונדען,
דאָרט זיצן שטום פאַרקלעמט פון האַס אומזיסטן —
די הונדערט פינף און צוואַנציק סאָציאַליסטן.
די קעפּ געזונקען און אין האַרץ אַ צאָרן,
וואָס פון דעם אידעאַל איז איצט געוואָרן.
די פויסטן פּעסט פאַרקלעמט, דאָס מויל פאַרביסן,
און טרערן-קוואַלן ווערן אויפגעריסן.

דער דעמאַגאָג גיסט פראַזן פאַרן פעבל,
און אויף די פאַקל־טרעגער פעך און שוועבל.
די שטילע שטאָלצע סאָציאַליסטן שווייגן
און זעען צו דעם העצערישן רייגן,
די וואַקכאַנאַליע פון דער בלאָנדער בעסטיע,
וואָס טויט די מינדסטע מענטשליכע סוגעסטיע.
די סאָציאַליסטן זעען אַלץ אין שוואַרצן,
און אַ גיהנום ברענט ביי זיי אין האַרצן.
דער העצער וויל זיי רייצן נאַר, פאַרשעמען,
און קיינער וואַגט ניט איצט דאָס וואָרט צו נעמען.
דער העצער גיט דעם פאָלק וואָס ס׳פאָלק וויל האָבן:
„די ווייַמאַר רעפּובליק איז טויט, באַגראָבן!"

און אין דער שעה ווען אַלץ איז שוואַרץ, פאַרלוירן,
ווערט דאָך אַ ליכטיקער געדאַנק געבוירן,
עס שלייפן מוט פון ביטערן ענטריסטן
די הונדערט פינף און צוואַנציק סאָציאַליסטן.

דער העצער שווייגט, די סטאַדע האָט אירע פּראָסע,
דאָס וואָרט קריגט אָטאָ וועלס, דער קאַמף־גענאָסע.
פאַמעלעך שטייט ער אויף, דעם קאָפּ געבויגן,
און פילט אויף זיך דעם האַס פון טויזנט אויגן.
די שאַנד, דער שמערץ צוברעכן אים אין צווייען,
ווען ער דערזעט דעם שונא׳ס שוואַרצע רייען.
דאָס איז דער רייכסטאַג . . . מישט זיך אים אין זינען,
ער קען דאָס ערשטע וואָרט נאָך ניט געפינען,
און דאָך האָט ער דערפילט, פון די געגנאָסן
איז מוט און קראַפט אויף אים אַרויסגעפלאָסן.
ער הויבט אָן שטיל, מען קען אים קוים, קוים הערן . . .
באַהערשט זיך ביסלעכווייז, האַלט איין די טרערן . . .
ער גלייכט זיך פלוצים אויס און קוקט אין פרייען,
אַ פּנים דעם זכרון צו באַנייען,
און ווי ער פילט זיך זיכערער און פרייער,
דאַן רופט ער מוטיק אויס מיט קלאָרן פייער:
„ס׳איז אייער טאָג! איר קענט איצט פריי רעגירן,
איז מוזט איר אונדז דערפאַר דעם האַלדז פאַרשנירן?"

ער בלייבט שטיין בלייך, אַ מוטלאָזער, אַ מאַטער,
עס ווערט אַ טויטע שטילקייט אין טעאַטער.
נאָר צופיל שטייט אין קאָן וואָס אים איז טייער,
און ווידער צינדט זיך אָן זיין הייליק פייער,
און שטאָלצער הויבט ער אויף זיין קאָפּ אומיסטן,
ער רעדט איצט פאַר דער וועלט פון סאָציאַליסטן:
„אַ לעבנלאַנג דאָך האָבן מיר גערופן,
געוועקט דאָס פאָלק פון נידעריקסטע שטופן,
פון שקלאַפן־לוין געזוכט זיי צו באַפרייען,
מיט שטאָלץ, מיט ווירדיקייט באַקעמפט פּאַרטייען,
מיט גרייטקייט שטענדיק יענעם אויסצוהערן,
געוואָלט באַווייזן און געפּרואווט דערקלערן,
ווי טיף גערעכט עס איז דער קאַמף פון קלאַסן,
צו מענטשן־ווירדיקייט געוועקט די מאַסן,
נישט נאָכגעגעבן נידריקע פאַרלאַנגען,
נישט אָנגערייצט פון ראַסנהאַס די שלאַנגען,
פאַרקערט, געלערנט ברידערליכע טרייהייט,
און איינגעפלאַנצט די ליידנשאַפט צו פרייהייט.
נו קומט איר היינט מיט אוראַלטע געבאָטן
און רייצט אויפסניי דאָס בלוט פון פּאַטריאָטן.
צום שטימקאַסטן געטריבן זיי מיט בייטשן . . .
אַזיאַטן ווילדע זיינען מיר צי דייטשן?
איר האָט געפּרעדיקט: האַסט! זייט אומצופרידן! —
פאַרפאָלגט! אויב נישט די וועלט איז כאַטש די יידן . . .
ס'האָט קיינער נישט פון אייך קיין וועג געפונען.
מאָדערנע דייטשן זיינען מיר צי הונען?
איר ווילט די גאַנצע מאַכט . . . און אָן שום פראַגן . . .
די וועלט קוקט צו, זי זעט — וועט איר דאָס וואַגן?
נאָר אויב אייך אַרט ניט וואָס די וועלט וועט גאַפן,
ווי דייטשלאַנד קען זיך איצט אויפסניי פאַרשקלאַפן,
און אויב איר מוזט, ווען נישט קיין אימפּעראַטאָר,
באַהערשט זיין וועניקסטנס פון אַ דיקטאַטאָר,
אויב אונדזער זאַך זעט איצט אייך אויס פאַרפאַלן.
און איר לאַכט אָפּ פון אונדזערע אידעאַלן,
פון אונדזער לערע, אונדזער קאַמף און שטרעבן,

דאַן נעמט צו אונדזער פרייהייט, אונדזער לעבן,
נאָר לאָזט אונדז אונדזער ערע..." מיט אַ שווינגען
איז דאָ די היטלער בעסטיע אויפגעשפּרונגען,
אַ כוואַליע האַס איז שפּיזיק דורכגעלאָפן
און האָט די סאָציאַליסטן בייז געטראָפן:
„עס איז היינט אונדזער טאָג! מאַרקס אין באַגראָבן,
און אונדזער דייטשלאַנד דאַרף אייך מער ניט האָבן!"
ער האָט געקראַמפּט מיט זיינע פויסטן־קנאָכן,
אַ שוואַרצער שטורם־אַפּלאָז האָט אויסגעבראָכן
און האָט זיך אָן אַן אויפהער לאַנג געצויגן...

און אָטאָ וועלס האָט דאַן זיין קאָפּ געבויגן,
האָט זיך אַוועקגעזעצט גאַנץ שטיל, באַשיידן,
האָט זיך צושמייכלט אין געהיימע פריידן,
און שטיל געזאָגט: ער האָט ניט וואָס צו ברענגען...
איר ווייסט געוואָסן? ער וועט מוזן הענגען...

# דער ווילנער גאון

ווי אין דער זון האָט ער געטראַכט ביינאַכט,
מיט קלאָרן, שאַרפן ליכט און אָן שום מורא:
די צייט פון לויטערקייט האָט אויפגעוואַכט,
ס׳איז נויטיק ליכט און קלאָרקייט אין דער תורה.

דאָס ליכט פון וואָרט צו ברענגען איז כדאי,
אַ סוף מוז קומען צו געדאַנקען שפּאַלטן:
די האַרבע צייט פון פּלפּול מוז פאַרביי,
עס טאָר נישט בלייבן מער ביים ענגן אַלטן.

זיין יוגנט אָפּגעלעבט אין טיפער נויט,
אין דחקות דורכגעלעבט ווי דורך אַ נס:
דאָס טייג פון תורה איז געווען זיין ברויט,
געלערנט צוואַנציק שעה׳ן אין מעת לעת.

מיט תורה און מיט חכמה ס׳לעבן פול,
מיט שיינקייט און גבורה אויך אַפילו:
אַלס קינד גע׳דרשנ׳ט אין דער ווילנער שול,
צו זעקס יאָר שוין אַן אמת׳דיקער עלוי.

האָט אָפּגעריכט זיין גלות אין בערלין,
די טעג אַוועק אין וואַלקנס פון רעיונות.
צוריק אין ווילנע: קלאָר און שאַרף זיין זין,
האָט אויפגעבליצט זיין לומדות און גאונות.

זיין קיניגרייך איז זיין נשמה בלויז,
און ליב און טייער איז אים יעדע מצוה:
די טעג און נעכט אין חדר און אין קלויז,
און ס׳לעבט דער צדיק פון אַ קליינער קצבה.

ווען פייער פון מחלוקה האָט געברענט
ביי אייבעשיצ׳ן און זיין קעגנער עמדען,
האָט אונדזער גאון נישט פאַרלייגט די הענט,
נאָר איינגעשטילט דעם צאָרן צו דעם פרעמדן.

צו אייבעשיצ׳ן שרייבט ער אָן שום לויב,
ווי בלויז אַן אויסדרוק פון אַ שיינעם חלום:

הלואי האָב איך די פליגלען פון אַ טויב,
וואָלט איך געפלויגן איינצושטעלן שלום.

און ווען ער האָט דערגרייכט צו פערציק יאָר
פון זיין התנגדות צו פאַרגלאָצטער חסידות:
האָט ער חכמימ׳ס וועג באַגריפן קלאָר
און טיילווייז אויפגעגעבן זיין יחידות.

האָט איינגעפונדעוועט אַ נייע שול,
מיט וועלכער ס׳האָט די גאַנצע שטאָט געקלונגען:
געגנוג דאָס דאַוונען שוין מיט פיוט פול,
האָט איינגעפירט מען זאָל בצבור זינגען.

נאָר מער פון אַלץ האָט אים מיט טראָץ גערייצט
דער חסידיזם: נעם כאַטש און צושטער אים.
עס האָט מיט חסידים אומעטום געפלייצט,
דערפון זיין גזרה: לייגן זיי אין חרם.

צו שלימות האָט זיין הארץ מיט דורשט באַגערט,
און נאָר דורך תורה קען ער דאָס דערגרייכן:
ווייל תורה איז ווי רעגן פאַר דער ערד,
וואָס מאַכט די פלאַנצן ציען זיך צו הייכן.

ער האָט געדינט מיט פרייד דער עכסטער הויך,
געהאַט נסיונות אויסצושטיין און צער,
און מיט התלהבות זיך געטרייסט נאָך אויך:
איך דין דעם רבונו של עולם אָן שום שכר.

מיט קלאָרן ליכט אין הארץ איז וואַרעם אים,
ווי דעם בעל שם אין ווינטערדיקן טילפל:
מיט לויטערקייט פאַרקלונגען האָט זיין שטים
דעם רוישיקן געזשום פון הארבן פלפול.

אין זקנה, נאָר מיט ליכטיקן געדאַנק,
אין חדוה, האָט ער אָפּגעלעבט זיין לעבן:
אין ערב יום כפורים פאַלט ער קראַנק
און שמחת תורה די נשמה אָפּגעגעבן.

# באַלאַדעס

## דריי ייִנגלעך אין וואַרשע

פון געטאָ גייען ייִנגלעך,
חברים ייִנגלעך דריי.
זיי האָבן שטום באַשלאָסן:
געננג שוין בלוט פֿאַרגאָסן,
ס׳מוז וואַרשע ווערן פֿריי.

זיי גייען דורך די גאַסן,
זיך שאַרנדיק ביי ווענט,
אָן שיך און אָן קאַפּאָטע,
דורך סמאָטשע, גענשע, זלאָטע,
זיי האַלטן זיך די הענט.

דער הונגער ברענט די אויגן,
אין חורבות יעדע גאַס.
מע זאָל זיך נאָר דערשאַרן
ביי ווענט פֿון טראָטוארן,
די הערצלעך ברענט דער האַס.

נישטאָ קיין טאַטע־מאַמע,
באַרויבט פֿון יעדער זאַך:
זאָל גאָט זיי נאָר דערהערן,
די הערצלעך זיי דערנערן
און געבן זיי אַ דאַך.

גאַס איין גאַס אויס דורך שנאה,
דורך שטויב און רויך און פֿלאַם:
עס ווייזט זיך נישט קיין האָפֿנונג,
בלויז דייטשן מיט באַוואָפֿנונג
און בליקן פֿול מיט סם.

ניש̇טאָ שוין באַלד קיין וואַרשע,
בלויז חורבות הויך, געדיכט.
די יונגע הערצער קלעמען,
עס מוז אַ סוף דאָך נעמען,
און ס׳גייט זיי אויף אַ ליכט.

אָט שטייען בלאַנק דריי ביקסן,
און יעדער כאַפּט געווער.
עס לויפן אָן מיט בייטשן
פון בונקער די דריי דייטשן
און פאַלן צו דער ערד.

נעמט יאָסל די קאָמאַנדע:
דריי דייטשן ליגן טויט,
נאָר יידן טויט אָממייסטן,
דער הונגער פּרוּווט זיי טרייסטן:
נקמה קאָן זיין ברויט.

די יינגלעך גייען ווייטער,
נאָך ווייטער פון דער ווייט.
דער דורשט אַ ביסל שטילער,
דאָס בלוט אַ ביסל קילער,
ס׳מוז וואַרשע זיין באַפרייט.

# אויפֿן טויט פֿון אַ גאַרדעראָבער

געטרייער טויטער מענטש, און מער ווי פֿריינט,
איך וואָלט געוואָלט מיט דיר פֿאַרברענגען היינט
דיין ערשטע נאַכט אין קבר. ס׳ווילט זיך וויסן,
צי לייכט דיר דאָרטן אויך די קונסט פֿון וואָרט,
ווי דו האָסט ליב געהאַט. ווייל כ׳וויים, אַז דאָרט
איז פֿינסטערער ווי הינטער די קוליסן.

פֿאַר אונדזער קונסט איז איצט אַ שווערע צייט:
דאָס אַלטע — טויט, דאָס נייע איז נאָך ווייט.
וואָס איז מיר גאָרדן קרעיג, צי ביינוש שטיינמאַן?
אַ נאָוויטעט נישט מער. די קאָנסעקווענץ?
נישטאָ די ליבשאַפֿט און די רעווערענץ,
וואָס דו האָסט נאָך געהאַט פֿאַר זיגמונט פֿיינמאַן.

כ׳פֿלעג אָפֿט פֿאַר דיר פֿאַרטיידיקן די קונסט,
נאָר ווי פֿלעגט האָרוויץ זאָגן: בלאַוער דונסט!
האָסט פֿון מיין מיינונג קיינמאָל נישט געהאַלטן,
ביסט טריי געבליבן דעם פּראָפֿעסאָרס גייסט,
און ווי דער פּרינץ האָסטו פֿאַרטיידיקט דרייסט
די בענאַדאָרישע פּאַפּיר־געשטאַלטן.

ווי וואָלט איך איצט געוואָלט דאָרט זיין מיט דיר,
אין שטילן זאַל אָן פֿענסטער און אָן טיר,
מיט אַ בוקעט פֿון לייוונטענע בלומען,
ווען ס׳גייט פֿאַר דיר דער ערשטער פֿאָרהאַנג אויף,
און אַדלער, קעסלער קומען זיך צונויף
אין דיינע גאָלדבראָקאַטענע קאָסטיומען.

נישט דיינע, ניין, נאָר דו האָסט זיי גענייט.
און אָטאָ דאַכט זיך, קעני ליפּצין גייט,
אָט בערנשטיין, אָט שנייער: וויסטע דאָליע,

ווי יונג ער איז אַוועק מיט זיין טאַלאַנט!
דער אַלטער צוקערמאַן שטרעקט אויס זיין האַנט,
און פייטל מאָגולעסקאָ קומט פּאַוואָליע.

איך שטעל מיר פאָר די געסט, וואָס גריסן דיך,
אַז זיכער מוזטו באַלד פאַרגעסן מיך,
מיט מיין סולטאַן, מיין טרעמפּ און מיין רב עליע.
וואָס גייט דיך אָן אַ היינטיקער אַקטיאָר,
ווען ד'האָסט דעם אַלטן קעסט פון בן הדור
און פריעדזיל דיריגירט מיט דער קאַפּעליע.

מען רופט דיך איצט: היסטאָרישע פיגור.
די ליבלעכע אַקטיאָרישע נאַטור:
האַלב עלף איז דיין לויה, איינס שוין פּראָבע.
ביינאַכט לעבט-אויף דאָס קאָמעדיאַנטנהויז,
מיר פאַלט די שמינקע פון דער האַנט אַרויס,
און ס'זינגט דער צער ביי מיר אין גאַרדעראָבע.

הלואי פאַרטראָגט מיך איצט צו דיר אַ ווינט,
ווייל דיר איז דאָרט נישט אומעטיק אַצינד,
דו נייסט נישט מער, און ליגסט דיר דאָך אַ זאַטער,
און כ'וואָלט דיך גערן אין קאָסטיום געזען.
נאָר זאָג: וואָלט מיר דאָ אומעטיק געווען,
ווען דו נעמסט-מיט אין קבר דאָס טעאַטער?

# זכריה׳ס בלוט

נבוזרדן האָט אַרויפגעשטיגן,
אין דער זון דערזען די רויטע גלות,
און אין ווילדן צאָרן אויפגעשריגן:
פאַרוואָס זידט אַזוי דאָס שוואַרצע בלוט?

דער ענטפער איז: דאָס האָבן מיר געטוען!
ס׳איז קרבנות. בלויז דאָס בלוט פון שאָף!
וואָסזשע זידט דאָס בלוט און וויל נישט רוען?
זאָגט, און כ׳וועל אייך לינדערן די שטראָף.

הייסט דער קיניג שאָף און לעמער שעכטן,
אויפן אומרו־בלוט פון הייסן שטיין,
אפשר שטילט דאָס בלוט פונם גערעכטן! —
מישט זיך נישט דאָס בלוט, נאָר ס׳זידט אַליין.

נבוזרדן צאָרנט אויף די יידן,
זיין געשריי צוטראָגט זיך ווי געביל:
פאַרוואָס הערט נישט אויף דאָס בלוט צו זידן?
נאָר דאָס בלוט וואָס זידט ווערט אַלץ נישט שטיל.

וואָרנט ער אין קיניגליכן צאָרן:
זאָגט מיר וועמען איר האָט דאָ געטויט!
זאָגט איר, גוט! ווען נישט, געדענקט איך וואָרן,
שינד איך אייך מיט אייזן־קאָם די הויט.

מלך, אָ וואָס קענען מיר דיר זאָגן?
ס׳איז אַ נביא דאָ ביי אונדז געוועזן,
זכריה, פלעגט ער שטראָפן און באַקלאָגן,
וואָס דו טוסט האָט ער פאַראויסגעזען.

און מיר האָבן אים געטויט מיט ווילן
נישט צו הערן זיינע שטראָף רייד מער:
איצטער וויל זיין בלוט זיך מער נישט שטילן
שוין פון יאָרן זידט עס אין באַגער!

איך וועל אָט דעם בלוט מנוחה ברענגען!
רופט אוים נבוזרדן פול מיט וואוט
ברענגט מיר אַלע שופטים אויסצודרענגען
פון זיי יעדן לעצטן טראָפּן בלוט.

אַלע שופטים האָט ער אויסגעשאָכטן,
אָבער זכריה׳ס בלוט האָט אַלץ געזידט,
אַלץ מיט יעדן אַנדער בלוט געפאָכטן,
נבוזרדן שעכט און ווערט נישט מיד.

ווען דאָס בלוט האָט דאַן נאָך אַלץ געזאָטן,
האָט ער אַל די יוגנט אויסגעטויט,
אַלע קינדער ווי דאָס גראָז צוטראָטן,
אָבער זכריה׳ס בלוט זידט פריש און רויט.

פערציק טויזנט נאָך, תלמידים, האָבן
מיט זייער הייליק בלוט דעם שטיין פאַרשווענקט:
זייערע גופים פיקן שוואַרצע ראָבן.
נבוזרדן האָט נאָך איינשטילונג געבענקט.

אָבער זכריה׳ס בלוט וויל זיך נישט שטילן.
נבוזרדן אין פאַרצווייפלונג שרייט:
איז דען, זכריה, בלוט-דורשט בלויז דיין ווילן?
וואָס איז דאָ דער בלוטיקער באַטייט?

זכריה זאָל דיין בלוט אַליין דאָ ריכטן,
דיינע בעסטע זענען אומגעבראַכט:

ווילסטו אַלע, אַלע דען פאַרניכטן?
ברענגען אויף דיין פאָלק די שוואַרצע נאַכט?

דאָ האָט אויפגעוואַכט אַ טיף דערבאַרמען
אין זכריה׳ס בלוט, וואָס רעדט צום ציל:
אויב שוין ז י י ן  הארץ הויבט זיך אָן דערוואַרמען,
מוז איך אויך אוודאי בלייבן שטיל.

דאָ האָט אויפגעהערט דאָס בלוט צו זידן,
ווי ס׳וואָלט אויבן גלייך געווען דערהערט,
נבוזרדן ענדליך זעט צופרידן,
ווי דאָס בלוט ווערט איינגעזאַפּט אין דר׳ערד.

ווייל דער טויט האָט טויזנטער געלאַדן
פאַרן טויט פון איינעם אויף דער ערד,
האָט די נשמה פון אַ נבוזרדן
זיך אויף אייביק צו זיין גאָט באַקערט.

# אַ חלום

די זון גייט אויף, די זון פאַרגייט,
אַ שבת קומט, אַ שבת גייט;
איך זיץ אַמאָל אַליין ביינאַכט
ביי מיר אין שטוב און טראַכט.

איך זיץ און קנייטש דעם שטערן לאַנג,
עס טוט מיר וויי און ס׳טוט מיר באַנג:
אָ, ווער געדענקט דאָס לידל, ווער?
מען קלאַפּט אין טיר — איך הער.

עס קומט אַריין אַן אַלטער ייד
און זאָגט צו מיר: איך קען דאָס ליד!
איך בלייב פאַרבליפן שטיין אין היץ,
דער אַלטער זאָגט מיר: זיץ!

איך זעץ מיך אויף אַ בענקל־עק
און קוק דעם אַלטן אָן מיט שרעק;
איך זע זיין לינקע וויזט אויף דר׳ערד,
זיין רעכטע האַלט אַ שווערד.

איך זיץ אויף דר׳ערד און ציטער שטיל,
אין אויוון האָט פאַרשטומט די גריל;
דער קאָפּ איז שווער, דאָס האַרץ איז מיד...
דער אַלטער זינג דאָס ליד:

אַ מעשה איז געווען אַמאָל,
כ׳דערצייל זי שוין ס׳מיליאָנטע מאָל
און וועל דערציילן נאָך מיליאָן,
און ס׳הויבט זיך קוים ערשט אָן...

ווי עס בייט דאָס פעלד די זאַנגען,
בייט איך שטענדיק אירע קלאַנגען,
און וועל בייטן אירע פאַרבן,
ביז דער לעצטער ייד וועט שטאַרבן . . .

ווי לאַנג עס לעבט אַ יידיש אבר
ביז מען וועט דעם לעצטן טויטן,
וועל איך אייך נאָך אַלץ באַגלייטן
פונם וויגל ביז צום קבר.

ווענט אַפילו האָבן אויערן;
אויף דעם טאָג פון מיין געבוירן,
האָב איך עדות גרויסע, שאַרפע:
טייכן, ווערבעס און אַ האַרפע . . .

דאָס ליד איז אויס, איך הויב זיך אויף!
איך עפן ווייט די אויגן אויף
און זע, איך בין אין שטוב אַליין —
אין ווינקל גלאָצט אַ שווערד — איך וויין.

איך האָב דערפילט די ווילדע קראַפט,
וואָס האָט מיין גייסט ביז איצט פאַרשקלאַפט
און שלעפּ מיך ווי אַ וואָרם אויף דר'ערד,
איך וויל דערגרייכן צו דער שווערד.

כ'וועל גיין און גיין פון לאַנד צו לאַנד,
פון שטאָט צו שטאָט, פון הויז צו הויז,
און וואו אַ ייד — די שווערד אין האַנט —
דאָס ליד וואָס פירט אין קאַמף אַרויס!

איך האָב די שווערד, איך קען דאָס ליד,
איך בין אַ יונגער, נייער ייד

און פיל אין זיך בר־כוכבא׳ס בלוט,
אַ טראַפּן, דאַך — איך גיי מיט מוט !...

כ׳הויב אויף מיין אָרעם, ריר פון אָרט,
איך פיל אין זיך יחזקאל׳ס וואָרט —
און ציטערט גוֹיים ווען איך גיי,
אַ בת־קול ענטפערט : שטיי נאָר שטיי !

גייסט ? דו ווייסט, אַז וועסט זיין א י י נ ע ר ?
הערן וועט נישט וועלן דיך קיינער,
קיינער וועט די שווערד נישט נעמען,
קיינער וועט דאָס ליד פאַרנעמען.

דיין וואָרט וועט ווערן אויסגעלאַכט,
וועסט וואַנדלען איינזאַם טאָג און נאַכט,
און וועסט זיך פרעגן אין דער שטיל :
וועל איך דערגרייכן וואָס איך וויל ?

מיט שאָטנס קעמפן וועט דיין האַנט,
און וואו דו גייסט וועט שטיין אַ וואַנט ;
דיין טאַט וועט זען נאָר בלויז די נאַכט
און שטאַרבן וועסטו אויסגעלאַכט !...

דריי מאָל שטאַרקער איז מיין אָרעם,
ציטערט גוֹיים, ס׳גייט אַ שטורעם ;
לאַכט און ציטערט — איך בין איינער !
עמיץ ענטפערט : איינער — קיינער !...

די זון גייט אויף, די זון פאַרגייט,
אַ שבת קומט, אַ שבת גייט.
עס איז אַמאָל געווען אַ נאַכט,
ווען כ׳האָב אַזוי געטראַכט.

1915

# די סוכה

נישט אַלץ וואָס מען זעט מיט פאַרנעפּלטע אויגן
איז מעגליך מיט קלאָרע צו זען, —
די וועגן אויף וועלכע דער זינלאָזער בלאָנדזשעט,
דאָרט קען נישט דער קלאָרער דערגיין.

פיר טעג און פיר נעכט איז דאָס פייער געפלויגן
אַריבער דעם גרוב אויפן פעלד,
דאָרט זיינען צוועלף יידישע זעלנער געלעגן —
אַ קליינע באַזונדערע וועלט.

זיי זיינען אַריין דאָרט יום כפור נאָך נעילה,
ווען ס׳ווערן די הימלען פאַרמאַכט,
עס זיינען פון דאַמאָלס פיר טעג שוין פאַרגאַנגען
און ס׳ציט זיך פאַר זיי נאָך די נאַכט.

פיר טעג שוין ווי ס׳גיסט זיך דאָס פייער פון שונא,
די לופט אינם גרוב איז אַ פעסט,
עס ליגן אין הויפנס הרוגים אַרום זיי,
די צוועלף אָבער שטייען נאָך פעסט.

בלויז עלף פון זיי ענטפערן פייער אויף פייער,
דער צוועלפטער זיצט שטום און פאַרקלערט,
די ביקס אויפן שוים און דער בליק צו דער ערד,
זיין פנים איז בלייך און פאַרשטערט.

ער זעט נישט אַפילו די מתים אַרום זיך
ער הערט נישט דעם דונער וואָס קראַכט,
אים שרעקט ניט דער טויט און אים פרייט ניט דאָס לעבן,
ער ווייסט נישט, אַז ער איז אין שלאַכט.

עס קוקן די עלף אויף דעם צוועלפטן מיט אימה
און ווילן זיין טראַכטן דערגיין,
און איינער דערוועגט זיך גאַנץ שטיל אים צו פרעגן:
וואָס איז מיט דיר יוסף געשען?

נאָר יוסף זיצט ווייטער אַ בלייכער פֿאַרשטיינערט
און גיט זיך פֿון אָרט נישט קיין ריר,
נאָר פּלוצים באַוועגט ער די בלייך־בלאָע ליפּן
און ציילט אָפּ פּאַמעליך ביז פֿיר.

„וואָס איז מיט דיר יוסף?" — פֿרעגט ווידער זיין חבֿר, —
דאָך יוסף זיצט ווידער שוין שטום,
נאָר בלויז זיינע קינדישע קרענקליכע אויגן
קוקן זיך לאַנגזאַם אַרום.

„פֿיר טעג איז צווישן יום כּיפּור און סוכּות!"
ער האָט נישט גערעדט מער קיין וואָרט.
נאָר פֿעסט אין דער האַנט זיין כּלי־זיין געהאַלטן
און אַלץ נישט גערירט זיך פֿון אָרט.

דאָך ווען ס'האָט אַ שטערן די טראַנשע באַלויכטן
און ס'איז צוגעפֿאַלן די נאַכט,
איז ער אויפֿגעשטאַנען, די ביקס אין דער רעכטער
און זינגענדיק קידוש געמאַכט.

און פּלוצלונג גלייך ס'וואָלט זיך דער הימל געשפּאַלטן
איז ליכטיק געוואָרן אין טרענש,
און ס'האָבן אַ שליידער געטאָן זיי'רע ביקסן
די אַנדערע עלף, ווי איין מענטש.

עס זיינען די ווענט פֿון דער טראַנשע צעפֿאַלן,
ס'איז פּלוצים פֿאַרשוואונדען דער טויט,
און באַלד האָבן זיבן מלאָכים מיט ברעטער
אַ דעמבענע סוכּה געבויט.

דער דאַך איז פֿון סכך, און די טישן געגרייט,
ווי פֿאַר די טייערסטע געסט,
עס פֿליען גראַנאַטן אַרום און אַרום —
די סוכּה שטייט זיכער און פֿעסט.

# הערשל

טו אָן די שענסטע קליידער
און קום אַרויס פון שטוב,
עס איז אַ שיינער יום טוב
ביי הערשלען היינט אין גרוב.

היינט קומט צו אים דער טאַטע
אין יום טוב׳דיקן קלייד,
און שווערט אַ נייע שבועה
פון יום טוב׳דיקער פרייד.

איך גיי מיט דיר צוזאַמען,
דו ברענגסט מיך מיט אַלם גאַסט:
איך קום מיט אַ מתנה,
ווי פּאַר אַ דיכטער פּאַסט.

אין קינדיש-גרינגע ריימען
דערלאַנג איך אים אַ ליד,
און הערשל וועט פאַרגעסן,
אַז ער איז טויט און מיד.

אין קבר ווערט גאַר ליכטיק,
זיין יינגל-פּנים שיינט:
ווער איז דער בלייכער מאַן, פּאַ?
„אַ דיכטער און אַ פריינט".

ער שטייגט אַרויס פון קבר,
און אויפן שטילן הויף
פאַרהילט ער מיך אין פליגל
און פליט מיט מיר אַרויף.

„מיר פליען נישט אין הימל”,
זאָגט הערשל הויך און לאַכט,
„דאָס האָב איך בלויז מיין טאַטן
אַ שיינעם שפּאַס געמאַכט.

ער מיינט, אַז אין מיין קבר,
ווען איך בין דאָרט אַליין,
איז פינסטער, נאַס און גרויליק,
און נאָר איך ליג און וויין.

נאָר דו ביזט דאָך אַ דיכטער,
דו גלויבסט אַ יינגלס וואָרט,
דיר דאַרף איך דאָך נישט שווערן,
אַז איך בין גליקליך דאָרט.

איך ווער, ווי אַ בן מלך,
באַדינט דאָרט און באַוואַכט,
און צימבלען און טראָמפּייטן
באַגלייטן טאָג און נאַכט.

דערפאַר זאָל איצט דער טאַטע
פאַרברענגען דאָרט אַ וויל,
אוןביידע לאָמיר פליען
אַ זיבן זונען־מייל.

דו ביזט דאָך, פריינט, אַ דיכטער,
און לעבסט דאָך אויף דער ערד:
טאָ זינג אוים פאַר מיין טאַטן
די פרייד וואָס ער באַגערט”.

אָט גייען מיר פון לעבן
צום קבר׳ל צוריק:

עס לייכט דעם פּאַטערס פּנים
פון אומדערוואַרטן גליק.

„איך וואָלט מיט דיר, מיין קדיש,
פאַרבליבן דאָ אויף לאַנג,
צו הערן די מלאכים
אין אייביקן געזאַנג.

נאָר אונדזער פריינט דער דיכטער,
וואָס שטייט און שווייגט און הערט,
ער רופט מיך שוין פון דאַנען
צוריק אויף אונדזער ערד.

און איידער איך פאַרלאָז דיך
אין יום טוב׳דיקן קלייד,
פאַרשווער איך אויסצולעבן
דיין לעבן פול מיט פרייד״.

ש פ ר ו כ ן

## צו די דיכטער

מיינע דיכטער, יעדער
מוז זיין לאַסט פאַרטראָגן,
זינגט נאָר טינט און פעדער,
מעג מען דריימאָל זאָגן:
דזשעגעכץ אין די רעדער,
גאָלדן שטרוי אין וואָגן.

## ניטשע

דו ביזט פאַר מיר אַ וואָלקן, אָפּט אַ בליץ,
אָפּט בלויז אַ ליריקער אַ בלאַסער,
אַמאָל פּאָעט פון טראַגיש־טיפן וויץ,
נאָר אַלעמאָל אַ טעמפּער יידנהאַסער.

## צו אַ טיפן דענקער

דו טראַכסט אַראָפּ,
אַלץ טיפער און טיפער,
און נויגסט דיין קאָפּ
פּאַמעלעך שיפער.

דיין זין איז רייך,
נאָר עפּעס דומלאַך,
דו רעדסט נאָך גלייך,
נאָר טראַכסט שוין קרומלאַך.

## שלום עליכם

טויזנט רעגנס רווישן אין די רינעס,
וואָרטשוואַל כוואַליעט, דונערט, בליצט און כליאַפּעט,
אָרעם לעבן לויפט אויף קרומע שינעס,
און זיין טרער־געלעכטער קאַפּעט, קאַפּעט!...

## דער שטאַמלער

אין דיר האָט זיך אַ גאָט פאַרשטעלט;
דו ביזט דער אָנהויב פון דער וועלט,
ווען גאָט האָט אייז אויף אייז געזאַמלט,
און האָט די וועלט אַרויסגעשטאַמלט.

## טאַלענט

טאַלענט איז נישט אין דיר געוועגט,
נאָר קומט עס, מוזטו דיך פאַרנויגן.
עס שלאָגט דיך אָפּטמאָל אין די אויגן,
צומאָפּטסטן קומט עס אין די הענט.
אין די הענט?

נישטאָ אויף דעם קיין שום געבאָט,
נאָר קומט עס, בויג דיין קאָפּ אין בענטשן,
און וויים, אַז צו דערהויכן גאָט
און שטענדיק צו דערפרייען מענטשן
איז טאַלענט.

## צו איינעם וואָס פאַרשטייט נישט

גראָז? ניין.
און מער
איז שווער
פאַרשטיין.

אין לאַנד
פון שאַנד
איז אַלץ
נאָס זאַלץ.

דו מיינסט?
אָ, וויינסט,
בלאַסער?
טרערן
ווערן
וואַסער.

פאַרשטייסט
איצט? ווייסט?
צו פרי
דיין מי,
נישט קלאָר
די וואָר.

גראָז? ניין.
אַליין
איז סם
דער ים
פון זין.

איך בין
אַליין.
גראָז? ניין.

## פּרינציפּיעלער מענטש

ביזט פעסט און קאַלט ווי האַרטע ערד,
עס פאַלט נאָר שטאָל פון דיינע ליפּן,
דו ביזט אַ מענטש פון בלויז פּרינציפּן,
נאָר זיי נישט קיין פּרינציפּן-פערד.

## איינרעדעניש

אַ נאָז אַ פאַרשפּיצטע,
די אויגן אַרויס,
פאַנטאַזיע צוהיצטע:
בלויז איך בין דאָ גרויס.

## צו אַ האַרטן דיכטער

זיץ נאָר אויף דיין שווערן ווײ,
לייגסטו שוין דיין בלייערן איי.

## צו איינעם וואָס שרייבט פּאָמעליך

צו וואָס דיין מוזע מאַטערן,
ווען זי גייט צו קינד?
לאָז דיין טראַכטן פלאַטערן,
ווי אַ פאָן אין ווינד.

## זייגערל

די ווייזערס זאָגן יאָ און ניין אין גאָלד־געצעלט.
צוויי פינגער מיינע דרייען אָן די וועלט.

## מינוטן־פליג און היפּאָפּאַט

די מינוטן־פליג
איז אַ נאַרישע ציג.
דער פעניקס ווידער
איז פון פרעמדע ברידער.
דעם העלפאַנט־ריז — דעם שטומען לאַכער,
און דעם בלאָטע־גבור היפּאָפּאַטן
כאַפּט דער אַלטער וואַטן־מאַכער.
שטענדיג זיי נאָר דו,
געפינסטו רו.

# טונקעלע סאָנעטן

# דער בלינדער מילטאָן

ווען דיך האָט איינגעהילט די טיפע נאַכט
און אין דיין גייסט האָט אויפגעשיינט דער טאָג;
ווען אַלע וועלטנס יאָמער און געקלאָג
האָט דומפּ אין דיין נשמה אויפגעוואַכט;

און דו האָסט אין דיין בלינדקייט זיך דערטראַכט
צום אָפּגרונט פון דעם מענטשנס פּיין און פּלאָג;
ווען דו האָסט גוטס און שלעכטס געפּרואווט אויף וואָג,
און אשמדי האָט בייז פון דיר געלאַכט,

דאַן זענען דיר דריי טויבן אָנגעפלויגן,
אין דער געשטאַלט פון דיינע טעכטער דריי,
וואָס האָבן טיף אין דיינע בלינדע אויגן
געזען ווי ס'שוועבט דיין גייסט נאָך אָדלער-פריי:

און צוגעשמידטע יעדע צו איר אָרט,
אַראָפּגעשריבן יעדעס זעער-וואָרט.

# א קול אין דער נאַכט

אויף מיינע יונגע אַקסלען הענגט די נאַכט
מיט גרויל און שוידער פון אַ טויטן־טוך:
איך טרינק דעם סם־וויין פון צוזאַמענברוך,
וואָס האָט מיין דור און מיך שוין אַלט געמאַכט.

דאָס ליד פון בלוט איז היינט אַזוי פאַרטראַכט,
ווי לייכטע שורות אין אַ קינדער־בוך;
און ווי אַ דונער האַמערט אונדז דער פלוך,
ווי איבער אונדז וואָלט קיינער נישט געוואַכט.

דאָס וואָרט ברענט וואונדן אין מיין דורשטיק מויל,
און טיפער הילט מיך איין די גראָע גרויל,
וואָס דריקט מיך מיט איר אומגליק צו דער ערד.

אַז גאָט אַליין הערט אונדזער רופן קוים:
דאָס קול קלינגט אַפּ גלייך לעדיק איז דער רוים.
און גלייך ס׳וואָלט קיינער גאַרנישט נישט דערהערט.

# איז דאָס דער סוף פון וועג

ביים סוף פון וועג איז קיל די ערד און פייכטער,
די לעצטע גראָזן זענען אויסגעטראָטן,
אַ האַנט פון ביינער האָט געזאַנג פאַרבאָטן,
אין שווייגן ווערט דיר די נשמה לייכטער.

דער שניטער שניידט און באַלד פאַרגלייכט ער,
פייפט אויס אַ ליד אויף אייז פון נאָטן,
דער ווינט האָט באַלד דאָס ליד פאַרשאָטן,
סוף וועג פאַרבלייבט אַ נישט דערגרייכטער.

פאַרוועלקטע בלעטער וועלן אַלץ פאַרשיטן,
ווען ס'לעצטע זיסע ליד איז אָפּגעשניטן
און ווען די רעגנס שווענקען קברים צו.

די שוואַרצע רייטער קומען אויף די וועגן,
און אַלע וואונדערן זיך, אַלע פרעגן:
איז דאָס דער סוף פון וועג וואו ס'וואַרט די רו?

# דער וועג צוריק

וועך דיר גייט אויף דער פיינליכער געדאַנק,
אַז ביזט אַ מענטש פאַרשטויסן סיי ווי סיי,
ווייל אַלץ איז שיין, נאָר אַלץ איז שוין פאַרביי,
דו קענסט נאָר מודה זיין דיין זעל איז קראַנק;

ווען דיר ווערט פּלוצים ביטער קלאָר, אַז מאַנק
אַ וועלט פון פּעשקעס איז שוין נישט כדאי
צו לעבן מיט אַ מאַרך זשעלע און מיט אַ האַרץ פון בליי,
און גאָר נאָך פילן דאַנק פאַר דעם געשאַנק:

גיי שטיל אַוועק אַליין אין וויטן פעלד,
וואו ערד, בוים, טייכל וואַרטן דיין באַפעל
און גרייט צו דינען אַ פאַרגלויבטער זעל,
וואָס קען נאָך וואוינען אין אַ האַר און העלד.

צי רופסט עס אויפלייז, צי דו רופסט עס גליק,
ס'איז דאָ דערגרייכונג אין דעם וועג צוריק.

# אין אַלטער ליבשאַפט

פאַראַנען ליבעס אייביקע וואָס טליען,
(ווי טרעמפיש פייער אין אַ ווינטער־נאַכט
וואָס פראָסט־הענט האָבן זיך אַליין געמאַכט)
ווי היימיש־שטילע פייערן וואָס גליען,

מיט קוים־געדענקטע פריידן וואָס פאַרפליען
אין צווישן־טעג, ווען ס'אייז פון לעבן קראַכט
און ווען דער טייוול פון פאַרניכטונג לאַכט:
דו צווייפלסט אָפט צי וועסט די טעג דערציען.

אַזעלכע ליבעס שטייען אויף פון קברים
מיט יעדער סטאַיע פייגל פונם דרום
און וועקן אויף אין דיר אַ טויטן גאָט:

אין שווערער אַנגסט אין ביטערער דערוואַכט ער,
דו גלאָצסט אין אייביקייט אַ טיף פאַרטראַכטער
און וואַרטסט אויף אינערליכן האַרץ־געבאָט.

# פאַרלוירענע נאַרציסן

די צאַרטקייט פון פאַרלוירענע נאַרציסן
האָט דיך און מיך אין איינזאַמקייט פאַרקלעמט,
און כאָטש פאַרשעמט, דערווייט און אָפּגעפרעמט,
איין פאָדים דאָך איז נאָך נישט אָפּגעריסן.

עס בינט אונדז צו דאָס באַנד פון אַ געוויסן,
וואָס אייביק שענקט און רויבט, וואָס גיט און נעמט,
צי רופסט עס פורפור, צי דאָס לעצטע העמד:
ס׳איז בלום אין בלום מיט זעל־ציין איינגעביסן.

דערפאַר הויב אויף די אויגן צו מיין וועלט
און וואַרט ביז יעדער שטורעם איז פאַרביי;
דורך יעדער צוים דערגרייכן מיר נאָך פריי,
און יעדער שאָדן וועט נאָך זיין פאַרגעלט.

נאָר שטיל און שטאַרק און זיכער שטייג ארויף,
פאַרלירט דער וועכטער זיך און עפנט אויף.

# אין דיינע הענט

אויב דיר איז בלויז די וועלט אַ פּרוזדור, וועסט
דו שוין דעם זין פון דאָזיין נישט פאַרשטיין.
וועסט זייען, פלאַנצן, זאַמלען ,אַלץ אַליין,
און דאָך פאַרבלייבן בלויז אַ גאַסט מיט געסט ;

אויב דו באַטראַכסט דיך ביי דער וועלט אויף קעסט,
פאַר וועמען קאַמף און אומשטאַנד איז געמיין ;
דו שלייכסט דיך דורך געלעכטער און געוויין
צו זיסער רואיקייט אין וויכן נעסט ;

דאַן וויים, דיין קליינגייסט איז פון מיטלשניט,
ביזט אויף דער ערד אַן אומגעווינטשטער גאַסט,
דו פליסט אין מאַסנפלום ווי פלעווע מיט,
און ביזט דעם ים אַפילו בלויז אַ לאַסט.

קער אום דיין בליק צו אַלץ וואָס לעבט געווענט
און שווער, אַז ברכה ליגט אין דיינע הענט.

# דו אַליין

דיין גלויבן און דיין צווייפל זענען דו,
צי שטייגסט אין תפילה ביי דער מזרח וואַנט,
צי זינקסט פון אונמאַכט און פאַרשמאַכטער האַנט,
אין ערגיץ אַטעמט נישט פאַר דיר קיין רו.

ווען יאָ, ווער ווייסט דיר דען אַנטפּלעקן וואו,
אַז גאָר די וועלט איז מורא׳דיק געשפּאַנט:
צי דו ביזט האַמאַנקולוס צי גיגאַנט,
די וועלט איז טירן און זיי זענען צו.

דערפאַר הויב אויף דיין ברוסט און שטאָל זי אָן.
אין גאַנג פון צייטן איז דאָ איין דערוויל:
צו גלויבן אין דעם מאָרגנס ווייסער פאָן
און צווייפלען אין דער קראַפט פון סם און פייל.

שטייגסט, זינקסט, גיי אָן. דו גרייזט, פאַרריכט.
נאָר טיף לאָז ברענען דיין נשמה ליכט.

# פאַרלויפער

דו שטילער מענטש וואָס לעבן איז דיר סם,
ווייל קיין שום בראָך האָט מער נישט קיין פאַרגעלט,
די לאַנדשאַפט נעפּלט אוים און ווערט אַנטשטעלט,
נאָר קלאָר, אַז טייכן רינען אוים אין ים;

ווען פיף־פאַף פייערווערק איז אַל דיין פלאַם,
וואָס קען אַ לייכט טאָן אין דיין זעלם געצעלט,
אַז קינד און קייט זאָל לאַכן פון דיין וועלט;
ווען דיין בלוט שרייט: אַנטלויף אָדער פאַרדאַם,

ווייל אַל די וועלט איז פאַראַלעל נישט רונד,
אַליין, קאָפּערניק, איינשטיין, צי עקליד,
די ערד־און־הימל געטליכקייט איז שונד,
און חרפה לויערט אין דיין אייגן ליד;

צושפּאַלט די וועלט און לויף פאַראוים אָן יאָך:
איך בין דער פאַקל. בלינדע, לויפט מיר נאָך!

# דער פֿאַלשער טויט

דו ביזט נישט פֿריי צו טרייבן דעם מין שפּאַס,
ווייל אַלע צאַפּלען מיר אין לעבנס־נעץ.
צי ס'איז דיין האַר אַ גאָט, צי בלויז אַ געץ —
ווי וואַגסטו פֿלוכטן פֿון ליבשאַפֿט און פֿון האַס ?

אויב יאָ אַנטלויפֿן, לויפֿן מיר en masse
און ברעכן אויף די הימלען מיט איין זעץ,
צו זען אויב גאָט איז דאָרט צי בלויז אַ לץ,
וואָס שיקט פֿאָד־לצים אויף דער יידן־גאַס.

דו ווייסט: דער גאָרטן האָט נישט אויפֿגעבליט.
איז וואָס, דו ליידנשאַפֿטלעכער זעלאָט !
פֿאַרוואָס זאָל גאָט דיר העלפֿן ? ביז אַ ייד.
ביזט נישט דער גערטנער בלויז, ביזט אויך דער גאָט.

פֿאַרגינסט דיר טויטן־ראַנדעוואָוס ביים ראָג —
טאָ שטעל כאָטש ווייַן פֿאַר דעם מין נעקראָלאָג.

# דאָס גרין פון וואַלד

ווען ס׳רוישט דער וואַלד דערהער איך די געוויינען:
פאַרקלונגען אין דער טיף איז אונזער ליד,
ס׳איז יעדער רינג אין אונזער קייט שוין מיד,
נאָר ס׳וואַיען נאָך אין אונז די הוילע פּיינען.

ס׳איז שווער צו אָנען וואָס די וועלדער מיינען,
ווייל מינער ווערט דער גרויסער אונטערשיד
און שוואַכער ווערט אַלץ יעדער קייטן-גליד:
די פרילינג-זון וויל מער אויף אונז נישט שיינען.

צי ווען מיר נאָך ווען עס איז אַרויפגיין
אויף אונזער לייטער פון געזאַנג און גלויבן,
צי ווערט פון וואַלד די זון ווען ס׳איז נאָך אויפגיין,
אַז אַלץ אין אונז זאָל זינגען נאָך און לויבן ?

דאָס טיפע גרין פון וואַלד ציט אונז אַריין:
אָן אויסוועג בלאָנקען מיר וואַלד אוים וואַלד איין.

# דערהויבענע מענטשן

## פּרץ קאָפּ

דיין קאָפּ איבער אונדזער ייִדישער וועלט:
דיין זעל איבער אונדזער בלוט, אונדזער פלייש;
דיין ניגון דער טיפער האַלט אונדז באַזועלט:
איז עמוד הענן, עמוד האש.

געלייטערטער טרויער, לויטערע פרייד:
דאָס ליכט פון פאַרהילטן דור לייכט פון דיר;
מיר זוכן דיין פלאָם אין קוואַלן פון רייד,
צעגלאַנע נומר איינס נאָך ליכטיקט דיין טיר.

מיר זינגען דיין שבת, לעבן דיין טאָג,
און עולה מיט פרייד דיין ליכטיקן וועג:
מיר מעסטן דיין מאָס און וועגן דיין וואָג,
מיר טרינקען דיין ליכט אין פינסטערע טעג.

ווי שטיל מיר דערגייען, נענטער צום שוועל,
אַ פלעמל פאַרלעשט זיך, עפּעס גייט אוים:
צי וועט עס נאָך איין מאָל אויפליכטן העל,
צי שווינדט עס פון לעצטן אויפלייכט אַרוים?

מיר בלאַנדזשען אַלץ טיפער, טיפער אין וואַלד:
אין אָנקום פון דיר געהייליקט איז אַלץ.
אָן טעם אונדזער מאָלצייט אָן דיין געשטאַלט,
ווייל דו ביזט דער האָניק, דו ביזט דאָס זאַלץ.

## אויף י. י. זינגער׳ס טויט

א

האָסטו פּלוצים זיך פאַרגאַפט און אָפּגעשטעלט,
ביי אויפגעמאַכטער טיר צו יענער וועלט,
ווען ס׳לעבן האָט געלויערט דיר אַנטקעגן.
ס׳האָט קיינער נישט געזען דו ביזט אַרויס
צו יענעם וויטן, סודות׳פולן הויז,
צו וועלכן ס׳פירן אומבאַקאַנטע וועגן.

ב

די פּלוצימדיקייט איז אַ טיפער שניט,
וואָס שניידט אונדז אַלעמען די הערצער מיט;
עס שטעכט די פּיין מיט נאָדלען פון אַ דאָרן;
מען גלויבט נאָך איצט נישט, אַז דאָס איז געשען,
נישט היינט איז מאָרגן וועט מען דיך נאָך זען,
נישט אמת, אַז ביזט פּלוצים נישט געוואָרן.

ג

ביזט אָנגעקומען אַ סוף־זומער ווינט,
וואָס זוכט אַן אָרט פאַר זאָמען און געפינט,
ווען אַלע פעלדער שטייען אָפּגעשוינדן;
ווען אַלץ האָט איינגעדאַרט ווי טרוקן ליים,
האָסטו געבראַכט אַ שפע פון דער היים,
און אונדז מיט יידן פון אַמאָל פאַרבונדן.

## משה לייב האַלפּערן

ביזט אויפגעשטיגן פון דער גראָער טיף,
וואו ס'פּאָלק וואַקסט ווילד, גערדיכט און אומגעצוימט;
דיין מידקייט האָט געברומט: שווין אַלץ פאַרזוימט,
איך וויים, ווייל כ'האָב געהאַט פון גאָט אַ בריף.

און ער האָט דיר געשריבן נישט אומזיסט:
דיין שטאַמלען, זון, האָב איך אין הויך דערהערט,
האַלט נידעריק דיין פּנים צו דער ערד,
וועט גרויסע שיינקייט וואַקסן אויף דיין מיסט.

און דו האָסט שטענדיק באַרג אַראָפּ געברומט,
ווי ס'ברומט אַ פעסטונג ווען אַ שונא קומט,
ווי ס'ברומט דער אָקס, ווען אין דער לופט איז בלוט.

קאָנטראַסטן שטורמישע האָסטו געגאַרט:
דורך פּיין און רויע רייד צו בלייבן צאַרט,
דורך איינזאַמקייט און טויט צו ווערן גוט.

# אַלדאָ פּאַלאַצעסקי

## א

ווייס אייז.

בלאָ, גראָ, פּיאָלעט,
אָבער אָלעמאָל ווייס.
טאָג, נאַכט, רוים,
אָבער אָלעמאָל אייז.

גאָרנישט צו זען
חוץ ראַנד און ווייט,
וואָס ס'זאָל געשען
איז אויסער צייט.

נאָר שרעקלאַך איז צו הערן
דאָס פּינקלען פון די שטערן,
און קענען קלאָר ביי זיך אין האַרץ,
אָף טעפּיך שרעק פון גאָלד און שוואַרץ,
דעם רויטן אָטעם
פון ווייסע בערן.

גאָרנישט איז גוט חוץ ערד,
נעם מיינע אויגן פאַר זאַמד און שטיין.

אָ טראָט איז אָ גרייז
אויף דעם הונט אייז.

נעם מיינע נעגל
פאַר ווינט אין אָ זעגל,
ליכט פון צפון
לעג מיך שלאָפן
אין אָ ליילעך פון אָ חלום
און זאָלן מיך די ווינט-טייוואָלים
ברענגען איבער קינדער'ס לאַנד,

וואו מענטש איז גאָט
און טראָט איז טראָט.

יעדער שפּרייז
אַ גרייז,
אויף דעם הונט אייז.
ווען איך שלאָף איין
גיב מיר וואַנזין־וויין,
זאָל מיין חלום קוים קוים
זען דעם אָפּשיין פון אַ בוים.
איינציק,
ניינציק.

ב

יעדנעראַל, יעדנעראַל, ניינציק.
דעם צלם און דעם וויין, יעדנעראַל.

אַלדאַ, אויף דיר פּאַרטרויט,
אויף דיין וואָרט געבויט,
ניינציק.
פאַר אונדז אַליין, אַלדאַ,
און פאַר עק וועלט.
קוק אַראָפּ, דער קרייץ איז גלאָריע,
מיט דער קראַפט פון פאַלנדיקן שטאָל
איינגעפלאַנצט אים מיטאַמאָל,
אַ סטיל צו קריצן, רוימישע היסטאָריע.

אין רוים פון צאַפּנדיקן ליכט
דיכטן ווינטן אַ געדיכט.

יעדנעראַל, יעדנעראַל, עק וועלט,
איך ווייס דעם סוד, די צאָל,
עס איז מיר קלאָר מיטאַמאָל,
ווי די פינגער אויף מיינע הענט,
דער האָריזאָנטאַלער קאָמפּאָנענט
פונם מאַגנעטישן פעלד.

דעם סוד, אַלדאַ, די צאָל.

פאַר דיר אַליין, מיין יעדנעראַל,
אונדזער צפון-טורעם בויער,
בלויז פאַר דיין אויער:
דאָס דער סוד,
די צאָל.

אַלדאַ, מיין אַלדאַ,
מיר וועלן טיילן שליסלען דער וועלט
צום מאַגנעטישן פעלד.

ג

יעדנעראַל, יעדנעראַל, וואו איז אַלדאַ?
דער מקובל פון מזרח,
וואָס האָט דיר דעם סוד אַנטפּלעקט פונ'ם צפון.
דאָס אייז איז פול מיט שפּאַלטן,
ווי לאַנג קען דער צפון האַלטן
דעם מזרח אָפן שוים.
ס'איז נאָך ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש פאַראַן.
זעץ דיך קאַפּיטאַן
ביים וואַרים-פייער פון די וועלטן,
מען וועט אין טיפער בראָך
דיר אַלץ פאַרגעבן און פאַרגעלטן.
נאָר דערצייל אין רויע רייד,
ווען דאָס דם האָט זיך געגאָסן
פון בער וואָס מאַלמגרען האָט דערשאָסן,
האָט בלויז דיין אויג געלויכטן פון פרייד.
אויף ווייטערדיקע טעג.
צי האָט די לייוונט אין די איינגעווייד
נישט פאַרגאַליקט דיר די פריידן
מיט אַ טריבער אָנונג,
מיט אַ האַרבער מאָנונג,
אַז דער בער האָט אַלדאַ'ס צאָל דערהערט
און אים פאַרצערט.

קאַפּיטאַן,
ס'איז נאָך דורשט צו וויסנשאַפֿט פֿאַראַן:
מען וויל וויסן
דעם טעם פֿון בער'ס ביסן.
יעדנעראַל?
יעדנעראַל, וואו איז אַלדאָ?

---

אַלדאָ פֿאָנטרעמאָלי איז דער יונגער יידיש־איטאַליענישער פּראָפֿעסאָר וואָס איז פֿאַר־לוירן געוואָרן אין דער נאָבילע־עקספּעדיציע אין אַ דיריזשיבל צום נאָרד־פּאָל. נאָבילע האָט אין אַ רעדע אין רוים געזאָגט וועגן פֿאָנטרעמאָלי'ן: „ער איז צוגעקומען צו מיר מיט אַ לייכטנדיק פּנים פֿון פֿרייד און אויסגערופֿן, אַז עס איז אים ענדלעך געלונגען אויסצו־רעכענען דעם האָריזאָנטאַלן באַשטאַנד פֿונעם מאַגנעטישן פֿעלד, און ער האָט מיר גע־זאָגט די צאָל וואָס ער האָט דערגרייכט, וואָס, צום גליק, געדענק איך זי. ווער עס איז באַקאַנט מיט די וויסנשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען וועט באַגרייפֿן דעם אומגעהייערן ווערט פֿון אַט דער אַנטדעקונג".

## אויף שלום עליכם׳ס טויט

דיין טויט אפילו, לאַך־גייסט אונדזערער,
מאַכט אונדז דאָך אויך צום לאַכן:
ווי האָסטו דיר פאַרגינען איצט, גראָד איצט,
דיין לעצטן שפּאַס צו מאַכן.

ווי זאָלן מיר נישט לאַכן ביי דיין טויט,
נישט לאַכן טיף פון הארצן,
ווען אונדזער מזל טרייבט אַ שפּאַס מיט אונדז
און הילט דיך איין אין שווארצן.

אַט ליגסטו שטיל און מיר, נישט זיכער נאָך,
אין שטילער פּיין דערנעבן:
מיר לאַכן, נאָר מיט גרינע יאַשטשערקעס,
אַזוי ווי ביי דיין לעבן.

מיר לאַכן פון דעם מזל שווארץ און וויסט,
וואָס איז אונדז אָנגעוויזן:
אַז אַלע קאַרליקעס פאַרבלייבן אונדז,
און ס׳שטאַרבן אוים די ריזן.

וועסטו אונדז גאָרנישט שוין דערציילן מער,
מיר וועלן דיך מער נישט הערן?
אַז וויי אונדז, ווי עס ווארגט אונדז אין דער קעל
דיין לאַכן פול מיט טרערן.

1916

געזעצט און געדרוקט ביי
מאַרסטין פרעס, אינק.,
228 איסט 45 סט., ניו-יאָרק
אייגנטימער: י. לאנדאן

428